STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00931

GEZAMELTE DRAMEN

Peretz Hirschbein

Permanent preservation of this book was made possible by
Rabbi Bernard Mehlman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאמעלטע דראמען

פון

פרץ הירשביין

צווייטער באנד

אַרויסגעגעבען פון די ליטעראַריש־דראַמאַטישע פעראיינען אין אַמעריקא

ניו יאָרק, 1916.

Copyright by Peretz Hirshbein
1916

אינהאַלט פֿון צווייטען באַנד :

אַ פערוואָרפען ווינקעל

דעם שמידס טעכטער

די פּוסטע קרעטשמע

די פוסטע קרעטשמע

פערזאנען:

בענדעט, אַ ישובניק, האנדעלט מיט פערד.

כיענע, זיין ווייב.

מיטע, זייער טאָכטער.

שאכנע, זיין פאָטער.

איציק, זיין ברודערס אַ זוהן

ציפקע, איציקס אַ שוועסטער.

אייזיק, בענדעטס אַ שכן, אַ קרעטשמער.

לייבוש, זיין זוהן.

נאָהנטע ישובניקעס. געסט. סוחרים. אומבעקאַנטע מענשען. כלי זמר.

ערשטער אקט

ביי בענדעטען. רעכטס, אַ גרויסע שטוב געדעקט מיט שטרוי. פאַר'ן טיר אַ בריקעל. פון שטוב, מעהר צו לינקס, ציהט זיך אַ גרויסע שטאַל, וואָס עפענט זיך מיט אַ טויער. ווען מען עפענט די שטאַל, זעהען זיך דאָרט פערד. אינ'ם היב־טערגרונד אַ צוים. און בוימער ביים זייט. פון דער ווייטענס זעהען זיך לאַנקעס. לינקס אַ זאַמדיגער וועג מיט בוימער ביי די זייטען. ביים וועג אַ ברונען מיט אַ קאַריטע, בהמות אָנצוטרינקען. פאַר'ן שטוב אַ פריזבע צום זיצען. פאַרנאַכט. פון צייט צו צייט דערטראָגט זיך פון ווייטען אַ געזאַנג פון פויגעל, מהו־קען פון קיה, קוואַ'קען פון קאַטש־קעס.

ש א כ נ ע

אָנגעטהאָן, אין ווייסע לייווענטענע הויזען און אין שטיוועל; פון אויבען אַ גרויסער טלית־קטון מיט לאַנגע ציצית. אויפ'ן קאָפּ אַ יאַרמעלקע. ער בעווייזט זיך אין דער שטוב־טיר. ער פיהרט אַ קעלבעל פאַר די אויערען. דאָס קעלבעל רייסט זיך צוריק אין שטוב אַריין, ער איז זעהר אַלט און קען עס ניט אַנ'עצה געבען. ער רעדט צום קעלבעל:

אנגעפויעט דיך, געה זשע צוריק אין שטאל אריין... ציפקע! מיין קלוגע אייניקעל. וועסט העלפען דעם זיידען דאס קעלבעל אין שטאל אריין צו פערטרייבען. די מומע וועט קומען, וועט זי שריי־ען, נאכסאל מען האט עס אין שטוב אריינגענומען... און, אז מייטע וועט קומען... ציפקע... ציפקע...

צ י פ ק ע

אַ שווארץ מיידעל מיט געקרייזעלטע האָר קומט צולויפען פון שטאַל באָרוויס.

מיט א רוט וועל איך זי שמייסען און דו, זיידע, פיהר זי ביי די אויערען, אט אזוי, אט אזוי...

ש א כ נ ע

אַפּ, אַפּ, אַט אַזוי; וועט עס זיין אַ תּנאים; אַפּ, אַפּ, אַט אַזוי.

צ י פּ ק ע

וואָס איז דאָס קעלבעל, נעבעך שולדיג, אַז ביי מייטען דאַרף זיין תּנאים?

ש א כ נ ע

אַפּ, אַפּ, אין שטאַל אַריין.

ער טרייבט דאָס קעלבעל אין שטאַל.

צ י פּ ק ע

פאַר וואָס, זיידע, פאַהרסטו קיינמאָל צו אונז נישט אַראָב? מיינסט, ביי אונז וועט דיר זיין שלעכט?

ש א כ נ ע

כ'וועל נאָך ביי אייך אויך זיין. דיין טאַטע פיניע איז מיר אַ זוהן און דיין פעטער בענדעט איז מיר אַ זוהן.

צ י פּ ק ע

טאַ פאַרוואָס פאַהרסטו נישט צו אונז?

ש א כ נ ע

באַנ'אייך איז שווער אויפצושלאָגען אַ מנין שבת. דיין טאַטע קען דאַווענען אַהן אַ מנין אויך. נאָר כ'וועל קומען, כ'וועל קומען. גאָט וועט געבען נאָך מייטעס חתונה; ביי דיר, אם ירצה השם, וועט תנאים זיין, וועסט אַ כלה ווערען...

צ י פּ ק ע

שיכט אוים מיט אַ געלעכטער.

ש א כ נ ע

וואָס לאַכסטו, קעלבעלע! ווי ווייט איז פון פופצעהן ביז זעכצעהן?

צ י פּ ק ע

איך בין נאָך אינגאַנצען פערצעהן יאָהר אַלט.

ש א כ נ ע

און ווי ווייט איז עס פון פערצעהן ביז זעכצעהן? יעמאָלט וועט

דער זיידע אראָבקומען, וועט ער זיך עס אויספּוצען און טאַנצען מיט א פלעשעלע אויפ׳ן קאָפּ. ציפּקע לויפט אין שטוב אַריין. א וואוהין, ציפּקע?

צ י פּ ק ע

קומט מיט אַ פלעשעל אין האַנט.

אנו, בעוויין, ווי דו וועסט טאַנצען מיט׳ן פלעשעל אויפ׳ן קאָפּ.

ש א כ נ ע

ביזט א קעלבעלע. נישט מיט אזוינס טאַנצט מען. דאָס פלעשעל בעדארף זיין פול מיט דעם בעסטען וויין. און אַרום דעם זיידען זאָלען שטעהן אין קאַראַהאָד דער חתן מיט דער כלה און אַלע מחותנים, האלטען זיך האנט ביי האנט און אָנגעטהאָן אין שבת׳-דיגע בגדים — יעמאָלט וועט דאָס פלעשעל אויפ׳ן זיידענ׳ם קאָפּ איינשטעהן, ווען ער וועט טאַנצען. חי־חי־חי — דאָס איז דאָך דאָס פלעשעל, וואָס מען האָט דאָס קעלבעל געפּוּיעט, נארעלע דו.

צ י פּ ק ע

און ביי מייטען צו די תנאים וועסטו טאַנצען?

ש א כ נ ע

אפשר... גאָט ווייסט, ווען איהר חתונה וועט נאָך זיין. דער פּע־טער עקשנ׳ט זיך און מיר געפעלט עס גאַר ניט... עס דערטראָגט זיך פון ווייטען אַ שאַרפער צוויי קלאנגענדיגער פייף פון אַ פויגעל. אַ שאָד, ס׳וועט שוין מאָרגען ווידער רעגענען.

צ י פּ ק ע

פון וואנען ווייסטו עס?

ש א כ נ ע

הערסט דאָך, ווי ער פייפט; ס׳איז פאר אַ רעגען. אין שטאָל מעקעט דאָס קעלבעל. וואָס ווילסטו דאָרט? כ׳וועל דיך אויפ׳ן גראָז נישט ארויסלאָזען! האָסטו זיך נישט בעדארפט אזוי פערשפּעטיגען. פאר פּורים ווערט מען געבוירען, נישט א שטיק נאָך פּסח. וואָלסטו נישט אזוי שפּעט געבוירען געוואָרען, וואָלסטו שוין איצטער מיט דיין מאַמען אויפ׳ן לאַנקע ארומגעבריקעוועט. נאָכמאָל האָסטו זיך אזוי

פערשפעטיגט ?... חי־חי־חי — זעהסט ציפּקע, ס'איז שטיל געוואַ־רען. חי־חי־חי, עס הערט זיך איין ; עס פערשטעהט... קלייב אַז, מיין קינד, הינטער'ן שטוב טרוקענע שפּענער. די מומע וועט קומען, וועט זי א פייער אויפלעגען און קאָכען וועטשערע.

ס'הערט זיך דאָס הירזשען פון פערד, לינקס, הינטער'ן שטוב.

צ י פּ ק ע

דער פעטער פאָהרט !

לויפט צום וועג.

ש א כ נ ע

אַליין ?

צ י פּ ק ע

אייזיק איז אויך מיט איהם געקומען.

ב ע נ ד ע ט

אַ פעסטער ישובניק, אין אַ לאַנגען קאפטען און מיט אַ שטריק אונטערגעבונדען, קומט אַן מיט אייזיק'ן.

א י י ז י ק

אַ בלאָנדער ישובניק. אַ ביסעל דער רוקען געבויגען.

ב ע נ ד ע ט

קיינער נישטאָ אין דער היים א חוץ אייך ?

צ י פּ ק ע

איך און דער זיידע.

א י י ז י ק

דאָס איז, מסתמא, דיין פּיניעס א מיידעל ?

ב ע נ ד ע ט

פאר וואָס, ציפּקע, ביזטו נישט געגאַנגען מיט דער מומען אין דאָרף אריין ?

צ י פּ ק ע

אַזוי, כ'האָב געוואָלט בלייבען מיט'ן זיידען.

ש א כ נ ע

נאָכמאָל איז דער פערד אויפ'ן וועג געבליבען ? זאָל מען איהם

אויסשפאנען.

בענדעט

דער טייוועל וועט איהם נישט כאפען. זעה, ציפקע, אין קעלניע איז גראז פארהאנען, וועסטו איהם אונטערוואַרפען.

ציפקע

געהט אַרויס צום וועג.

שאכנע

זאָל מען איהם אויסשפאנען.

אייזיק

מיר וועלען נאָך שפּעטער אין ערגעץ פאָהרען. — בענדעט! פרעג איהם, דעם אַלטען, לאָמיר הערען, וואָס ער וועט אויף דעם זאָגען.

בענדעט

ער וועט געוויס נישט הייסען. מיט דער אלטער מיינער וועט נאָך אויך זיין א שווערער עסק. טאַטע! איך וויל ביי דיר עפּעס פרעגען

שאכנע

חי־חיחי — צום טאַטען מיט אנ'עצה — בא, מסתמא א מעשה.

אייזיק

וועט איהר, ר' שאכנע פערזוכען מיין טאבאק?

דערלאנגט איהם זיין טאַבאַק־פושקע.

שאכנע

טהוט אַ שמעק טאַבאַק, פערגאפט פון תענוג.

אַט, דאָס איז א בחיר! אליין געריבען? האָסט מסתמא א גוטען שטיין. דאָס איז בחיר; מעגסט איהם, בענדעט, פערזוכען, איך סדאַנזשע איהם שוין נישט אזוי איינצורייבען.

בענדעט

איצטער, טאַטע, הער זשע אויס מיט קאַפּ.

מיט געטומעל און געלעכטער רייסען זיך אַריין מייטע און ציפקע. קומען פון וועג.

מייטע

טראָגט אויפ'ן פלייצע גראָז, אין אַ פלאכטע איינגעבונדען. זי

בעמערקט איזיק'ן, ווערט זי אומעטיג; וואַרפט איהם אַ ברוגז'ן בליק. בענדעט מערקט עס.

ב ע נ ד ע ט

וואו איז די מאַמע?

מ י י ט ע

זי געהט שוין אַ היים.

צ י פּ ק ע

איך וועל איהם לויפען אנטקעגען.

פערשווינדט.

ב ע נ ד ע ט

צו מייטען.

טראָג די גראָז אין שטאַל אריין.

מ י י ט ע

טראָגט דעם פּאַק אין שטאַל אַריין.

ש א כ נ ע

זאָלסט דאָרט דאָס קעלבעל נישט ארויסלאָזען.

געהט צום שטאַל.

א י י ז י ק

איז מיט אַ האָנער.

ב ע נ ד ע ט

איז דאָך מיינע אַ טאָכטער. אט ווי דו זעהסט — די ערד ציטערט אונטער דעם.

א י י ז י ק

אַזעלכעס בעדאַרף איך.

ב ע נ ד ע ט

צווישען זיך גערעדט, איז עס אַ ביסעל פּאַר דיר אַ צו טייערע סחורה. עס טרעפט נאָך אַ מאָל, אז די קוה וויל פון שטאַל נישט געהן. אַ־אַ, ווי עס טרעפט... אט געהט זי שוין, די אלטע מיינע. וועסט שוין דאָ בלייבען איבער וועטשערע. מען וועט זיך אינאייבנעם גוט דורכשמועסען — דערנאָך וועסטו פאָהרען אַ היים מיט

א קלאָרע תשובה.

ח י ע נ ע

קומט אָן.

צ י פ ק ע

טראָגט איהר נאָך אַ פּאַק „דאָז אין אַ פּלאַכטע איינגעבונדען.

ח י ע נ ע

אט איז ר' אייזיק, א גאסט, א גאסט. וואָס הערט מען עפּעס באנ־
איין?

א י י ז י ק

אלדאָס גוטס.

ח י ע נ ע

איך וועל געהן אין שטוב אויפלעגען א פייער און איהר, ר' אייזיק,
וועט דאָך מסתמא, בלייבען ביי אונז איבער וועטשערע?

געהט אין שטוב.

ב ע נ ד ע ט

געוויס וועט ער בלייבען.

א י י ז י ק

מהיכא תיתא.

זעצען זיך אויפ'ן פּריזבע.

ב ע נ ד ע ט

פארשטעהסטו מיך, ווי מען וויל קען מען זאגען; חאָטש נישט
ווי מען וויל קען מען טהאָן.

א י י ז י ק

אנטקעגען וואָס זאָגסטו עס?

ב ע נ ד ע ט

אט טאקע מכוח דער פוסטער קרעטשמע, מכוח מיין בת־יחידה;
ס'איז פאַרט נישט א פערד צו פערהאַנדלען.

מ י י ט ע

קומט אָן.

איך וויל, אז מען זאָל דאָס קעלבעל האָדעווען.

ב ע נ ד ע ט

טראָג אריין די גראָז אין שטאַל. די מאַמע האָט געבראַכט צו טראָגען.

מ י י ט ע

אויף דעם איז גאָר גוט צו זיצען.

זעצט זיך.

ש אַ כ נ ע

קומט אָן.

וועט עס זיין אַ תנאים! אַ בחיר פון אַ קעלבעל.

מ י י ט ע

ביי וועמען תנאים?

ש אַ כ נ ע

חי־חי־חי. ביי מיר ט'זיין אַ תנאים.

מ י י ט ע

וואָס פאַר אַ תנאים, טאַטע?

ב ע נ ד ע ט

ביי מיר אַ תנאים.

אַ געלעכטער.

מ י י ט ע

קום צו מיר, ציפּקע.

ציפּקע זעצט זיך נעבען איהר, שטיפען ביידע.

ב ע נ ד ע ט

וואָס מיינסטו, טאַטע, מכּוח דער קרעטשמע?

ש אַ כ נ ע

וואָס פאַר אַ קרעטשמע? יענע?

א י י ז י ק

דאָרט ביים ברעג, די פּוסטע.

ב ע נ ד ע ט

כ'מיין, אפשר, וואָס זאָגסטו, טאַטע?

ש אַ כ נ ע

אונטערצינדען זי און גאָר. וואָס דען קענסטו מיט איהר מאַכען?

וועסט זיך מיט „זיי" אָנהייבען דאָרט...

מ י י ט ע

אָ־אָ, איך אויף מיין טאַטענס אָרט וואָלט זי שוין לאַנג אונטער־געצונדען.

א י י ז י ק

אונטערצינדען גאָר?

ב ע נ ד ע ט

צינדען איז נישט נויטיג. דער אָרט איז שולדיג.

ש אַ כ נ ע

געוויס איז דער אָרט שולדיג.

צ י פּ ק ע

דאָס איז די קרעטשמע, וואו ביי נאכט ווערט אַליין פון זיך ליכטיג?

ב ע נ ד ע ט

אַט, זעהסטו, אפילו זי ווייסט אויך פון דעם.

א י י ז י ק

אַלץ אויסגעטראַכטע מעשיות! נישט געשטויגען און נישט געפלויגען. ווער, למשל, האָט געזעהן, אז דאָרט זאָל א מאָל ליכטיג זיין?

ב ע נ ד ע ט

כאַ־כאַ־כאַ, כ'וועל דיר זאָגען דעם אמת; איך בין דאָך עפּעס א מאנסביל און ס'איז דאָך מיינער א בנין, נאָר, אז איך פאָהר דאָרט דורך א מאָל ביי נאכט, ס'איז פינסטער — איז עפּעס נישט ווילענדיג גיב איך א קנאַק מיט דער בייטש, דער פערד זאָל טריט שטעלען... נאָר ס'איז גאָר נישט; אז מען האָט נישט בעדאַרפט — איז עס געשטאַנען, און איצטער וועט מען קיינעם נישט הערען און מען וועט עס אַראָבפיהרען פון דאָרט.

ח י ע נ ע

קומט אַרויס.

מ י י ט ע

מאַמע, ר׳ אייזיק וויל אָבקויפען די פוסטע קרעטשמע.

ח י ע נ ע

איהר זאָלט עס זיך ניט דערוועגען צו טהאָן. כאָטש ס׳איז מיינס — נאָר כ׳היים נישט, כ׳וויל אייך אין קיין בלאָטע נישט אריינפיהרען.

ב ע נ ד ע ט

אָט, הער זי, וואָס זי פּלאַפּעלט.

ש אַ כ נ ע

עך, וואָלטען „זיי" זיך עס צושפּיעלט, ווען מען צינדט זי אונטער.

ח י ע נ ע

איהר זאָלט עס נישט טהאָן, ר אייזיק, ס׳פעהלט אייך נאָך מעהר נישט.

א י י ז י ק

ס׳האַלט נאָך נישט דערביי ; כ׳ווייס, מען רעדט. איך זאָג, אז מען זאָל דעם בנין פון דאָרט אראָבנעהמען און איבערבויען אויף אנ׳אנדער אָרט, ווייל איך מיין, אז דער בנין אליין איז גאָר נישט שולדיג.

ב ע נ ד ע ט

געווים. דער אָרט איז שולדיג.

ח י ע נ ע

און פאר וואָס איז דאָבע פאר דער צייט אין דער ערד געגאַנגען ?

ב ע נ ד ע ט

וואָס דאָבע איז אין דער ערד געגאַנגען — מען ווייסט דאָרט זעהר... וואָס מיינסטו, טאַטע, אז מען זאָל די קרעטשמע פון דאָרט אראָבנעהמען — אָט אזוי ווי זי שטעהט און געהט ? כ׳מיין, מען זאָל זי צענעהמען, איבעראַנייעס אויפבויען, אויף אנ׳אנדער פלאַץ, פערמאַכעווען מיט פרישען מאָך — אָדער איך וואָלט זי גאָר מיט מאָך נישט טשעפּען — דער מאָך וואַקסט ערגעץ אויף די בלאָטעס, צו אַלדי שווארצע יאָהר — כ׳מיין, מיט נייע פּאַקעליעס פון פלאַקס

פערשלאָגען: דעם דאַך מיט שינדלען דעקען, נייע פענסטער אריינ־שטעלען?...

מ י י ט ע

און נייע שדים וועלען דאָרט טאַנצען.

א י י ז י ק

און טאַקי נייע שדים, יונגע שדים וועלען דאָרט טאַנצען.

ער ווינקט מיט אַ גנב׳שען שמייכעל אַ מאָל צו בענדעטען און אַ מאָל צו מייטען.

מ י י ט ע

איך פערשטעה שוין וואָס איהר מיינט.

ב ע נ ד ע ט

וואָס פערשטעהסטו און וואָס ווייסטו!

א י י ז י ק

ער געפעהלט איהר, דעריבער לאַכט זי.

ח י ע נ ע

איך פערשטעה נישט, וואָס זי לאַכט.

ב ע נ ד ע ט

צו מייטען.

נו, געננוג דיר שוין דאָרט צו לאַכען.

צ י פ ק ע

שיסט אוים מיט אַ געלעכטער אויף מייטען קוקענדיג.

ב ע נ ד ע ט

וואָס לאַכט איהר?

מ י י ט ע

אַך, וועט עס שוין זיין אַ פּאָר שדים!

א י י ז י ק

וואָס, עס געפעלט דיר אפשר נישט מיין לייבוש? נישטאָ מיט וועמען זיך צו שעמען. ער וועט נאָך טרעפען, ווי א פערד דעם עק צו פערבינדען.

בענדעט

וואס אנ'אמת איז אנ'אמת. ער געפעלט מיר. לענגער, ווען מען האט בעדארפט בעקוקען דעם פריץ'ס וואלד — כ'האב פון דער ווייטענס אכטונג געגעבען. א כוואט איז ער, נישטא וואס צו רעדען.

אייזיק

שווייגט און ארבייט. ערד — איז ערד; מסחר — איז מסחר; א פערד — איז א פערד; א בהמה — איז א בהמה. ער וועט שוין אין קיין זאך זיינע פינגער נישט פערשטעכען.

חיענע

וואס אמת איז אמת.

שאכנע

הערסטו, אייזיק, ווען דו וואלסט מיר א פושקעלע טאבאק איינגעריבען. איך געדענק גאר נישט אזא בחיר.

אייזיק

דערלאנגט איהם א שמעק טאבאק.

איך וועל נאר א ביסעל צייט האבען, מאך איך עס פאר אייך. נו וואס זאגט איהר, ר' שאכנע?

שאכנע

א בחיר פון א טאבאק.

אלע לאכען.

אייזיק

איך פרעג, וואס מיינט איהר מכח דעם, וואס מיר האבען נאר וואס געשמועסט?

שאכנע

וואס קען איך מיינען? חי־חי — א שמחה איז א שמחה. וואס איז צו האלטען דאס קעלבעל אין שטאל?

חיענע

דער אלטער פעשטעהט זיך אלץ אויף זיין שטייגער. נאר דו, בענדעט, האסט זיך עפעס צו גרינג געלאזט איבעררעדען. זי לאכט, זי מיינט, אז דאס איז נאר חוזק — איך קען דיין טאטען.

ב ע נ ד ע ט

פערשטעהסט, דער טראקט איז א שאַד. זינט ס'האָבען זיך אנגע־הויבען די ירידים אין אונזער געגענד, האָט דער גאנצער וועג אבגעלעבט. און מען בעדאַרף עס פערכאַפּען. איך געדענק נאָך מיט צעהן יאָהר צוריק, מיט דעם אייגענעם וועג, איז רעכט געווען א טאָג מיט א נאכט צו פאהרען און האָסט נישט בעגעגענט עפּעס א מענשען פון דערווייט; עס זאָל אימיצער מיט א גלאָק דורכפאה־רען. האָסטו אימיצען בעגעגענט, איז עס געווען א פויער פון דעם אייגענעם דערפעל; האָסטו איהם געזאָגט „דזשען דאָברי" אָדער ער דיר האָט „דזשען דאָברי" געזאָגט, א שמעק טאַבאק געטהאָן איינער פון דעם אנדערנס פּושקע און ווייטער געפאָהרען — וואָס איז דען פארהאן צו רעדען? איצטער, פאָהרסטו מיט'ן וועג, בע־געגענסט אונבעקאנטע מענשען פון דער פרעמד, פון אנדערע שטעדט. מען קנאַקט מיט דער בייטש. פערד צו דריי געשפּאנט, די גלאָק קלינגט — און מען טראגט זיך. א רעכטע קרעטשמע וואָלט עס אלץ צונויפגעקליבען, וואָלט מען געוואוסט, וואוהין א איד פאָהרט און נאָכמאָל א איד פאָהרט. און דערצו נאָך א איד איז מסחר. וואו ער קומט איז מסחר. — מיר געפעלט עס, וואָס האָב איך דאָ צו לייקענען?...

א י י ז י ק

ווי איך בין א איד, בענדעט, אז איך האָב שוין א סך מאָל געטראַכט וועגען דעם. מיינסטו, אז איך האָב דאָס נישט ארויסגעזעהן?

ח י ע נ ע

וועסט, מייטעלע, מיין קינד, זעהן, אויב עס קאכט זיך.

מ י י ט ע

געהט אין שטוב אַריין טרויעריג.

ח י ע נ ע

פערשטעהט איהר מיך, ר' אייזיק, אָט אזוי ווי איהר זעהט, איז עס בלוט און מילך און עס בעדאַרף נאָר דאָס שטיקעלע מזל. וואָס פערלאנגען מיר דען פון איהרעט וועגען? א בת־יחידה, ס'וואָלט

זיך נישט װעלען פון אױג אראָבלאָזען. און אז ס׳מאכט זיך אזױ פון דער נאָהנט, איז עס א זאך. איך װײס אבער נישט, װאָס ער װעט אױף דעם זאָגען, זײן ברודער פיניע, — און דערצו נאָך איז דאך עס כמעט שױן װי אנ׳אָבגערעדטע זאך...

בענדעט

דאָס װעט ניט זײן! אומזיסטע דבורים, חיענע. אָט זיצט אפילו מײן ברודערס א טאָכטער און איך זאָג, אז כ׳בעדארף עס נישט.

חיענע

איז נישט. כ׳האָב מעהר נישט װי געזאָגט.

בענדעט

ער בעדארף צו מיר אין שטאָל ארײן נישט קריכען: פערשטעהסט? װי דער חשד איז נאָר געפאַלען אױף איהם, האָב איך געזאָגט — נישט! ער איז מיט מיר מעהר קײן מחותן נישט — און נישטאָ פון װאָס צו רעדען.

חיענע

מען בעדארף נאָך בײ איהר אױך פרעגען.

אײזיק

געװיס בעדארף מען.

בענדעט

װאָס מען װעט הײסען, װעט זי טהאָן. טאַטע־מאַמע װעלען זײער קינד אין קײן גרוב נישט ארײנװארפען.

ציפּקע

שפּירט זיך נישט בעקװעם פון דעם שמועס. געהט אין שטוב אַרײן.

חיענע

א מענש קען זיך נישט אײנהאַלטען: זעהסט, אז א קינד זיצט פאַר די אױגען.

בענדעט

װײל איך װיל נישט, דו זאָלסט מיט מיר רעדען פון מײן ברודער און זײן בן־יחיד.

ח י ע נ ע

אָבער וואס קאָכסטו זיך אַזוי? אז מען שמועסט פון א קינדס גליק, בעדארף מען זיך א ביסעל רוהיגער האלטען. און ס'איז נאָך נישט בעוואוסט, ווער ס'האָט ביי דיר די פערד פון שטאל ארויסגענומען.

ב ע נ ד ע ט

געגוג דיר שוין, גענוג! וואָס, מיינסטו דען, וויל איך? איך וויל, אַז זיי זאָלען דאָ נעבען אונז בלייבען — ס'איז מיר דער וועג א שאָד.

ח י ע נ ע

און איך וויל זי גאָר נישט פון שטוב ארויסלאָזען. א בת־יחידה. עס פעהלט איהר חלילה צו עסען אין דער היים!

א י י ז י ק

אָבער פון א תכלית בעדארף מען דאָך שטענדיג קלערען, און אַז קינדער וואקסען אויס, בעדארף מען זוכען א תכלית.

ח י ע נ ע

וואָס זשע ווילט איהר, ר' אייזיק? רעדט קלאָרע דבורים.

א י י ז י ק

איך זאָג, אַז מען בעדארף נישט פאָהרען קיין דאנציג נאָך סחורה, ווען מען האָט עס ביי זיך אין דער היים. ווען דער עפּעלבוים וואקסט הינטער'ן פענסטער, בעדארף מען נישט קריכען איבער'ן פּארקאַן. מיין איך, אַז כ'בעדארף נישט זוכען פאר מיין לייבען פון מרחקים קיין כלות. און איהר, פאר אייער מייטען, בעדארפט נאָך פון דאנציג חתנים נישט אויסשרייבען.

ח י ע נ ע

און הייסט עס —

א י י ז י ק

און הייסט עס, מען וועט פאר זיי אויסבויען א קרעטשמע ביים וועג, וואָס פיהרט צו אייך און צו מיר, און זיי וועלען זיך לעבען א לע־בען. איהר וועט פון אייער זייט אנ'אויג ווארפען און איך פון מיין זייט וועל נישט פערלאָזען. איך בעדארף פון אייך קיין נדן נישט.

איינענע מענשען. מען פערשטעהט זיך שוין אויפ'ן וואונק. איך האָב שוין גערעדט וועגען דעם מיט בענדעטען, מען זאָל די פּוסטע קרעטשמע פון דאָרט אראָבפיהרען און איבערבויען זי אויף דעם אָרט, וואו מען וועט געפינען פאַר רעכט... ווי הייסט, אזא בנין — נאָך ווי א גלאָז. איך האָב אומישנע אויסגעשטשיפּעט א שטיקעל האָלץ פון בעליק, כ'האָב עס אין וואָגען...

ער געהט אָב צום וועג.

ח י ע נ ע

הערסט, בענדעט, מען בעדאַרף זיך גוט איבערלעגען. מען טהוט נישט אזוי גיך, ווי מען רעדט. און מען ווייסט נאָך נישט, ווער ס'האָט ביי דיר די פערד פון שטאָל ארויסגע'גנב'עט. קינדער האָבען זיך ליעב....

ב ע נ ד ע ט

מען איז דאָך נאָך נישט מקבל־קנין.

א י י ז י ק

קומט, ברענגט אַ שטיקעל אָבגעהאַקטע האָלץ.

זעהט איהר, ווי עס גיסט זיך פעך פון דעם? ווי אויף א בוידעם וואַלט זיך עס געטריקענט.

אַלע בעקוקען דאָס שטיקעל האָלץ.

ש אָ כ נ ע

שמעקט.

ריינע קין. קען נאָך א סך מיט יאָהרען שטעהן. הינטער'ן שטוב קרעהט אַ האָהן. אַ האַ, ס'וועט זיין מאָרגען א רעגען.

אַלע הערען זיך צו.

א י י ז י ק

הייסט עס, אז ס'לוינט נאָך פון אזא בנין עפּעס צו מאַכען.

מ י י ט ע און צ י פּ ק ע קומען אַרויס.

ח י ע נ ע

צו מייטען.

וואָס זאָגסטו, מיין קינד? ביי דיר בעדאַרף מען דאָך אויך עפּעס

פרעגען.

מ י י ט ע

איהר ווייסט דאָך אַליין גוט. און לייבוש ווייסט פון דעם, וואָס איהר האָט דאָ אָבגעשמועסט? אפשר וועט ער מיך גאָר נישט ווע־לען?

א י י ז י ק

זעהט נאָר, ווי זי פערשטעהט, פון וואָס מען האָט גערעדט. — זאָג נאָר, אז דו ווילסט; מיט לייבוש'ן וועט מען שוין דורכקומען.

מ י י ט ע

שווייגט.

ב ע נ ד ע ט

זעה נאָר, ווי זי שווייגט. ווי גאָר נישט מכח איהר וואָלט דאָ דער גאַנצער שמועס געווען.

מ י י ט ע

איך בין דאָך אייער בת יחידה; מסתמא פארשטעהט איהר דאָך, אז אַזוי וועט גוט זיין.

לאכט זיך פלוצלינג פונאַנדער.

ח י ע נ ע

וואָס לאַכסטו?

מ י י ט ע

איך שטעל מיר פאָר, איך וועל עס האָבען אן אייגענע קרעטשמע. די שדים וועלען מיר אויפ'ן בוידעם פערטרייבען — חאַ־חאַ־חאַ.

ב ע נ ד ע ט

טפו, צו מיינע שונאים'ס קעפּ זאָל עס אויסגעהן! ווי זי האָט זיך עס צולאַכט.

ח י ע נ ע

קומט, לאָמיר געהן אין שטוב אריין עסען וועטשערע.

ב ע נ ד ע ט

קום, אייזיק, אין שטוב, וועט מען דאָרט עפּעס נעהמען אין מויל אריין. פארשטעהסטו מיך, ס'איז די שפּע א שאָד, שדים... ווען

דאָרט, אין קרעטשמע, זאָל'ן טאַקע האָבען חתונות די „נישט גוטע", וואָלט דער בנין נאָך איצטער אַזוי שטאַרק נישט געווען, אַז זיי פערקלייבען זיך, איז שוין אַז אָך און וועה צום בנין...

אַלע געהען צום שטוב. פּלוצלינג הויבט זיך אָן צו הערען פון ווייטען אויפ'ן וועג אַ גלאָק קלינגען, ווי אימיצער וואָלט מיט'ן וועג אָנקומען צופאָהרען. אַלע בלייבען אַ ווײַלע שטעהן, הערען זיך צו.

מ י י ט ע

דאָס מוזען סוחרים פאָהרען.

ח י ע נ ע

זיי וועלען זיך דאָ נישט אָבשטעלען. געה זיי, בענדעט, אַרויס אַנט־קעגען.

ב ע נ ד ע ט

דער גלאָק איז מיר גוט בעקאַנט.

צ י פּ ק ע

ער איז שוין באַלד דאָ.

א י י ז י ק

מסתמא פון אַ יריד מיט פערד.

ח י ע נ ע

געה, בענדעט, אַרויס און זעה, ווער עס פאָהרט.

מ י י ט ע

געהט אַרויס צום וועג און פערשווינדט. דאָס קלינגען ווערט שטיל. מיט אַ מאָל דערהערט זיך אַ גלאָק ווידער און עס זעהט אויס, ווי אימי־צער וואָלט זיך דורכגעיאָגט הינטער'ן שטוב, אויסמיידענדיג די קרעטש־מע. אַלע געהען צום וועג אַרויס.

ח י ע נ ע

זעהט נאָר, מייטע איז נישטאָ! ווי די פערד האָבען זיך עס צוטראַ־גען! וואו איז מייטע?

צ י פּ ק ע

זי איז אין וואָגען... דאָרט איז דאָך איציק, איך דערקען איציקס

בריטשקע. דריי פערד געשפּאַנט!

ב ע נ ד ע ט

בייז.

וואָס איז דאָס פאַר אַנ'איינפאַל? ווי קומט זי צו איהם אין וואָגען אריין?

ח י ע נ ע

גאָט מיינער, וואָס איז דאָ אזוינס?

צ י פּ ק ע

אז איך זאָג אייך, דאָס איז איציק. זעהט, זיי פערקירעווען זיך צו־ריק. אָט פאָהרען זיי אהער, זיי ווען זיך דאָ אבשטעלען.

ב ע נ ד ע ט

טפו, צו מיינע שונאים'ס קעפּ זאָל עס אויסגעהן! איך האָב פיינט אזעלכע מעשיות.

ח י ע נ ע

טאקי איציק.

ב ע נ ד ע ט

זי וועט שוין פון מיר כאַפּען. וואָס פאָהרט ער צו מיר?

ח י ע נ ע

הערסט, בענדעט, זאָלסט נישט מאכען קיין לייטישע געלעכטער. ער איז דיין ברודערס א זוהן.

ב ע נ ד ע ט

וואָס איז זי צו איהם אין וואָגען אריינגעקראכען? איך וועל איהר די קאָלטענעס אויסרייסען.

א י י ז י ק

מאך זיך נישט נאריש, בענדעט! ביזט נאָך אלץ דער אייגענער געבליבען.

ב ע נ ד ע ט

איך וויל נישט, ער זאָל דאָ פאַרביי מיין שטוב פאָהרען. דו, חיענע, מעגסט איהם זאָגען, אז ער זאָל דאָ מיט זיינע פערד פאר מיין שטוב נישט פאָהרען.

ח י ע נ ע

וואָס, דער וועג איז פערבאַטען?

עס הערט זיך גאָר נאָהנט צופּאָהרענדיג.

ב ע נ ד ע ט

וועסט איהם הייסען פערקירעווען צוריק.

ח י ע נ ע

געה אין שטוב אריין, געה.

ב ע נ ד ע ט

צום שטוב געהענדיג.

ער וועט נאָך די העזה האָבען מיר אין שטוב אריין צו קומען.

א י י ז י ק

געהט איהם נאָך.

האָסט זיך נישט וואָס צו היצען, בענדעט, מיט גוטען קומט מען דורך; אזוי זאָג איך מיר מיינס.

געהען אַריין אין שטוב.

ש אַ כ נ ע

געהט אין שטוב אַריין.

ח י ע נ ע

געווים איציק...

נאָהנט פון שטוב בלייבט דאָס קלינגען שטיל. פערד הירזשען. אַ הונט בילט. מען לאַכט. מייטע קומט אַריין צוהיצט און פרעה־ליך. נאָך איהר געהט איציק, וואוילעריש געקליידט. האָט אין זיך עפּעס ציגיינערישעס. אונטערגעגארטעלט מיט אַ פּיאָלעט־רויטען גאר־טעל און מיט דער בייטש אין האַנט.

א י צ י ק

נו, וואס מאכט איהר, מומע? און דו, ציפּקע, וואָס פּאָהרסטו נישט אַ היים? איך וועל דיך איצטער מיטנעהמען. כ'האָב גאָר נישט גערעכענט דאָ צו זיין. כ'בין גאָר מיט אַנ'אַנדער וועג געפּאָהרען. כ'האָב אפשר אַ מייל וועג אַנגעלעגט.

מ י י ט ע

זיי האבען קיינער נישט געוואוסט, ווער עס פאהרט. איך האב דעם גלאק גלייך דערקענט. ביי נאכט פאהרסטו אויף מיט א גלאק?

ח י ע נ ע

צו וואס בעדארפסטו פאהרען מיט א גלאק?

א י צ י ק

מען זאל מיינען, אז דאס פאהרען פריצים אויף געיעג.

מ י י ט ע

מען וועט דיר נאך בעפאלען ביינאכט און דעם גלאק אראבנעהמען.

ח י ע נ ע

וואס מאכט דער טאטע? וואס הערט זיך עפעס באנ'אייך? איהר וועט, קינדער, באלד אריינגעהן אין שטוב אריין. וועלען מיר אינ־איינעם עסען וועטשערע.

זי געהט אין שטוב אריין.

א י צ י ק

דער פעטער איז נישטא?

צ י פ ק ע

איך היים דיר, איציק, באלד פאהרען א היים און נעהם מיך אויך מיט.

מ י י ט ע

זיי זיינען אין כעס, וואס דו ביזט צום וועג ארויסגעלאפען.

מ י י ט ע

וואס איז ער געקומען אהער, אייזיק?

נעהמט די בייטש פון איציק'ן, קנאקט מיט איהר.

א י צ י ק

איך וועל אין שטוב נישט אריינגעהן. דער פעטער וועט ארויסקו־מען, וועל איך איהם זאגען, אז בעסער זאל ער זיך זיין אייגענעם קאפ פערדרעהען.

מ י י ט ע

אייזיק האט עס צוגעקלערט דעם בלבול אויף דיר, און דער טאטע

זאָגט, אז יענע נאכט האָט ער געהערט צוויי מאָל, ווי מען איז מיט א גלאָק דורכגעפאָהרען פארביי אונזער שטוב, און ער זאָגט, אז ס'האָט געקלונגען ווי דיין גלאָק, און, אז מען האָט דערנאָך די פערד אין שטאָל נישט געפונען, האָט ער באלד געזאָגט, אז דאָס איז דיין ארבייט געוועז.

א י צ י ק

שיסט אוים מיט א געלעכטער.

ווער האָט עס דעם טאַטען דיינעם, דעם חכם, און מיין פעטער אזא מעשה דערצעהלט? ציפקע, געה אין שטוב אריין.

א י צ י ק

איך זאָג דיר, בעסער פאָהר אוועק פון דאנען און נעהם מיך אויך מיט.

געהט אין שטוב.

מ י י ט ע

איך וואָלט דיר הייסען, אז דו זאָלסט באלד אוועקפאָהרען. ס'וועט גאָר נישט העלפען. אז דער טאַטע שפּארט זיך איין, וועט ער דאָך מסתמא זיינס אויספיהרען.

א י צ י ק

מיר וועלען שוין זעהן. איך וועל מיר נאָך היינט מיט איהם אויס־טענה'ן. זאָל ער נישט מיינען, אז איך האָב ביי איהם די פערד פון שטאָל ארויסגענומען. איך קען איהם ביינאכט אנדערע פערד אין שטאָל אריינפיהרען און צו דיר האָט עס נישט. כ'וועל דיך ביי־נאכט פון בעט ארויסטראָגען. כ'וועל פינף פערד שפּאַנען און פון דיין טאַטענס שטוב וועל איך דיך אוועקפיהרען. ער איז מיי־נער א פעטער — נאָר קיין עקשן זאָל ער נישט זיין.

מ י י ט ע

איך מיין, אז מאָרגען, איבערמאָרגען וועט אייזיק צושטעהן, אז...

א י צ י ק

נישט רעד מיר דערפון! מיר וועלען נאָך זעהן, ווער ס'וועט גיכער דעם וועג געפינען.

מ י י ט ע

זיי זאָגען, אז מען וועט פאַר מיר מיט לייבוש'ן איבערבויען די פּוס־טע קרעטשמע. מען וועט פון דאָרט „די נישט גוטע" ארויסטרייבען און אונז וועט מען דאָרט בעזעצען. כ'האָב אליין געהערט, ווי זיי האָבען גערעדט.

ח י ע נ ע

און דו, וואָס האָסטו אויף דעם געזאָגט?

מ י י ט ע

איך האָב געלאַכט.

א י צ י ק

האָסט געלאַכט...

מ י י ט ע

זיי ווילען מיך אין א קרעטשמע אריינזעצען, איך זאָל דעם גאַנצען טאָג זיצען אין פענסטער און ארויסקוקען צום וועג ארויס, אויב אימיצער פאָהרט דורך.

א י צ י ק

געה אין שטוב אריין.

מ י י ט ע

און דו?

א י צ י ק

כ'וועל צו אייך אין שטוב נישט געהן, כ'וועל דאָ וואַרטען, ביז דער פעטער וועט ארויסקומען. כ'וויל מיר מיט איהם אויס'טענה'ן.

מ י י ט ע

וועגען מיר?

א י צ י ק

וועגען די פערד. איך וועל איהם זאָגען, אז אויב ער וויל, קען איך איהם אַנדערע פערד אין שטאַל אריינשטעלען.

מ י י ט ע

און יענע האָסטו טאַקי ארויסגענומען?

א י צ י ק

נישט פרעג דערפון!

מ י י ט ע

נאך וואס ביזטו איצטער אהער געקומען? איך האב מורא האסט נישט בעדארפט קומען אהער היינט, פונקט אין דער צייט... צו וואס בין איך דיר אנטקעגען ארויסגעלאפען? איך האב נישט בע־דארפט צו דיר אין וואגען אריינשפרינגען.

א י צ י ק

ווען דו קומסט נישט ארויס, וואלט איך פארביי געפאהרען און דא זיך אפילו נישט אבגעשטעלט.

מ י י ט ע

איך שרעק זיך אזוי, איציק; איך שרעק זיך אזוי...

א י צ י ק

איך פאהר נאך היינט נישט פון דאנען. איך וועל זיך נאך מיט איי־זיק'ן אויך זעהן; און זיין זוהנעלע דער חכם — איך וועל איהם בעווייזען, ווער איציק איז...

מ י י ט ע

איך בעט דיך, פאהר אוועק. ווי גאט איז דיר ליעב, פאהר אוועק. איך וועל דאך פאלגען, וואס דער טאטע און די מאמע וועלען מיר הייסען; ווען איך זאל אפילו דעם גאנצען לעבען בעדארפען וויינען.

א י צ י ק

וועסט נישט וויינען. כ'וועל באלד אויסשפאנען פון מיין בריטש־קע די פאר שווארצע פערד און וועל זיי איהם אבגעבען.

מ י י ט ע

איציק, טהו עס טאקע.

א י צ י ק

זאל ער ווארטען! נישט איך האב זיי ביי איהם פון שטאל ארויסגע־נומען און דו מיש זיך נישט אין אזעלכע זאכען. — געה אין שטוב אריין.

מ י י ט ע

איציק...

א י צ י ק

ארעמט זי, קושט זי.

אַ, ווען דו ביזט נישט מיין פעטערס טאָכטער, איך וואָלט דיך דער־הרג'עט. כ'וואָלט דיך דערשטיקט און ערגעץ ביינאַכט אונטער א בריק ארונטערגעוואָרפען. טייוועל דו. פון בלאָטע ביזט אויסגע־וואקסען. און דו ווערסט פאָלגען, וואָס דער טאַטע דיינער וועט דיר זאָגען און וואָס... אַ, איך וועל דיך דערשטיקען...

מ י י ט ע

פאָהר אוועק פון דאַנען.

עס הערט זיך חיענעס שטימע פון שטוב רופט: „מייטע! מייטע! געה אין שטוב אַריין!"

א י צ י ק

געה אין שטוב אריין, די מאַמע רופט.

מ י י ט ע

וויל געהן אין שטוב.

א י צ י ק

וואַרט נאָר, נישט לויף, זאָג דאָרט דעם טאַטען דיינעם, אז איך בין נאָך נישט אוועקגעפאָהרען... אויף שטיקער וואָלט איך דיך צו־ריסען. דיינע ווילדע צעפּ וואָלט איך דיר אויסגעריסען. ער האַלט איהר האַנט און קוקט מיט חשד אין איהרע אויגען. דו ווילסט געהן אין שטוב אריין — געה...

מ י י ט ע

גלעט זיין קאָפּ.

איציק, איך וועל ערגעץ אליין א פּאָר פערד ארויס'גנב'ענען און זיי איהם אין שטאָל ארייַנשטעלען...

א י צ י ק

גענוג דיר רעדען דערפון!

עס ווערט טונקעלער דרויסען. די פויגעל זינגען.

מ י י ט ע

לאַדט מיט אנ'איינגעהאַלטענעם געלעכטער.

אז איך װעל זיך בעזעצען אין יענער קרעטשמע, — אַ, װי איך װיל, אז ס'זאָל זיך אזוי אויסלאָזען! איך װעל מיר אליין מיט די „נישט גוטע“ שפּילען. איך װעל זיי אליין ביי די צעפּ אומפיהרען... לייבוש, קוקו!... װייסט, איציק, אז לייבוש איז זעהר א װאוילער בחור? ער איז זעהר א גוטער. אַ, װאָס פאר א גוטער ער איז! אז ער קומט אמאָל צו אונז, אָדער אז איך קום אמאָל צו זיי, קוקט ער אויף מיר מיט אזעלכע גוטע אויגען.

א י צ י ק

ער װיל איהר דערלאנגען מיט דער בייטש. זי מערקט עס נישט. ער האַלט זיך אָב דערפון.

מ י י ט ע

װענדט זיך פלוצלינג צו איהם, דאָס געזיכט פערשטעלט מיט די הענט, רעדט צו איהם מיט פערבאָרגענער ליידענשאַפט.

דערלאַנג מיר א כװאַשטש מיט דער בייטש אזוי, איבער דער פּלייצע, איבער די זייטען; אזוי צוכװאַשטשע מיר די ביינער — דערפאר װאָס איך בין אזעלכע. ברוך... איך װאָלט מיר אליין די צעפּ מיינע אויסגעריסען. אַט די דאָזיגע צעפּ װאָלט איך מיר אליין אויסגעריסען. אז דער טאַטע רעדט, בין איך שטיל װי א טייבעלע. בין איך װי א הינדעלע שטיל און אליץ װאָס ער הייסט פאָלג איך איהם. װייסט, איציק, אז דו ביזט געראַטען אין מיין טאַטען און דו האסט איהם אזוי פיינט. בעט זיך איבער מיט איהם. אז דער טאַטע רעדט, בין איך שטיל װי אַ טייבעלע... בעט זיך איבער מיט איהם. אַט געהען זיי שוין... בעט זיך איבער מיט איהם.

נעהמט פון איהם די בייטש; קנאַקט.

ב ע נ ד ע ט און א י ז י ק קומען אַרויס.

ב ע נ ד ע ט

בלייבט עס אזוי, מארגען װעט מען דינגען גוים, אז מען זאָל די פּוסטע קרעטשמע צענעהמען; זאָל זיך אביסעל דאָס האָליץ דורכ־

לופטערן און באַלד נאָך דער חתונה וועט מען זי איבערבויען.

ער מערקט איציק׳ן, נאָר ער מיידט איהם אויס.

א י צ י ק

כ׳האָב איך, פעטער, אָבגעבראַכט די פערד.

ב ע נ ד ע ט

מאַרגען, מייטעלע, מיין קינד, ווערסטו אַ כלה. הערסט?

מ י י ט ע

שווייגט.

ב ע נ ד ע ט

קום צו מיר, מיין קינד.

ח י ע נ ע

קומט אַרויס.

ב ע נ ד ע ט

אַט איז די מאַמע, געה צו און זאָג, אַז דו וועסט פאָלגען אַלץ, וואָס דער טאַטע און די מאַמע פערלאַנגען.

ח י ע נ ע

צו איציק׳ן.

וואָס שטעהסטו דרויסען? קום אריין אין שטוב, וועסטו עפּעס עסען.

א י צ י ק

איך בין דאָך... ר׳ אייזיק, וואָס מאַכט אייער זוהן? ער ווערט באַלד אַ חתן, האָב איך געהערט...

א י י ז י ק

שוין צייט.

א י צ י ק

צו בענדעט׳ן.

איך האָב, פעטער, אָבגעבראַכט צוריק אייערע פערד.

ב ע נ ד ע ט

אומזיסט דרעהסטו זיך דאָ ארום.

א י צ י ק

איהר זענט, פעטער, אומזיסט אויף מיר ברוגז.

ב ע נ ד ע ט

געה אין שטוב אריין, דער זיידע וויל דיך זעהן.

א י צ י ק

איך האב געהערט, ר׳ אייזיק, אז איהר ווילט פון דער פוסטער קרעטשמע די שדים ארויסטרייבען און דארט בעזעצען...

ח י ע נ ע

איציק, מען טאר עס נישט פון מויל ארויסברענגען.

א י צ י ק

געהט צו בענדעט׳ן.

פעטער, איך וויים נישט וואס צו זאגען פון אייערע פערד.

ב ע נ ד ע ט

שארף.

און איך וועל דיר מיין טאכטער נישט געבען!

ח י ע נ ע

בענדעט...

ב ע נ ד ע ט

מייטע וועט מארגען־איבערמארגען ווערען א כלה פאר אייזיק׳ס זוהן און פון דער פוסטער קרעטשמע וועט מען די שדים ארויס־טרייבען — ס׳איז קיינעמ׳ס דאגה נישט!

א י צ י ק

לאכט.

ב ע נ ד ע ט

און אז איך פרעג מיט גוטען, אז מען זאל מיר זאגען, ווער ס׳האט פון שטאל די פערד ארויסגעפיהרט — זאגט ער מיר, אז ער וועט אנדערע פערד אבגעבען. ער לאזט זיך צו איציק׳ן. זאלסט מיר זאגען, וואו די פערד מיינע זיינען?! מיינע פערד וואו זיינען?!

ח י ע נ ע

בענדעט. גאט איז מיט דיר.

ב ע נ ד ע ט

פון מיין אייגענעם ברודער וויל איך נישט וויסען, אויב ער האָט אזא ממזר אויסגעהאָדעוועט.

מ י י ט ע

טאַטע, טאַטע... .

א י י ז י ק

לאָז איהם צורוה, דעם אויסוואורף.

א י צ י ק

איהר וועט לאָזען גערימען אייער לייבוש'ן, איהר הערט, אייזיק?

ח י ע נ ע

נעהמט איציק'ן פאר'ן האַנט.

קום אין שטוב אריין. קום, כ'וועל דיר געבען צו עסען.

א י צ י ק

לאָזט צורוה, מומע, איך קריג מיר נישט. איך קען דעם פעטער בענדעט זעהר גוט... זאָל ער זיך נישט קאָכען. ווען איך זאָג איהם, אַז כ'וויים פון די פערד נישט צו זאָגען, פערשטעלט ער מיר דעם וועג. איך וועל נאָך צו קיין פעטער אין שטאָל נישט קריכען... בעדארף איך נאָך דערצו גרויסע מעשיות דערצעהלען.

ב ע נ ד ע ט

מען ווייסט, מען ווייסט.

א י י ז י ק

איך פאָהר אַ היים.

א י צ י ק

איהר וועט, אייזיק, די שדים פון קרעטשמע נישט ארויסטרייבען.

א י י ז י ק

דעם צונג בייס זיך אָב.

א י צ י ק

כ'האָב מיר שוין איין מאָל דעם צונג איינגעביסען.

ב ע נ ד ע ט

מען ווייסט, מען ווייסט. קענסט אויך א היים פאָהרען.

א י צ י ק

איך וועל פאַהרען, אויב כ'וועל וועלען.

קנאַקט מיט דער בייטש.

ב ע נ ד ע ט

פאַהר, אייזיק, אליין, וועסט מיר מאָרגען דעם פערד אַבברענגען.

א י י ז י ק

אַ גוטע נאַכט.

אָב.

ח י ע נ ע

לאָזט גערישען אין דערהיים.

א י צ י ק

גיט אַ קנאַק מיט דער בייטש. אַ וואָרף טהוענדיג אַ „גוטע נאַכט" געהט ער אָב צום וועג. ב ע נ ד ע ט און ח י ע נ ע גע־הען אויך צום וועג אַרויס.

מ י י ט ע

בלייבט אַליין. לויפט אום ווי אַ צורייצטע חיה אין אַ שטייג. לויפט אין הינטערגרונד שטעלט, זיך אויפ'ן פּליט און ווינקט מיט'ן האַנט, ווי זי וואָלט אימיצען רופען פון ווייטען. פערד הירזשען, די גלאָק קלינגט. זי שפּרינגט פון פּליט אַראָב. ב ע נ ד ע ט און ח י ע־נ ע געהען צוריק.

ב ע נ ד ע ט

מייטעלע, מיין קינד, קום צו מיר.

מ י י ט ע

געהט צו איהם, רעדט שטיל.

וואָס, טאַטע!

ב ע נ ד ע ט

ווייסט, אז מאָרגען ווערסטו א כלה?

מ י י ט ע

איך ווייס.

ב ע נ ד ע ט

געפעלט דיר אייזיק׳ס זוהן?

מ י י ט ע

יע, ער געפעלט מיר.

ב ע נ ד ע ט

און דו וועסט איהם ליעב האבען נאך דער חתונה?

מ י י ט ע

איך וועל איהם ליעב האבען.

ח י ע נ ע

און וועסט אַז טאַטע־מאַמע נישט פערגעסען?

מ י י ט ע

שווייגט.

ב ע נ ד ע ט

נו, איצטער קום אין שטוב אריין. גענוג דיר אויף דרויסען צו זיין...

זיי געהען אלע שטיל אין שטוב אריין. ס׳איז שוין פינסטערליך. אויפ׳ן דאך קרעהט א האהן. אין שטאל מע׳קעט דאס קעלבעל.

מ י י ט ע

קומט ארויס שטיל פון שטוב, זי איילט צום פלייט אין הינטערגרונד. זי קריכט אויף איהם און ווינקט אין דער שטיל צו אימיצען.

א י צ י ק

בעווייזט זיך פון דער אנדערער זייט פלייט, קלעטערט ארויף צו מייטען.

צווייטער אקט

א זומער־אווענד. ביי בענדעט׳ן. א גרויסע שטוב ווייס אויסגע־קאלכט, בעלויכטעט מיט ליכט, וואס ברענען אין לייכטער און אין א גרויסען שבת׳דיגען הענגעלייכטער ריין אויסגעשייערט. די מעש בלאנקט. אלץ ארום איז זויבער, שמינקעלט. די טיר אין הינטערגרונד און די פענסטער זענען אפען. די אונטערשטע העלפט פענסטער איז מיט ווייסע פארהאנגלעך פערצויגען. די פאדלאגע איז אויסגעשאטען מיט גרינעם פלישניק. צוויי גרויסע טישען איינפאכע, בעדעקט מיט גראבע, אבער ריינע טיש־טוכער, שטעהען רעכטס און לינקס. די טישען געגרייט מיט פלעשער, טעלער.

שאכנע

זיצט ביים טיר, אין א ווינקעל, און רייבט כריין.

חיענע

קומט אריין פערהארעוועט. די ארבעל פערקאשערט. צום אלטען. איהר, שוועהר, וואלט זיך ערגעץ אויף דער גאס געזעצט דעם כריין רייבען.

שאכנע

אבער שטארק איז ער — ברענט ממש די אויגען אויס. וויל ארויסגעהן.

חיענע

זאל שוין זיין, זאל שוין; וואו ט׳איהר שוין איצטער געהן?

שאכנע

ווייסטו, וואו כ׳האב איך אויסגעפונען?

חיענע

ברענגענדיג אין ארדנונג די שטוב.

וועמען?

שאכנע

דעם כריין. אזש אויף די פאראיאהריגע קארטאפעל־פעלדער.

ח י ע נ ע

און דאָ נעהנטער האָט מען זי גאָר נישט געקענט קריגען, די טייערע מציאה?

ש אַ כ נ ע

נישטאָ. אָבער אויף אַ רפואה נישטאָ. אָבער ווייסטו נישטאָ — ווי ער וואָלט דאָ גאָרנישט געבארען געווארען.

ח י ע נ ע

שווער!

ש אַ כ נ ע

וואָס, מיין קינד, ביזט פערהארעוועט?

ח י ע נ ע

רעדט־איבער מיט אייער זוהן, ער זאָל נאָך איצטער שיקען אַ פּאָר פערד נאָך פיניען.

ש אַ כ נ ע

אזא עקשן. אזא עקשן.

ח י ע נ ע

מען בעדאַרף דאָך וויסען, ווען צו פּראָווען עקשנות. ער מיינט דאָס האָט ער צו טהאָן מיט אַ גוי מכח אַ פערד. מען קאָן נאָך חלילה — כ׳וויל עס פון מיין מויל נישט ארויסרעדען. און דערצו נאָך, וואָס איז איהם איינגעפאַלען היינט און דוקה היינט איינצוּוואַרפען די פוסטע קרעטשמע? איך וויל עס פון מיין מויל נישט ארויסרעדען. און די גאַנצע זאַך — עפּעס ווערט מיר דאָס הארץ צוריסען. מען וואוינט פערוואָרפען — אזוי מאַכט מען עס אַ איין־און־איינציג קינד חתונה.

ש אַ כ נ ע

אנ׳עולה בנאמנות.

ח י ע נ ע

אויס טרעהרען.

מען מאַכט חתונה אנ׳איין־און־איינציג קינד, פיהרט מען ברוגז׳ן כ׳וואָלט זאָגען: מיינער אַ ברודער — אלץ מוחל, — ס׳איז דאָך

אבער זיינער אנ׳אייגענער ברודער, אייערער א זוהן, און איהר שוויגט...

ש אַ כ נ ע

איך האָב איהם געזאָגט, אז ס׳איז אַ גרויסע עולה, אויב פּיניע וועט אויף דער חתונה נישט זיין. וואָלט ער געווען א מענש, דער פּיניע, שפּאנט מען איין א פּאָר פערד, מען פערנעהמט ווייב און קינד און מען קומט צופאָהרען.

ח י ע נ ע

אומגעבעטענערהייד?

ש אַ כ נ ע

און אַ טאַטען בעדאַרף מען אויך קיין עגמת־נפש נישט פערשאַפען. אז איך האָב צוויי זיהן און איינער מאכט חתונה א קינד, בעדאַרף דער אנדערער צו דער חופּה נישט פעהלען.

ח י ע נ ע

וואָלט איהם עפּעס דער אויבערשטער אריינגעשיקט א געדאנק, אז ער זאָל אליין נעהמען און קומען... דאָס קינד האָט שוין היינט, נעבעך, געוויינט אויך. „ביי מיר איז היינט חופּה, זאָגט זי, און דער פעטער פּיניע איז נישטאָ“. איך בעט אייך, שווער, בעפוילט איהם, ווי א טאַטע בעפוילט אנ׳אייגען קינד, ער זאָל הייסען שפּאַ־נען פערד און אריבערשיקען צו פּיניען.

ש אַ כ נ ע

איך וועל עס איהם זאָגען.

ב ע נ ד ע ט

קומט אַריין.

גאָר דאָ ביזטו און איך האָב דיך אומעטום געזוכט.

ש אַ כ נ ע

האסט מיך בעדאַרפט?

ב ע נ ד ע ט

כ׳האָב מורא, אז דאָרט אין דער אנדערער שטוב וועט פאר זיי קנאַפּ אָרט זיין.

ח י ע נ ע

קיין בייז נישט. ס'איז א שעהנע נאכט, ווער ס'וועט וועלען, וועט מען איהם מאכען אנ'ארט צום שלאפען אין דרויסען, אדער אויפ'ן ביידעם אין די היי.

ב ע נ ד ע ט

ס'איז אויך אנ'אמת.

ח י ע נ ע

דאס קינד האט גערעדט מיט דיר?

ב ע נ ד ע ט

וואס האט זי דען געהאט צו רעדען מיט מיר?

ח י ע נ ע

קוקט איהם אן פערזאָרגט.

ב ע נ ד ע ט

וואס האט זי געהאט צו רעדען מיט מיר? ביזט א אידענע. וואס שטעהסטו מיט פערקאשערטע ארבעל און קוקסט מיך אן? וואש זיך ארום, טהו זיך איבער, ווארום אט אזוי, ווי דו זעהסט, איז דער גאנצער עולם דא.

ח י ע נ ע

עפּעס איז נישט ווי ביי לייטען; עפעס פעהלט.

ב ע נ ד ע ט

וואס איז דיר נישט ווי ביי לייטען? נו וועלען דאך שוין קלעזמער אויך זיין. כאטש גוים, אבי קלעזמער.

ח י ע נ ע

כ'וואלט דיר די קלעזמער מוחל געווען.

ב ע נ ד ע ט

טא וואס דען ווילסטו?!

ח י ע נ ע

אז דו ביזט שוין אין כעס.

ב ע נ ד ע ט

וואס ווילסטו, טאטע, האבען מיט'ן כריין?

ש א כ נ ע

קלאפט אויס דעם ריבאייזען.

נו, שוין, שוין, מעהר וועל איך שוין נישט רייבען. — איצטער, זוהן מיינער, וויל איך, דו זאָלסט הייסען שפּאנען א פּאָר פערד און שיקען נאָך פּיניען מיט ווייב און קינד.

ב ע נ ד ע ט

אין אַ פערלעגענהייט.

ח י ע נ ע

האָסט שוין אליין חרטה פאר דיין עקשנות. רעכט אויף דיר. וועסט זיך נאָך אמאָל אויסצאָהלען פאר דיינע גענגעלעך.

ב ע נ ד ע ט

ס'איז נישט דיין דאגה!

ח י ע נ ע

אודאי איז נישט מיין דאגה, און ס'איז נישט דיין טאַטענס דאגה, און נישט דיין קינד'ס דאגה. — און אז דאָס קינד האָט היינט געוויינט, איז אויך נישט דיין דאגה.

ב ע נ ד ע ט

וואָס זענט איהר צו מיר צוגעשטאַנען?

ח י ע נ ע

קיינער איז צו דיר נישט צוגעשטאַנען. טהו דיר ווי דו פערשטעהסט. ביי מיין קינד איז חתונה, ווילען פרעמדע לייט יע זיין און אייגענע ווילען פעהלען.

ש א כ נ ע

ביי לייטישע מענשען טהוט מען נישט אזוי.

ב ע נ ד ע ט

לאכט.

און אז איך האָב שוין געשיקט נאָך מיין ברודער — איז שוין גוט?

ח י ע נ ע

זאָג מיר, אויף אנ'אמת.

ש א כ נ ע

אז ער זאגט, מעגסטו איהם גלויבען.

ב ע נ ד ע ט

כ'האב געוואוסט, איהר וועט מיר מיין קאפ בעקלאגען מיין גאנצען לעבען — פיניע מיט זיין כאליאסטרע איז ביי מיין קינד אויף דער חתונה נישט געווען. האב איך גענומען און געשיקט.

ח י ע נ ע

וועז, נאך אין דער פריה?

ב ע נ ד ע ט

באגינען. כ'האב געלאזט וויסען, אז דער טאטע מיט זיין שווער־געריין און די כלה בעטען איהם, קומען אויף דער חתונה.

ח י ע נ ע

און פון דיין נאמען האסטו איהם נישט געבעטען?

ב ע נ ד ע ט

ער איז דאך מיינער א ברודער.

ח י ע נ ע

אז אך און וועה צו אזא ברודער.

וויינט.

ב ע נ ד ע ט

לאכט.

קוקט נאר אויף איהר. כ'האב איהם אין מיין נאמען אויך געלאזט וויסען — ביזטו שוין רוהיג? נאך מיין רעכענונג בעדארפען זיי באלד אנקומען.

ח י ע נ ע

שרייט.

מייטע, מייטע! דער טאטע האט דאך געשיקט בעטען דעם פעטער אויף דער חתונה.

מ י י ט ע

קומט ארויס פון צימער פרעהליך, ווארפט זיך בענדעט'ן אויפ'ן האלז.

ב ע נ ד ע ט

זעה נאָר, ווי דאָס פּיצעלע קינד האָט זיך עס דערפרעהט.

מ י י ט ע

און דערפאר האָב איך דיך אַזוי ליעב!

ח י ע נ ע

האָסט זיך שוין, מיין קינד, בעדארפט אָנטהאָן.

מ י י ט ע

קושט בענדעט׳ן.

און איצטער וועל איך מיר אָנטהאָן.

איילט אין צווייטען צימער.

ח י ע נ ע

איך וויל נישט, דאָס קינד זאָל עס הערען. מיר דאכט זיך, אז היינט האָט מען נישט בעדארפט רירען די פּוסטע קרעטשמע — היינט אין דעם טאָג פון דער חתונה — כ׳וויל עס פון מיין מויל נישט ארויסלאזען...

ב ע נ ד ע ט

שטרענג.

זאָלסט מיר איצטער נישט רעדען וועגען דעם — הערסט וואס מען זאָגט דיר? די חופה וועט מען שטעלען פאר׳ן שטוב...

עס הערט זיך קלינגען אַ גלאָק.

ש אַ כ נ ע

מען פאָהרט!

ח י ע נ ע

דאָס פאָהרען חתונה־לייט. געה, בענדעט, ווייז זיי אין דער אנדע־רער שטוב אריין.

מ י י ט ע

שרייט פון איהר צימער אַרויס.

מען פאָהרט, מען פאָהרט, אין א וואגען מיט דראבענעס זענען זיי געקומען.

ב ע נ ד ע ט

געהט אַרויס.

ח י ע נ ע

געהט איהר, שוועך, אויך ארויס אין בעוויזט דאָרט.

ש אַ כ נ ע

איך געה, אַט שוין.

געהט אַרויס.

ח י ע נ ע

רופט.

קום צו מיר, מיין קינד, איך וועל דיר העלפען פערשפּיליען די העקלעך.

מ י י ט ע

קומט אַרויס אין אַ נייע העל־בלויליכע קלייד.

פון קלייד שמעקט מיט נייקייט.

ח י ע נ ע

שפּילעט די העקלעך, קושט מייטען.

נאָר גליקליך זאָלסטו מיר זיין, נאָר נחת זאָלען מיר פון דיר האָבען. ווי שעהן דאָס זעהט אויס.

מ י י ט ע

אין שטאָדט צו אַ חופה, מאמע, ווי איז עס?

ח י ע נ ע

ווער ווייסט זיי דאָרטען מיט זייער שטאָדט.

מ י י ט ע

וואָלטען גוטע קלעזמער שפּילען.

ח י ע נ ע

עס וועט דיר שוין, אם ירצה השם, אזוי אויך דאָס לעבען זיס זיין... אַט וועל איך דיר, מיין קינד, דעם קאָפּ פארקעמען.

קאמט איהר דעם קאָפּ, עס הערט זיך ווידער אַ גערויש פון צופאַה־רען פאר׳ן שטוב.

מ י י ט ע

לויפט צום פענסטער.

מאמע, מאמע, אנ׳אנגעפאקטע פוהר מיט מחותנים!

ח י ע נ ע

קוקט אין פענסטער.

דאס איז דאך פון ליענטשוויץ, מיין קינד. דער טאטע פיהרט זיי אין דער אנדערער שטוב אריין.

מ י י ט ע

אימיצער געהט אהער.

א פ ר ו י

קומט אריין, טראגט א גרויסע קופערנע פאן פיש.

ווי עס שמעקט! אזוי זאל נאר, אם ירצה השם, איהר מזל שמעקען. וואו שטעלט מען עס?

ח י ע נ ע

אין קאמער, חנה׳שי.

פ ר ו י

קומענדיג פון צווייטען צימער.

קיין עין הרע, ס׳וועט שוין זיין, ווער ס׳זאל די פיש עסען. איילט זיך צו א ביסעל, חיענע׳שי.

געהט ארויס.

מ י י ט ע

הערסט, נאך א פוהר איז אנגעקומען... דו, מאמע, ביזט גאר נישט פרעהליך.

ח י ע נ ע

פאר דער חתונה, מיין קינד, איז מען ביי טאטע־מאמע, לעבט מען אינ׳ם מזל פון טאטע־מאמע; נאך דער חתונה אבער דערלאנגט מען דיר צוויי זעקעלאך, אין איינעם איז מזל און אינ׳ם אנדערען איז צרות מיט וועהטאג, און גאט וויים...

קושט נאך אמאל איהר קינד דויערענד, אהן ווערטער; זיי ווע־רען ביידע ווי צוגעקלעפט איינער צום אנדערען... ס׳הערט זיך בענדעט׳ס

שטימע פון דרויסען צום טיר שרייענדיג: „מענשען געהען שוין!“ ס׳הערט זיך אַ מיידילשעס קלינגענדיג געלעכטער דרויסען. חיענע און מייטע וואכען אויף. טרעטען אָב איינע פון דער אַנדערער און וואַר־טען צום טיר קוקענדיג. עס קומען אַריין געסט: דאָרפישע אידישע פרוי־ען און מיידלעך, מאַמעס מיט קינדערלאַך אויף די הענט און קינדער־לאַך ביים זייט, געקליידעט לויט דעם דאָרפישען אידישען געשמאַק. מיידלעך, די פרויען קושען זיך מיט מייטען, מען ווינשט זיך: „מזל טוב“, „מזל טוב“

ערשטע פרוי

אַ כלה ווי אַ מלכה.

צווייטע

ווי די ליכטיגע זון.

דריטע

אמאָל פון איין קינד האָט מען מעהר נחת ווי פון צעהן.

ערשטע מיידעל

דו, מייטע, שעמסט זיך גאָר נישט פאַר מיר?

מייטע

איך שעם זיך טאַקי.

אַ געלעכטער.

ערשטע פרוי

אַזאַ חתן — אַ בריליאַנט. זיי וועלען, אם ירצה השם, האָבען אַ גליק־ליך לעבען.

חיענע

וואָס בעדאַרף דען אַ מאַמע מעהר! איך געדענק ווען איך בין נאָך אַ קליין מיידעלע געוועזן. פונקט ווי זי האָב איך אויסגעזעהן.

צווייטע מיידעל

די יאָהרעלאַך לויפען.

דריטע פרוי

און מיין פעריל זאָגט, אַז זי האָט נאָך צייט. „וואָס — זאָגט זי — האָב איך קיין צייט נישט? זאָלען זיך — זאָגט זי — נאָך

אביסעל די באקען רויטלען".

ערשטע פרוי

פאר וואס, מייטעלע, האסטו דעם שלייער נישט אנגעטהאן? אין שטאדט איז מען באלד פון אנהייב אבענד אין חופה־שלייער.

צווייטע

קוקט איהר נאר אן — א קאפ פון א בת־מלכה.

חיענע

ברענגט ארויס פון אנדערען צימער א שלייער און מען דעקט מייטען צו דעם קאפ.

ערשטע מיידעל

מייטעלע שוין מיט א פערשלייערטען קאפ. וואס ביזטו אומעטיג, מייטעלע?

עס קומען אריין נאך מיידלעך, מיט בוקעטען פעלד־בלומען.

חיענע

זעהט נאר, זעהט נאר, וואס גוטע פריינד קענען.

מיידלעך קושען זיך מיט דער כלה.

ערשטע מיידעל

אלערליי בלומען האבען מיר פאר דיר אויסגעזוכט.

צווייטע

איבער וואלד און פעלד, מיילען זיינען מיר אויסגעגאנגען, און די שעהנסטע בלומען אויסגעזוכט.

ערשטע פרוי

ווי שעהן דאס איז! נאר דאס מזל זאל פאר איהר לייכטען.

ערשטע מיידעל

מייטעלע איז בלייך פון פאסטען — אמת, מייטעלע?

מייטע

ענטפערט נישט.

צווייטע פרוי

וואס וועט איהר דען פעהלען ביי איהם? דאס טעלערל פון הימעל וועט ער דען פאר איהר נישט אראבנעהמען?

דריטע פרוי

ער איז דאָך פון קאָפּ ביז די פּיס אין דער מאַמען זיינער געראַטען.— די מאַמע זיינע — זאָל זי האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן — איהר פּנים, איהרע אויגען און אפילו דער לשון זיינער — צוויי טראָפּענס וואַסער.

עס קומען אַריין צוויי דאָרפישע פויערים, קלעזמער. איינער מיט אַ פידעל אין אַ רויט טיכעל איינגעוויקעלט און דער אַנדערער מיט אַ פייקעל.

עס ווערט אַ בעוועגונג אין עולם.

ערשטער קלעזמער

דאָבּרי וועטשור!

צווייטער קלעזמער

דאָוואָיי בי וועסעליטעסאַ.

חיענע

באַלד וועל איך זיי געבען צו גלעזלאָך בראַנפען:

זי איילט אין אַנדערען צימער — ברענגט אַרויס צוויי גלעזלעך בראַנפען און שטיקער ווייסע חלה. די קלעזמער טרינקען. ווישען אָב די מיולער, פערבייסען מיט חלה, באַלד נעהמען זיי זיך צום שפּילען. זי שפּילען מיט גרויס חשק און מיט פרישקייט אַ דאָרפישען טאַנץ. מיידלעך מאַכען אַ וואַרע, צושטעלען זיך אָן אַ זייט, די כלה זעצט מען אויבען אָן אויף אַ שטול, אונטער איהר אַ קישען, ביי די זייטען, בעבען די כלה שטעלען זיך איהרע פריינדינס מיט בוקעטען בלומען אין די הענט און באַלד הייבט דער טאַנץ אָן: פיער ווייבער, פּאָר־וויוז — איין פּאָר אנטקעגען דער אַנדערער — לאָזען זיך אַרויס אין אהאָפּקע; באַלד נאָך זיי לאָזען זיך צוויי מיידלעך אַרויס אין דעם אייגענעם טאַנץ. דער עולם קוקט ערענסט צו, די פּאָרען בייי־טען זיך. אין די פענסטער בעוויזען זיך דאָרפישע פויערן, יונגע מיידלעך קוקען נייגעריג.

אַ מיידעל

מיט דער כלה וועל איך טאַנצען!

ש ט י מ ע ן

מיט דער כלה, מיט דער כלה!

מ י י ט ע

הויבט זיך אויף פון איהר אָרט און טאַנצט מיט יעדען בעזונדער.

א י צ י ק

בעווייזט זיך אונגעריכט אויפ'ן שוועל. נעבען איהם נאָך אַ פּאָר יונגען. ער איז יום־טוב'דיג געקליידט.

מ י י ט ע

בעמערקט איהם. רייסט איבער דאָס טאַנצען. זי וואַרפט זיך איהם אַנטקעגען. ס'איז צו מערקען איין אונצופרידענהייט צווישען איהרע פריינדינס, וועלכע סוד'ען זיך קוקענדיג אויף איציק'ען. דאָס שפּילען הערט אויף.

ח י ע נ ע

צו איציק'ן.

דער טאַטע איז אויך געקומען?

א י צ י ק

דער טאַטע איז נישטאָ. ציפּקע איז געקומען.

מ י י ט ע

דער פעטער האָט נישט געוואָלט קומען — און דו, פאַרוואָס האָסטו איהם נישט גענומען?

ע ר ש ט ע פ ר ו י

אַנ'אייגענעם ברודער טהוט מען נישט אזוי — שעמען בעדאַרף ער זיך.

צ ו ו י י ט ע פ ר ו י

אַ חתונה איז געגליכען צו ערב יום כפור — מען מוז זיך איבערבעטען.

ח י ע נ ע

האָבען זיי זיך דען אַ מאָל געקריגט?

מ י י ט ע

צו איציק'ן אין אַ זייט.

פאר וואס ביזטו אזוי שפעט געקומען?

א י צ י ק

נו בין איך דאך געקומען... אזוי טרוקען וועט עס דיר נישט אבגעהן...

צ י פ ק ע

קומט אריין.

ח י ע נ ע

לויפט איהר אנטקעגען.

פארוואס האסטו דעם טאטען מיט געוואלד אויף דער חתונה נישט געבראכט.

קושען זיך.

א י צ י ק

זייט וויסען, מומע, אז אונזערער א מענש האט פיינט קריוודעס... נו טאנצט, ווייבער: טאנצט, מיידען — וואס שווייגט איהר? אז קיינער וועט נישט זעהן, וועל איך אויך כאפען א טענצעל. צו די צוויי יונגען, וועלכע שטיפען אן א זייט מיט די מיידלעך. חיים! אברהם'ל! כאפט אריין, ווען קיינער זעהט נישט! נו שפילט, קלעזמער! די יונגען טאנצען. אט אזוי, איך וועל באלד זעהן, אויב איך אליין געדענק נאך עפעס — שטארקער שפילט!... אט אזוי...

ער לאזט זיך אוועק טאנצען. די יונגען טרעטען איהם אב דעם פלאץ. טאנצענדיג כאפט ער יעדעס מאל ארוים אנ'אנדער מיידעל פון עולם און טאנצט מיט איהר — שפעטער כאפט ער ארום די כלה, וואס פרובט זיך פון אנפאנג א ביסעל ווערען, נאר באלד גיט זי נאך. די פידעל מיט'ן פייקעל ארבייטען מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג.

ע ר ש ט ע   פ ר ו י

געגוג שוין, זי וועט נאך אין חלשות פאלען.

צ ו ו י י ט ע

ווי פון קייט וואלט ער זיך אבגעריסען.

ח י ע נ ע

ווינקט צו די קלעזמער, זיי זאלען שווייגען. דאס שפילען

רייסט זיך איבער.

מ י י ט ע

לאָזט זיך אַראָב אויף איהר שטול. בלאַס.

א י צ י ק

אַט אַזוי טאַנצען די שדים אין בלאָטע.

אַ פ ר ו י

טפוי זאָל עס ווערען — געטראָפען אַ ריכטיגע צייט, ווען זייער נאָמען צו דערמאָנען.

א י צ י ק

דער טייוועל וועט אונז נישט כאַפּען.

ח י ע נ ע

גאָה, איציק, מיין קינד; גאָה צו די מאַנסלייט. גאָה צום חתן.

ב ע נ ד ע ט

קומט אַריין.

מען בעדאַרף די קלעזמער האָבען צום חתן.

א י צ י ק

מזל טוב, פעטער! מיין טאַטע — אייער ברודער זאָגט, אַז ער וויים אויך, ווי עקשנות צו פיהרען.

ב ע נ ד ע ט

היינט פאַרשטער איך נישט קיין שמחה.

א י צ י ק

זעהט איהר, פעטער, אַז איך בין אין אייך געראָטען. איך האָב אויך פיינט שמחות צו פערשטערען. אַז אַ פעטער מאַכט חתונה זיין טאָכטער, איז איציק געקומען אויף דער חתונה.

ב ע נ ד ע ט

ווינקט צו די קלעזמער און צו איציק'ן, זיי זאָלען מיט איהם מיטגעהן. זיי פאָלגען איהם.

א י צ י ק

רופט די יונגען מיט זיך.

קומט צום חתן!

די יונגען מיט איציק'ן געהען ארויס.

מ י י ט ע

פיהלט זיך שוואך.

קום צו מיר, מאמעשי.

ח י ע נ ע

וואס איז דיר, מיין כשר קינד?

ע ר ש ט ע פ ר ו י

איז, נעבעך, פער'חלש'ט פון פאסטען.

צ ו ו י י ט ע פ ר ו י

דאס איז איהר פון טאנצען נישט גוט געווארען.

ע ר ש ט ע מ י י ד ע ל

ער האט מיר שיעור הענט און פיס טאנצענדיג נישט צובראכען.

אנ'אלגעמיין געלעכטער.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל

דאס הייסט נאך נישט געטאנצט. אז מען טהוט זיך אוים בארוועס און מען טאנצט אין כאפעניש — דאס פערשטעה איך. צו א צוויי־טער. דו געדענקסט, זלאטקע, דעם טאנץ?

ד ר י ט ע מ י י ד ע ל

איך קען צעהן־ערליי טענץ. איך קען זיי אלע אויסטאנצען.

עס דערהערט זיך פון דרויסען א גערויש פון אנגעקומענע פוהרען. עטליכע גלעקלעך קלינגען. אייניגע פון די שטוב־לייט איילען צום פענסטער, צום טיר — אנדערע געהען אויף דער גאס ארויס.

ח י ע נ ע

ווער האט עס איצטער נאך געקענט אנקומען — אפשר פיניע?

ע ר ש ט ע מ י י ד ע ל

אין פענסטער קוקענדיג.

געסט: חתונה־לייט. אין גרויסע בריקעס געשפאנט.

צ ו ו י י ט ע מ י י ד ע ל

איינס, צוויי, דריי — דריי אנגעלאדענע בריקעס זענען צוגעפאהרען.

דריטע מיידעל

אט קומט א פערטע בריקע אן.

ערשטע

וואס פאר א מענשען! גאר אונבעקאנטע, זעהט אוים.

חיענע

דאס זיינען געווים סוחרים... פאהרען ערגעץ אויף א יריד.

קוקט אין פענסטער.

צווייטע מיידעל

זעהט נאר, צו דריי פערד אין יעדען וואגען געשפאנט!

ציפקע

קומט אריין פון דרויסען.

סוחרים זענען מיט'ן וועג דורכגעפאהרען, האבען זיי דערהערט, אז דא איז א חתונה, האבען זיי זיך אבגעשטעלט, זיי האבען דערהערט די קלעזמער שפילען.

א מיידעל

פון דרויסען אריינקומענדיג איבעראשט.

גרויסע סוחרים, מיט די טייערסטע סחורות! זיי שפאנען אוים די פערד. זיי וועלען שוין דא מסתמא איבער נאכט בלייבען.

שאכנע

קומט אריין.

חי־חי־חי — ווי גאט פערלאזט אונז נישט. סוחרים'לאך פון דער ווייט אנגעקומען און דא זיך אבגעשטעלט צום נעכטיגען. א גאנ־צער מנין מענשען. זיי וועלען מיט אונז צו דער גאלדענער יויך בלייבען. צו מייטען. זעהסטו, טאכטער, וואס פאר א מזל דו האסט.

א שטימע

פון דרויסען רופט.

זיידע! דער זיידע וואו איז?

שאכנע

איך געה, איך געה.

אב. דרויסען שפּילען קלעזמער.

שטימען

— מען פיהרט דעם חתן. בעדעקענס.

— שטעלט זיך אויס. מאכט אַ ווארע.

— גרייט זיך צו מיט האָפען אין די הענט!

חיענע

דערלאנגט א זעקעלע מיט האָפען, פון וואנען אלע נעהמען אַן פולע הויפענס. אין ערווארטונג.

לייבוש

געפיהרט אונטער די הענד קומט אריין, געהט צו דער כלה און דעקט איבער איהר קאפּ מיט א ברעג פון איהר שלייער. אין טיר בלייבען אלע מחותנים, חתנ׳ס צד, אין ערווארטונג מיט ליכט אין די הענט. אלע מיידלעך, געסט, בעשיטען איהם מיט האָפען פון אלע זייטען ביז ער געהט ארויס.

א פרוי

מייטעלע, באלד וועט מען דיך אויך צו דער חופּה פיהרען.

א פריילין

באלד, באלד, מייטעלע!

ציפּקע

אַט שטעהט שוין די חופּה! זעהט נאַר, די סוחרים געהען אויך מיט.

שטימען

— זיי האָבען זייערע לאמטערנעס אנגעצונדען און געהען צו דער חופּה.

— אך ווי שעהן!

מייטע

איך וויל געהן צום פענסטער.

ערשטע פרוי

איצטער איז נישט רעכט אין פענסטער צו קוקען.

צווייטע

זאָל זי א קוק טהאָן. א קינד. וואס שאדט עס?

א מ י י ד ע ל

באַלד, באַלד וועט מען זי אויף פיהרען.

ש ט י מ ע ן

— גרייט זיך צו, גרייט זיך צו.

— מייטעלע, באַלד וועסטו שטעהן אונטער דער חופּה.

ח י ע נ ע

נעהמט די ליכט פון די לייכטער ארויס, ס'איז אין דרויסען דאָס מינדסטע ווינטעלע נישטאָ.

דאָס שפּילען דרויסען ווערט שטיל.

ש ט י מ ע ן

— באַלד געהט מען נעהמען די כלה.

— אין אַ גליקליכער שעה, מייטעלע!

— אין א מזל'דיגע שעה!

— בעזעצט גאָר אָהן א ברחן.

— ס'וועט שוין אַזוי אויף ליכטיג איהר מזל זיין.

— עס וועט שוין איהר מזל לייכטען, ווי די שטערענדלאך אין הימעל.

— ווי די זון וועט איהר מזל לייכטען.

הינטער דער טיר שפּילט די מוזיק, אָבער פיעל שטאַרקער. קענטיג, נאָך אייניגע קלעזמער צוגעקומען.

א מ י י ד ע ל

לויפט אריין.

די סוחרים אליין שפּילען. האָבען אייגענע פידלען מיט פייפלאך. זיי זאָגען, אַז אליין ווילען זיי די קלעזמער זיין. הערט, הערט, ווי זיי שפּילען.

ע ר ש ט ע פ ר ו י

וואָס דער וואָס אין הימעל קען מאַכען!

צ ו ו י י ט ע

בעדאַרף מען זארגען, חיענע'שי? אַז גאָט וויל, בעווייזט ער וואָס ער קען.

ד ר י ט ע

עס פערלויפט אין דער האלבער וועלט נישט אזעלכעס.

א מ י י ד ע ל

ס'ארא שפילען! אויסגעהן קען מען!

ב ע נ ד ע ט

קומט אריין. איז אין א געהויבענער שטימונג—ווי איינער זאגט: „זעהט, וואס עס קען פאסירען ביי בענדעט'ן".

זענט איהר שוין גרייט דא? אט איז א חתונ'קע.

הינטערן טיר קנאקט מוזיק.

א פ ר ו י

טאטע־מאמע, טאטע־מאמע וועלען זייער טאכטער פיהרען.

ש ט י מ ע ן

— מאכט א ווארע!

— אין א מזל'דיגער שעה.

א מ י י ד ע ל

שטעלט זיך אויס רעכטס און לינקס, פאמעלעך מיט די ליכט.

צ ו ו י י ט ע פ ר ו י

מאכט א ווארע, טאטע־מאמע פיהרען זייער בת־יחידה צו דער חופה!

ד ר י ט ע פ ר ו י

הלואי שוין ביי מיינער געזאגט געווארען און אויף אזא אופן.

ע ר ש ט ע פ ר ו י

און מיט אזא כבוד; און מיט אזא שפע... פאמעלעך, פאמעלעך, נישט פאלט, חלילה איבער'ן שוועל.

מען פיהרט ארויס די כלה. ביסלעכווייז געהען אלע ארויס פון שטוב מיט די ליכט אין די הענט. בלויז צוויי ליכט בלייבען אין שטוב ברענען. פון דרויסען שלאגט א מאטע ליכטיגקייט דורך די פענסטער פון דער חופה־בעלויכטונג.

א י צ י ק

געהט אריין אין צימער דורך א זייטיגען פענסטער. ער איילט אין אנ־דערען צימער אריין. טראגט פון דארט עפעס עהנליכעס צו א טוך. ער זוכט

נאך, נאר באלד פערשווינדט ער דורך דעם זעלבען וועג. אין א ווײלע ארום קומען אריין צוויי מײדלעך, זיי טראגען בײדע צוויי גרויסע קרענץ פון פעלד־בלומען געפלאכטען.

ע ר ש ט ע

אט אזוי װעלען מיר זיך שטעלען אנטקעגען טיר — עס זאל אויסקו־מען ווי א טויער. דו שטעל זיך רעכטס און איך — לינקס.

צ ו ו י י ט ע

אט דאס וועט זיין שוין איין מאל שעהן.

ע ר ש ט ע

אונזערע בלומען זיינען די שעהנסטע.

צ ו ו י י ט ע

געוויס די שעהנסטע.

ע ר ש ט ע

גרייט זיך צו. העכער הויב אויף דעם קראנץ, בײדע זאלען אויסקומען גלייך. אט אזוי, נאך א ביסעל העכער.

ביידע שטעהען אין ערוואַרטונג, האלטענדיג די קרענץ אין דער הויך, ווי א טויער. אונטער דער טיר הערט זיך שרייען: „מזל טוב, מזל טוב". „מאכט א ווארע!" „ביידע גלייך", „מיט'ן רעכטען פוס!" צוויי ווייבער לויפען אריין. איילען אין צווייטען צימער אריין. קומען ארויס פון דארט טראגענ־דיג אויף א טאץ א גרויסע געפלאכטענע חלה און א פלעשעל וויין. טאנצען אנטקעגען טיר ווארטענדיג חתן־כלה. באלד ערשיינען חתן־כלה, נאך זיי אלע מחותנים, ווערענד די מוזיק שפּילט הינטער דער טיר דרויסען, די ליכט ווערען אומגעקערט צוריק אויף זייערע ערטער, חתן־כלה זעצט מען אנידער אויבען־אן. ישובניקעס, שבת'דיג געקליידט, קומען אריין, צווישען זיי איז איציק אויך פארהאנען. זיין האלטונג איז עפּעס פערדעכטיג. מען זעהט, אז ער בעמיהט זיך יעדעס מאל אויסצומיידען זיך מיט בענדעט'ן. דאס שפּילען הערט אויף.

ב ע נ ד ע ט

רעדט איז דער גאסטיר צו אימיצען אין דרויסען.

איצטער זענט איהר ביי מיר אנגעלעגטע מחותנים. טהוט זיך איבער און קומט אריין.

ח י ע נ ע

בעט זיי, בענדעט, זיי זאָלען באַלד אַריינקומען.

א י י ז י ק

ווייסט ווי דען, זיי וועלען זיך נאָר איבערטהאָן. פריהער, זאָגען זיי, זיינען זיי געווען קלעזמער, איצטער וועלען זיי זיין מחותנים... נו, בענדעט, איצטער זיינען מיר שוין אויף צום אמת'ן מחותנים געוואָרען, לאָמיר טאַקיביידע טרינקען לחיים.

ח י ע נ ע

כ'האָב מורא, בענדעט, ס'וועט, קיין עין הרע, זיין קנאַפּ אָרט פאַר אַלעמען.

ב ע נ ד ע ט

איך וועל די טירען אַרויסנעהמען און די וועגט פון מיין שטוב פאַרנאַנדערריקען; פון די טירען וועט מען טישען מאַכען. איציק! וואָס שטעהסטו ווי אַ ליימינער גולם? ברענג אַריין די קאָזלעס, אויף וואָס מען שניידט האָלץ, נעבען שטאַל שטעהען זיי. און איך וועל די טיר אַראָבנעהמען.

ער נעהמט אַראָב די טיר פון צווייטען צימער.

א י צ י ק

געהט אַרויס.

מ י י ט ע

וואָס איז די גאַנצע צייט ווי אויף אַנ'אַנדער וועלט.

פאַר וואָס, טאַטע, רעדסטו אַלץ מיט כעס צו איציק'ן? היינט איז דאָך ביי מיר חתונה — כ'וויל, דו זאָלסט זיך מיט איהם איבערבעטען.

ב ע נ ד ע ט

זעהסט דאָך, אַז איך בין שלום מיט איהם; כ'האָב איהם געהייסען די קאָזלעס אַריינברענגען און שפּעטער וועלען מיר נאָך לחיים טרינקען. איך האָב פיינט שמחות צו פערשטערען.

די מיידלעך סוד'ען זיך.

איזיק

דעם זיידען זעצען אויבען־אן!

ערשטער מחותן

דעם זיידען אויבען־אן.

צווייטער מחותן

מחותן, דעם זיידען פון אויבען־אן, נעבען חתן־כלה. דער זיידע וועט נאך היינט מיט אלעמען טאנצען.

שאכנע

א, נאך ווי וועל איך טאנצען. וועל איך עס מיט מיינע קינדערלאך טאנצען.

איציק

טראגט אריין א פאר קאזלעס. עס ווערט פאר זיי אנ'ארט אויסגע־זוכט. מען לעגט אויף זיי א טיר, חיענע דעקט איבער מיט א גרויסען גראבען טישטוך און עס ווערט א טיש בעשאפען.

בענדעט

נישט געזעסען — וואשען זיך! דרויסען שטעהט א פאס וואסער.

א מחותן

און בראנפען האסטו אויך א פאס אנגעגרייט, בענדעט?

בענדעט

נישט איין פאס האב איך אנגעגרייט. ס'וועט נישט פעהלען.

דער עולם געהט איינציגווייז ארויס און קערט זיך אום מיט נאסע הענט, ביים טיר שטעהט א מחותנ'עסטע, האלט א גרויסען גראבען האנדטוך, מיט וועלכען דער עולם ווישט די הענט, און זעצען זיך שפעטער אויף די ערטער ארום די טישען, מענער בעזונדער און פרויען בעזונדער. די קינדערלאך זעצט מען ארויף אויפ'ן באק־אויווען.

בענדעט

בעמיהט זיך יעדען צופרידען שטעלען און דאס טהוט ער מיט איינגע־ווירדע, מיט שטאלץ.

איזיק

אהא, די סוחרים געהען שוין! זעהט נאר, וואס זיי טראגען מיט זיך.

ל י י ב ו ש

צו איציק'ן.

האָסט כאָטש אַנ'אויג געוואָרפען, וואָס פאַר א פערד ביי זיי איז געשפּאַנט?

געלעכטער.

א י צ י ק

כ'האָב זיי אפילו אין די ציינער אריינגעקוקט.

א י י ז י ק

וואָס זאָגסטו, בענדעט, צו זיי?

עס קומען אריין צעהן סוחרים. יודישלעך געקליידט. אנדערע מיט קאַפּעלושען און מיט גארטלען ארומגעגארטעלט. שעהנע ברייטע בערד פאַלען ביי אנדערע אויפ'ן ברוסט. טראָגען מיט זיך פלעשער וויין, פערשיידענע פּעקלעך. אריינקומענדיג גיבען זיי אב „מזל טוב". אין עולם ווערט א שטילע בעוועגונג. ווי יעדערער וואָלט וועלען זיין אָרט פאַר די געסט אבטרעטען.

ע ר ש ט ע ר ס ו ח ר

מיר פאָהרען נישט מיט לעדיגען; וויין און נאָך פערבייסען צום וויין האָבען מיר ביי זיך אין די וועגען געפונען.

שטעלען די פלעשער וויין אויף די טישען. דער עולם קוקט נייגעריג.

ב ע נ ד ע ט

ביי מיר, א דאנק גאָט, פעהלט אויך נישט.

ע ר ש ט ע ר ס ו ח ר

מיר וועלען פון אלע משקאות צוביסלעך פערזוכען.

צ ו ו י י ט ע ר ס ו ח ר

יעדער וויין איז גוט. און דער בעסטער וויין איז אויף דער חתונה פון גליקליכע חתן־כלה.

די ישובניקעס לאַכען צופרידען.

א י י ז י ק

שוין איין מאָל מחותנים!

ח י ע נ ע

ווען איך וואָלט עס וויסען, אז אזעלכע געסט וועלען זיך צו אונז

אראבלאַזען.

בענדעט

קיינער וועט נישט פערפרעמדט ווערען. איהר זעהט, דאָס איז דער חתן און דאָס איז די כלה — מיין טאָכטער — נישטאָ זיך מיט ווע־מען צו שעמען.

ערשטער סוחר

שוין פאַרהאַן מיט וועמען צום טיש צו געהן.

בענדעט

צו די סוחרים.

רב אידען, איהר וועט זיך געהן וואשען.

די סוחרים וואשען זיך. פערנעהמען זייערע ערטער.

חיענע

און צו איהר נאָך צוויי מחותנת'טעס טראגען פון צווייטען צימער מאכלים פאר אלע געסט. מען טרינקט „לחיים" גאנץ אפט.

ערשטער סוחר

צו זיין יונג.

טראָג אריין צוריק פון מיין וואגען מיין פידעל.

צווייטער סוחר

מיין פלייט זאָלסטו מיר אויך אריינברענגען.

דריטער סוחר

און מיין פידעל זאָלסטו אויך אריינברענגען.

פירטער סוחר

וועסט שוין דאָרט פערכאפּען מיין קלאַרנעט.

צווישען עולם א צופרידענע בעוועגונג.

חיענע

צו חתן־כלה.

אין וואס פאר א מזל'דיגער שעה מיר האָבען עס אייך צו דער חופּה געפיהרט!

דער יונג געהט ארויס.

א סוחר

דערלאנגט א פלאש וויין בענדעט'ן.

גיסט אן, מחותן, פון דעם וויין פאר חתן־כלה.

בענדעט

בעקוקט די פלאש.

דאס איז שוין איין מאל א וויין.

גיסט פאר חתן־כלה.

ערשטער סוחר

איצטער וועלען מיר מיט די מחותנים טרינקען לחיים... דאכט זיך, ר' בענדעט רופט מען אייך?

בענדעט

דער מחותן בענדעט וועט מיט אלעמען לחיים טרינקען... מחותנים! וואס שווייגט איהר... און דו, טאטע, וואס זיצסטו עפעס אזוי? פער־געסען די אמאליגע יאהרען? און דו, איציק, וואס שטעהסטו אזוי ווי א גע'פגר'טע דארט אין ווינקעל? וואס געווען איז געווען. מיט'ן פעטער בענדעט פיהר קיין ברוגז'ן נישט... וואס געווען — איז געווען היינט בעוויז וואס דו קענסט.

איזיק

וואס שווייגסטו טאקי, איציק? מען הייסט דאך בעווייזען וואס דו קענסט.

איציק

אז מען הייסט, וועל איך. און דו, מייטע, און דו, לייבע — וועט איהר אויך מיט מיר לחיים מאכען?

לייבוש

מיט דיר שטענדיג; סיי ביי טאג און סיי ביי נאכט.

איציק

און דו, מייטע.

מייטע

ענטפערט נישט. קוקט, אימיצער זאל איהר ארויסהעלפען.

ח י ע נ ע

ווי לאנג בין איך נאך גאר א קינד געוועז —

א י צ י ק

איהר מיינט, מומע, אז מייטע איז נאך איצטער אויך א קליין קינד?

ח י ע נ ע

וואס דען איז זי — נישט א קליין קינד?

ע ר ש ט ע ר ס ו ח ר

צו איציק'ן.

אבער דו ווייזט אוים, ביזט שוין גאר קיין קליין קינד נישט.

עס רופט ארוים א צופרידענעם געלעכטער ביים עולם.

ד ע ר י ו נ ג

טראגט אריין צוויי פידלען, א פלייט און א קלארנעט.

איצטער וועלען מיר אליין אויפשפילען.

ע ר ש ט ע ר ס ו ח ר

און טאנצען ביז אין טאג אריין.

צ ו ו י י ט ע ר ס ו ח ר

און מארגען איז נאך אויך א טאג.

ד ר י ט ע ר

ביז שבת וועלען מיר הוליען.

ב ע נ ד ע ט

שוין א ביסעל פון ווייז דערוואַרעמט.

איהר, רב אידען, פערגעסט אן אייערע ירידים; מען וועט דארט אויף אייך ווארטען.

א מ ח ו ת ן

וועך וועט זיי שוין לאזען פאהרען.

א י י ז י ק

ווי פון הימעל אראבגעפאלען.

ע ר ש ט ע ר ס ו ח ר

נו, ברודער, אויפגעשפיעלט זאל ווערען א פרעהליכם!

מען שפילט א פרעהליכעס. די איבעריגע סוחרים פאטשען מיט די הענט

צום טאקט. אין שטוב איז ענג, דער עולם וואס טאנצט נישט קלייבט זיך ארויף אויף די טישען און בענק.

שטימען

— די מחותנים זאָלען איצטער טאַנצען.
— בעווייז, נאַר בענדעט, וואָס דו קענסט.
— און איהר, ר׳ אייזיק, וועט זיך נאָך אויך דערמאַנען.
— די מחותנים, די מחותנים!
— אָט אזוי, מאכט אַ ווארע!
— מיט די פלעשלאך אין די הענט — חא־חא־חא — ביידע מיט די פלעשלאך אין די הענט.

אייזיק און בענדעט, מיט פלעשלעך אין די הענט, לאזען זיך ארום טאנצען.

בענדעט

לעבעדיגער, לעבעדיגער! אייזיק, דו שטעהסט צו; לעבעדיגער!

א שטימע פון עולם

איצטער אלע אין קאראאַד און חתן־כלה אין מיטען!

דאָס שפּילען דויערט. דער עולם נעהמט זיך האנט ביי האנט, טאנצען אין קאראאַד און אין דעם רעדעל טאנצען חתן־כלה פאר זיך בעזונדער, האלטען פאר די ברעגען פון א ווייס טיכעל.

לייבוש

ווינקט צו איציק׳ן, וואס שטעהט פון ווייטען, ער זאל קומען טאנצען.

איציק

שרייט אויס.

מאכט א ווארע! די כלה וועט טאנצען!

מען מאכט א ווארע. דאָס שפּילען דויערט.

מיטע

שטום, אהן ווערטער לאזט זי זיך ארום טאנצען; ווי א ווירבעל־ווינט טראגט זי זיך; נאכדעם לאזט זיך איציק ארום. ער ווינקט צו צוויי יונגען, וועלכע פאלגען איהם און טאנצען אין קאראאַד אליין פאר זיך בעזונדער אזוי, אז די ערד ציטערט אונטער זיי.

א שטימע

די מאמע! די מאמע! חיענע, וואס שווייגט איהר?

חיענע

ווערט אויף אין דעם טאנץ ארייננעשלעפט.

שאכנע

הויבט זיך אויף פון זיין ארט, שכור׳לעך, שטעלט אויפ׳ן קאפ א פלעשעל און קלייבט זיך ארוים צו די טענצער.

אייזיק

שא—שא, שטיל זאל עס זיין — דער זיידע וועט טאנצען!

דאס שפילען און טאנצען רייסט זיך איבער.

ערשטע פרוי

בעווייזט, רב שאכנע, אזוי א טענצעל, די אינגערע זאלען זיך פער־שעמען!

שאכנע

ביי מיינע אייניקלעך וועל איך עס מאכען א האפקעלע מיט א פלע־שעלע אויפ׳ן קאפ און דאס פלעשעלע זאל מען פול אנגיסען.

א סוחר דערלאנגט איהם א פול פלעשעל וויין. ער הייבט אן צו זינגען עפעס א ניגון און טאנצט נאך דעם ניגון. דער ניגון איז בעקאנט די סוחרים און זיי כאפען איהם באלד אונטער אויף זייערע אינסטרומענטען און שפילען איהם נאך. דער אלטער וואקעלט זיך פון די פיס, דאס פלעשעל פאלט אראב פון קאפ אויף דר׳ערד און צוברעכט זיך, עס רייסט זיך ביי׳ם עולם ארוים א שרעק־געשריי. דאס שפילען הערט אויף. שאכנע אליין שטעהט ווי פערוואונ־דערט, פערלירט זיך.

ערשטע פרוי

אלט איז נישט יונג.

א צווייטע

מען האט עס נישט בעדארפט.

חיענע

מיילא, זאל עס זיין א כפרה פאר אלע זינד.

קלייבט אויף די גלאז.

ב ע נ ד ע ט

דאגה נישט, טאטע, ס'וועט אלץ גוט זיין.

ער זעצט שאכנען צוריק אויף זיין ארט.

א י י ז י ק

זאָל מען זיך איצטער נעהמען פאר די דרשה־געשאנק.

ב ע נ ד ע ט

זאָל זיין דרשה־געשאנק. וואס איז דאָס אזוי אומעטיג געווארען? נו, א פלעשעל ווײן איז צובראָכען געוואָרען, זענען אנדערע פלע־שער ווײן פאַרהאַנען. עס וועט נישט פעהלען... גיסט זיך אָן, אידען, מחותנים, לחיים... לחיים... נישט אומעטיג! אָט אזוי! לחיים!

ד י ס ו ח ר י ם

סוד'ען זיך עפעס. איינער פון זיי נעהט ארויס.

ב ע נ ד ע ט

רופט אויס.

ביידע מחותנים וועלען פאר זייערע קינדער אויסבויען א קרעטשמע ביי'ם גרויסען טראקט...

א מ ח ו ת ן

אָט דאָס איז א דרשה־געשאנק! אָט אזוי פערשטעה איך.

א י י ז י ק

איך בין מסכים. דערפאר, בענדעט, האָב איך דיך ליעב.

ח י ע נ ע

ברענגט אריין פון צווייטען צימער א פאר מעשענע לייכטער אויסגעשייערט.

און איך גיב צוויי פון מיינע לייכטער. וועסטו האָבען, מיין קינד, אין וואָס ליכט צו בענטשען. און אָט די דאָזיגע אוירינגלאך גיט אויך די מאַמע אָב פאר איהר קינד.

זי טהוט אויס פון איהרע אויערען די אוירינגלעך און טהוט זיי אָן מייטען.

ע ר ש ט ע ר ס ו ח ר

איך פיהר פאר מיין טאכטער א גאָלדענע קייט מיט א בראש, איך וועל פאר איהר אנ'אנדער קייט קויפען, און די דאָזיגע וועל איך

דרשה־געשאנק געבען.

בעקומט פון קעשענע פארווילעלט א נילדערנע קייט און א בראש, געהט צו דער כלה.

איך וועל עס איהר אליין, ווי מיין אייגען קינד, אויפ׳ן האלז אנטהאן.

שטימען

— אך, ווי שען! דאס איז גאר נישט צו גלויבען.

—ץ גאר נישט אבצושאצען.

— אמת גאלד.

— ווער האט עס אזעלכעס אין די אויגען אנגעזעהן?

— אפילו אין חלום נישט געזעהן.

צווייטער סוחר

בעקומט פון זיין בוזים־קעשענע פעריל, געהט צו דער כלה.

גאט וועט מיר שוין צושיקען סוחרים, און זיי וועלען מיר פאר די פעריל אויך בעצאהלען. זאל עס איהר די מאמע אנטהאן.

חיענע

גאנץ אונגעשיקט טהוט אן די פעריל דער כלה.

מיין באבע, זאל זיין אין גן־עדן, האט אויך קיין פעריל נישט גע־טראגען.

א מיידעל

וואס שווייגסטו, מייטעלע? ווי גאר נישט מיט איהר וואלט עס גע־שעהן.

צווייטע

ס׳איז עפעס גוט א כלה צו זיין, מייטעלע?

א מחותנת׳טע

רופט אב אן א זייט א צווייטע.

הערסט, פעשע, מיר געפעלט עפעס נישט די גאנצע חתונה דא.

צווייטע

מיינסט די סוחרים?

ערשטע

עפעס זיינען זיי מיר צו פיעל געראטען איינער אין דעם אנדערען.

צווייטע

כ׳האָב עס מורא פון מיין מויל ארויסצורעדען — זיי האָבען דאָך היינט די פּוסטע קרעטשמע צעוואָרפען. אפשר זאָל מען חיענען אָברופען אָן א זייט און זאָגען?

ערשטע

נעהמען און פערשטערען די שמחה — כ׳וויים, ווי טהוט מען עס?

עס קומט אריין דער סוחר, וואָס איז געווען ארויסגעגאנגען, און טראָגט מיט זיך פּעקלעך סחורה. עס ווערט צווישען עולם א גערודער. די צוויי מחותנת־טעס קערען זיך צו זייערע פּלעצער, קוקען פון ווייטענס און סוד׳ן זיך. ער לעגט די סחורית אוים אויפ׳ן טיש נעבען חתן־כלה. דער עולם און חתן־כלה גאַנץ פערווירט. ער פּאַקט אוים די סחורות.

שטימען

— איהר זעהט אביסעל לייוועגט! ווי זייד.

— אמת׳ע וועב.

— ס׳וועט דערפון זיין צעהן העמדער ווי די בעכער.

— אפשר מעהר ווי צעהן.

ערשטע פרוי

מען קען דערפון טישטוכער מאַכען.

שטימען

— זעהט נאָר זייד!

— מאַמעלאָך! וואָס פאַר א קלייד עס וועט דערפון זיין.

— גאָלדענע פּאַרבען!

— זילבערנע קווייטען.

— פאַר דער מלכה אליין.

— ווי נעהט מען עס גאָר?

— ווי שניידט מען עס גאָר?

— און די טוך — טערקישע זייד!

— פּרוכת־זייד.

— זעהט נאָר, ווי עס קלעפּט זיך צום האַנט.

— זעהט נאָר די פּאָרצעלייז!

— זעהט נאָר די קוויטען!

א סוחר

דאָס איז אַלץ פון דאָס בעסטע, פון דאָס טייערסטע. זאָל מען ווי־סען, וואָס פאַר א סוחרים עס זענען דאָ א מאָל דורכגעפאָהרען.

צווייטער סוחר

זאָל מען געדענקען, אז דאָ זענען א מאָל סוחרים אויף א יריד דורכ־דורכגעפאָהרען און האָבען דרשה־געשאַנק געגעבען.

ער פאַקט אוים די כוסות.

שטימען

— ס'אראַ כוסות!

— קריסטאַל!

— „פּסח" אָנגעשריבען.

— גאָלדענע ראַנדען.

— גאָר אַן'עברה צו ניצען.

— ווי טרינקט מען גאָר אין אַזעלכעם?

— ס'איז גאָר קיין וויין נישטאָ פאַר אַזעלכע כלים.

די אַלע מתנות ווערען אין א גאַנצען הויפען אויסגעלעגט אויפ'ן טיש, דער טיש ווערט פול מיט זיי.

א סוחר

און צו דעם אַלעמען גיב איך נאָך א פינף־און־צוואַנציגער.

צווייטער

און איך גיב א פופציגער במזומנים.

בענדעט

גאַנץ גערידהרט צו די סוחרים.

מיינע ליעבע אידען, איהר בלייבט דאָ ביי מיר ביז איבער שבת. מען וועט הוליען און טאַנצען ביז איבער שבת. איין טאָכטער האָב איך; הוליען און טאַנצען ביז איבער שבת, וואָס זאָגט איהר, רב אידען?

די סוחרים לאַכען צופרידען.

א י צ י ק

וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען ביי א פענסטער אז א זייט און האט זיך אין דעם אלעמען, וואס ס'איז פארגעקומען, נישט בעטייליגט, צום עולם.

נו געגוג שוין מיט די דרשה־געשאנק. זאלען די אידען ווידער שפי־לען און טאנצען.

ב ע נ ד ע ט

טאנצען און שפילען! שפילען און טאנצען. אמת, אייזיק? איך וועל מיט די געסט אליין טאנצען.

א י י ז י ק

די סוחרים וועלען טאנצען מיט חתן־כלה. מאכט א ווארע.

ב ע נ ד ע ט

יע, די סוחרים וועלען טאנצען מיט חתן־כלה.

ע ר ש ט ע ר ס ו ח ר

מיר וועלען שפילען און טאנצען.

צ ו ו י י ט ע ר

אלע וועלען מיר טאנצען. גרייט זיך צו.

ד ר י ט ע ר

נעהמט זיך ביי די הענט אין קאראאד!

פ י ע ר ט ע ר

איין רעדעל זאל אין דעם אנדערען טאנצען! אין קאראאד!

פיער פון די סוחרים הויבען אן צו שפילען און נאך דעם טאקט פון דער מוזיק לאזען זיי זיך אליין אין א אידיש טענצעל. נאך זיי לאזט זיך אוועק דער גאנצער עולם. דאס טאנצען ווערט אלץ שטארקער און שטארקער, אבער דער־ביי גאנץ שטיל, ווי פון א כשוף ארומגעכאפט. עס הערט זיך נאר דאס שפילען און א שטילער ריטמישער טאקט פון די טענצער, וועלכע מאכען די גאנצע שטוב פול. הענט מיט הענט שליסען זיך אלץ פעסטער און פעסטער. און קיינער מערקט ניש, ווי א י צ י ק און מ י ט ע טאנצען שוין ביידע צוזאמען און אזוי טאנצענדיג דערנעהנטערען זיי זיך צום טיר, דורך וועלכע ביידע פערשווינדען אין דער פינסטערער נאכט.

א פרוי

שרייט אוים.

די כלה וואו איז ?!

מיט איין מאל שטעלט זיך אלץ אין שטוב אב. איין אוינגנבליק איז אלץ פערשטיינערט; קוקט פערווירט.

בענדעט

כאפט זיך דער ערשטער, וואס דא איז געשעהן. שרייט אוים.

הא־הא!

לאזט זיך לויפען צום טיר.

דריטער אקט

א טיעף־בלויע נאכט. פון דער נאכט ארויס בלייכט זיך א זאמדי־גער וועג. רעכטס, ביי'ם זייט וועג, ליגט געהילץ פון א צעוואר־פענעם בניז. ניט ווייט פון געהילץ ברענט א פייערל. דער פייער האלט ביים דערברענען, נאר פון צייט צו צייט צופלאקערט ער זיך און אויף איין אויגענבליק בעווייזט זיך די געגענד דייטליכער און אין דער טיעף בעווייזען זיך פעלדער מיט תבואות בעלאדענע. וואו ניט וואו שווארצען זיך בוימער.

עס דערהערען זיך פון ווייטען קולות פון מענשען אין די פעלדער, ווי איינער זאל דעם אנדערען רופען. די קולות ווערען נעהנטער.

א פרויען־שטימע

געה נישט אהין. זעהסט דאך, אז קיינער איז נישטא.

א מענער־שטימע

איך האב קיין מורא נישט, כ'האב עפּים גרעסערעס אויף מיין לעבען געזעהן. שרייט. איז אימיצער דארט פארהאן?

פרויען שטימע

א פייער האט אימיצער אנגעלעגט. געה נישט, געה נישט.

א מחותן

קומט אן.

אימיצער האט דא א פייער אנגעלעגט, זעהט אויס, נישט לאנג דא א פוהר געשטאנען. קום אהער, האב קיין מורא נישט.

פרויען שטימע

שא, שא, מיר דאכט זיך נאך, אימיצער געהט. בענדעט'ם קול הער איך.

מחותן

רוף איהם אהער. ס'איז נישט רעכט, ער זאל אליין אומגעהן.

פרוי

ער איז נישט אליין. אט הער זיך איין.

מ ח ו ת ן

בענדעט! בענ—דעט!

א מ ע נ ע ר ־ ש ט י מ ע

פון ווייטען.

ווער איז דארטען?

מ ח ו ת ן

קומט אן.

זעהסט, א פייער ליגט דא. ווער איז דארט, דיין ווייב?

ע ר ש ט ע ר מ ח ו ת ן

א נאכט — א נאכט, ס'איז מיר שוין דאס ביסעל משקה דורכ'ן מינדסטען פינגער ארויס.

צ ו ו י י ט ע ר מ ח ו ת ן

מען האט בעדארפט בענדעט'ן מיט געוואלד אין שטוב אריינגעהמען.

ע ר ש ט ע ר

מיר דאכט, אז איך האב זיין קול גאר נישט לאנג געהערט —

פ ר ו י ע ן ־ ש ט י מ ע

יא, איך האב געהערט. שווייגט, שווייגט.

ע ר ש ט ע ר

בענדעט, חיענע! רופען זיך נישט אב. ערגעץ געשפאנטע פערד גע־שטאנען און געווארט אויף זיי. און האבען זיך באלד אבגעטראגען.

צ ו ו י י ט ע ר

מיט די סוחרים אינאיינעם.

ע ר ש ט ע ר

אנ'אנגעשטעלטע מעשה געווען. בענדעט! בענ־דעט!

צ ו ו י י ט ע ר

מען בעדארף פערלעשען דאס פייער. זוכט אויף דער ערד. אט, זעהסט, מיט א פאר פערד איז מען דא געווען. זייערע בריקעס געווען. איך דערקען דעם סליאד. מיט משאות געפאהרען.

ע ר ש ט ע ר

לאמיר זיך לאזען נאכ'ן סליאד.

פרויען־שטימע

טהוט עס נישט, טהוט עס נישט.

ערשטער

טא לאמיר אויפזוכען בענדעט'ן און אין שטוב איהם אריינברענגען. ער וועט פון זיך די נשמה ארויסטרייבען.

פרויען־שטימע

דאס בעסטע, דאס בעסטע.

צווייטער

ער האט געמאכט דעם גרויסען לחיים, אפשר איז ער ערגעץ אין א גראבען אריינגעפאלען.

ערשטער

אפשר איז ער גאר אין טייך אריינגעפאלען.

צווייטער

אך, ווען איך כאפ אימיצען פון זיי. כ'וואלט צום טויט דערשלאגען.

ערשטער

שא, שווייג, אימיצער פאהרט. אפשר זענען עס די סוחרים.

צווייטער

מען פאהרט מיט'ן אנדערען וועג. לאמיר זיי געהן איבערנעהמען.

ערשטער

איך וועל נאר א שטעקען אויסזוכען.

פרויען־שטימע

קומט שוין, קומט שוין פון דארטען.

צווייטער

מען פאהרט דארט, הערסט, די פערד כראפען.

ער כאפט א שטיק האלץ און לאזט זיך לויפען.

ערשטער

ווארט אויף מיר.

ער כאפט אויך עפעס פון דער ערד, פערשווינדט.

פרויען־שטימע

וואוהין לויפט איהר? מען זאל אייך, חלילה, נישט הרג'ענען. בעסער

קומט אהער — איך הער ווידער בענדעטס קול אויף דעם אנדערען זייט. מיר דאכט, ער שרייט „ראטעוועט״!

די לעצטע ווערטער איהרע איז שוין שווער צו פערשטעהן. קענטיג, זי איז אנטלאָפען.

עס דערהערען זיך שנעלע טריט פון צווישען די תבואות.

איציק

קומט אַן. ער פיהרט פאר'ן האַנט מייטען.

איציק

אומזיסט דיין לויפען. וואס ס'האט בעדארפט, איז געשעהן.

מייטע

פערלעש דעם פייער.

איציק

אויב א חתונה — זאל זיין א חתונה. און מיט מיר זאלסטו קיין צו־להכעיס'ען נישט שפילען. אט אזוי — דא וועלען מיר זיצען און זאלען זיי זייערע קעפ זיך פערדרעהען. האב קיין מורא נישט. דער טייוועל ועט זיי קיינעם נישט נעהמען. פיין, פיין. אימיצער האט פאר אונז א פייער אנגעלעגט. פוהרען, ווייזט אויס, זענען דאך אויך געווען — — — נו, וואס שוויינסטו? זאל אהער קומען לייבוש, וועל איך איהם אויפ'ן פייער ארויפווארפען ווי דעם...

מייטע

לאַכט נערוועז.

איציק

עס געפעלט דיר ניט? איך וועל נאך קלעזמער אהער ברענגען.

מייטע

וואס וועט איצטער זיין?

איציק

וואס וועט איצטער זיין? עס וועט באלד אהער קומען דער טאטע מיט מענשען.

מייטע

מיינסט עס אויף אנ'אמת?

א י צ י ק

און מיר וועלען זיך מיט דיין טאטען אין א געשלעג ארייגלאזען.

מ י י ט ע

איך וועל עס נישט דערלאזען.

א י צ י ק

און דיין לייבוש'ן וועלען מיר דעם רוקען איבערברעכען.

מ י י ט ע

וואס רעדסטו?

א י צ י ק

דו מיינסט, אז אזוי טרוקען וועט עס דיר אבגעהן? מיינסט, אז אזוי גרינג וועט עס דיר אנקומען מיט איציק'ן א שפיל צו פערפיהרען?

מ י י ט ע

אט אזוי, ווי דו זעהסט, קער איך זיך צוריק א היים.

א י צ י ק

דו וועסט קיינעם איצטער אין דער היים נישט געפינען, זיי האבען זיך אלע אוועקגעלאזט איבער די פעלדער אונז זוכען... וואס שווייגס־טו?

מ י י ט ע

איך געה אהיים.

א י צ י ק

געה דיר, אויב דו ווילסט, דו געהערסט נישט דיין טאטען, נישט ליי־בען. וועסט שוין דעם גענק דיינעם צוברעכען און צו מיר וועסט אנטלויפען. וואו דו זאלסט נישט זיין, וועלען דיך שוין שדים צו מיר ברענגען צו טראגען. אין דער גרעסטער זאווערוכע וועלען זיי דיך ברענגען.

מ י י ט ע

איך קען דיר בעווייזען, אז דו ביזט ביי מיר גאר קיין גרויסער יחסן נישט. איך האב דיך פיינט. איך האב דיך שטענדיג פיינט גע־האט. איך האב פאר מיין טאטען גאר מורא געהאט.

איציק

איך פרעג נישט ביי דיר, צי דו האָסט מיך ליעב, אָדער דו האָסט מיך פיינט.

מייטע

לייבוש איז בעסער פון דיר. לייבוש קען גאָר נישט אזוי גראָב רעדען, ווי דו רעדסט מיט מיר. לייבוש האָט מיך נאָך אפילו קיין מאָל קיין קוש נישט געגעבען, און דו... דו לאכסט... דו ביזט א גראָבער יונג. דו ביזט אַ פערד־הענדלער, און דו בעגעהסט זיך מיט מענשען ווי מיט פערד. איך האָב עס שוין א סך מאָל געזעהן. ווען דו וועסט מיך וועלען ליעב האָבען, וועסטו מיך יעמאָלט מיט א בייטש שלאָגען. וויפיעל מאָל האָסטו מיר שוין מיט דער בייטש דערלאַנגט?

איציק

א שאָד, וואָס איך האָב איצטער אויך נישט מיין בייטש. איך וואָלט דיר בעוויזען, ווי איך האָב דיך ליעב. וויינסט? שטעל זיך ביים פייער. זאָלען דיינע טרערען אויפ'ן פייער פאַלען, וועסט זעהן — דערפון וועלען מכשפות מיט בעזימער אין די הענט ארויסשפּרינגען.

מייטע

איך וויין נישט. די מאמע מוז איצטער וויינען; רייסט זיך די האָר פון קאָפּ.

איציק

דיין טאַטען האָט זיך געוואָלט א חתונה אָבשפּילען אָהן זיין אַלטען שותף. און ווען איך האָב אפילו ביי איהם פון שטאָל די פערד יאָ ארויסגענומען — טאָ וואָס האָט איינס צום אנדערען? איציק, זאָגט מען צו מיר, גיב אָב צוריק די פערד. זיי אַ גוטער ברודער. און איך וואָלט איהם אין זיין נאַרישער צורה אָנגעשפּיגען... און דו, אויב דו האלטסט אזוי מיט איהם, קענסטו זיך געהן א היים. לייבוש וואַרט אויף דיר. ער איז אַ גוטער. ער וועט דיר קיין בייז וואָרט נישט זאָגען. געה, לייבוש וואַרט אויף דיר. וואָס שווייגסטו? נעהמט זי אָרום. זאָג מיר, וואָס שווייגסטו? פונקט ווי דו וואָלסט זיך מיט'ן טייוועל אָנגערעדט עפּעס א קונץ צו בעווייזען. ווי דו

אויגען דיינע בלישטשען פונקט ווי ביי א קאץ. ווליסט מיך אפשר א בים טהאָן? נאַ ביים. נאַ דיר מיין האנט — ביים! און איך וועל דיר דעם קאָפּ אראָבדרעהען... פאר וואָס האָסטו איינגעווילינגט, דיין טאטע זאָל דיך פערהאנדלען צו אייזיק'ן?

מ י י ט ע

לאָז מיר אָב די הענט.

א י צ י ק

פאר וואָס האָסטו צו די תנאים געשוויגען?

מ י י ט ע

לאָז מיר אָב די הענט.

א י צ י ק

פאר וואָס ביזטו אזוי מיט'ן גוטען ווילען צו דער חופּה געגאנגען.

מ י י ט ע

מיט'ן גוטען ווילען בין איך געגאנגען?

א י צ י ק

געווים.

מ י י ט ע

שווער זיך.

א י צ י ק

שליידערט זי אָב פון זיך.

אַט האָסטו דיר מיין שבועה!

מ י י ט ע

נייז, שווער זיך, צי איך בין מיט'ן גוטען ווילען צו דער חופּה גע־גאנגען.

א י צ י ק

געהט צו איהר.

איך וועל פון דיר אַט די דאָזיגע קליידער אראָברייסען און אין פייער אריינוואַרפען.

ער וויל עס טהאָן.

מ י י ט ע

איך וועל דיר די הענט צובייסען. איך וועל דיר די אויגען אויסדראַ־פּען... איך האָב ליעב לייבוש'ן. דיך האָב איך פיינט ווי א שפּין. איך האָב געוואָלט מיט איהם חתונה האָבען.

א י צ י ק

שווער זיך!

מ י י ט ע

איך זאָל זיך נאָך פאַר דיר שווערען?

א י צ י ק

שווער זיך!

מ י י ט ע

אונערוואַרטעט רייסט זי פון זיך א טייל פון איהרע קליידער אַראָב און וואַרפט זיך איהם פלינק אין די אָרעמס אַריין.

אַט האָסטו מיין שבועה!

א י צ י ק

וואָס טהוסטו, מייטע?

מ י י ט ע

איך וועל פון זיך אַלץ אַראָברייסען און זאָלען מיט מיר אַלע „נישט גוטע" הוליען... טוליעט זיך צו איהם, ציטערט. זאָג מיר, וואָס ווילס־טו פון מיר? וואָס האָב איך דיר געטהאָן?

א י צ י ק

איך האָב דיך ליעב.

מ י י ט ע

ניין, נישט דו האָסט מיך ליעב. דו אַליין קענסט גאָר נישט ליעב האָ־בען אַזוי שטאַרק, דו אַליין קענסט גאָר נישט אַזוי מיין חיות צוריי־סען. ווי טויזענד איציקס וואָלטען זיך אינאיינעם גענומען און אַלע וואָלטען מיך ליעב געהאַט. און אַלע וואָלטען מיך געקושט. און אַלע וואָלטען פון מיר שטיקער געריסען... דאָס איז נישט אומזיסט, אי־ציק... זעה וואו מיר זיצען. אפשר איז די פוסטע קרעטשמע אין דעם אַלעמען שולדיג? זעה וואו מיר זיצען... אפשר זענען עס גאָר קיין

מענשען נישט געווען אויף דער חתונה?... איך האָב מורא, איציק, איך האָב מורא... עס קלאַפּט מיר א צאָהן אין א צאָהן... דאָס ביזטו, איציק? אפשר ביזטו עס גאָר נישט איציק... אפשר... זאָג מיר, פאַרוואָס האָסטו מיך געבראַכט אהער, אויף דעם אָרט, וואו כ'וועל כעדאַרפען מיין גאַנצען לעבען פוילען?... דאָס ביזטו. קושט איהם. דאָס זענען דיינע אויגען, דיין פּנים, דיינע הענט... אָט אזוי דריק מיך פעסטער צו זיך, איך וויל דערקענען דיינע הענט, אָט אזוי... ניין, דו קענסט דאָך מיך פעסטער ארומנעהמען, האָסט דאָך שטענדיג אזעלכע שטאַרקע הענט געהאַט... איציק, האָב רחמנות אויף מיר... פיהר מיך צוריק אהיים...

א י צ י ק

בעפרייט זי.

דיר איז קאַלט. כ'וועל דיך צודעקען. וואָס ציטערסטו אזוי? קום זעץ זיך נעהנטער צום פייער.

מ י י ט ע

פאַר וואָס האָסטו מיך אהער געבראַכט?

א י צ י ק

ווייל אהער וועט אונז קיינער נישט קומען זוכען.

מ י י ט ע

ווער זענען געווען די מענשען, וואָס זענען דאָ דורכגעלאָפען?

א י צ י ק

דורכפאָהרער האָבען זיך דאָ אבגעשטעלט, די פערד צו פאַשען.

מ י י ט ע

און מעהר גאָר נישט?

א י צ י ק

וואָס דען האָסטו געמיינט?

מ י י ט ע

זהסט, ווי עס קנאַקען די העלצלאַך אויפ'ן פייער?

א י צ י ק

יעדער פייער איז אזוי.

מייטע

פייערדיגע שלאנגען דרעהען זיך ארום אין פייער.

איציק

יעדער פייער איז אזוי.

מייטע

איהר קאפ אויף זיין ברוסט.

דו האסט מיך ליעב, איך וויים עס. דו קענסט אהן מיר נישט לע־בען, איך וויים עס... איך בין זעהר א שלעכטע. איך שווייג שטענדיג, ווען מען פרעגט ביי מיר; אדער איך זאג עפעס אנדערש. איך שווייג ווי א קאץ און פערקלער שלעכטע זאכען. א, וואס פאר א שלעכ־טע זאכען איך פערקלעהר.

איציק

איך קען דיך גוט. איך וועל דיר נאך דיינע קעצעשע נעגעל אוים־רייסען מיט די פלייש אינאיינעם.

מייטע

פאר איין מענשען אין דער וועלט האב איך מורא — דאס איז מיין טאטע. אויף דער מאמען האב איך רחמנות... און דו, מיין נישט, אז איך האב פאר דיר אויך מורא... זאג, וואס וועט איצטער זיין?

איציק

דו וועסט זיין מיינע.

מייטע

ניין, איך וועל דיינע קיינמאל נישט זיין.

איציק

דו ווילסט נישט?

מייטע

ניין, איך וועל דיינע נישט זיין. איך וויל זיין אימיצענס אנדערש, נאר דו זאלסט מיך יעדעס מאל דורכ'ן פענסטער ארוים'גנב'ענען, אט אזוי ווי דו גנב'עסט ארוים א פערד פון א שטאל?

איציק

און מיינע זיין ווילסטו נישט?

מ י י ט ע

איך וויל זיין ווייט פון דיר, אז דו זאלסט אליין נישט קענען אויס־געפינען, וואוהין איך בין אהינגעקומען. דו וועסט ארומגעהן ווי א משוגענער גאנצענע טעג און גאנצענע נעכט, נישט עסען און נישט טרינקען. וועסט די בעסטע פערד איינשפאנען און יאגען זיך דורך וואלד זומער און דורך פערשנייטע פעלדער ווינטער; ביז צום טויט וועסטו די פערד פעריאגען; מיט א שוים וועלען זיי זיין צוגעדעקט — און אז דו וועסט מיך שוין אמאל יא אויסגעפינען — וועסטו מיך, ווי איצטער, האלטען א געבונדענע ביי'ם פייער און טהאן מיט מיר, וואס דו וועסט אליין וועלען.

א י צ י ק

איך האב דיך איצטער אויך נישט געבונדען.

מ י י ט ע

האסט מיט „נישט גוטע" אבגעמאכט, אז זיי זאלען מיך היינט ביי־נאכט ארומשלעפען איבער די פעלדער. קושט איהם. וויינט. אי־ציק, היינט ביינאכט איז דאך ביי מיר חופה געווען. איך בין דאך היינט אונטער דער חופה געשטאנען. אזוי פיעל מתנות האט מען מיר אנגעגעבען. וואס האסטו פון מיר געוואלט?

א י צ י ק

זאג דו מיר, וואס ווילסטו פון מיר?

מ י י ט ע

איך וויל, אז דו זאלסט וויינען, ווי איך איצטער.

א י צ י ק

שיסט אויס מיט א געלעכטער.

מ י י ט ע

לאך נישט אזוי הויך, מען וועט דערהערען, אז מיר זענען דא.

א י צ י ק

זאלען זיי הערען. שפעטער אדער פריהער זאלען זיי וויסען. שרייט קומט אהער! קומט אהער, דא זענען מיר!

מ י י ט ע

שווייג, כ'וועל דיר דאס מויל פערשטאפפען.

א י צ י ק

קומט אהער, קומט אהער!

מ י י ט ע

איך וויל נישט.

א י צ י ק

קומט אהער! קומט אהער!

מ י י ט ע

איך האב דיך פיינט, ווי דעם ערגסטען.

א י צ י ק

דא איז מייטע — בענדרעט, קום אהער!

מ י י ט ע

רייסט זיך די האר פון קאפ פאר כעס.

דו וועסט עס נישט טהאן.

א י צ י ק

איך וועל עס יא טהאן. איך וויל קיין זאך נישט בעהאלטען. איין מאל פאר אלע מאל. זאל זיין קלאר פאר אלעמען. איך האב דיך נישט גע'גנב'עט און כ'האב זיך נישט וואס צו בעהאלטען מיט דיר.

מ י י ט ע

פאלט איהם צו די פיס.

טהו עס נישט, איציק. איך וועל די נאכט נישט אריבערטראגען. וואס האסטו געוואלט פון מיר האבען? איך וועל דיינע קיינמאל נישט זיין. קיינמאל נישט.—א, מיר איז קאלט, איך וועל היינטי־גע נאכט נישט איבערלעבען... האסט בעדארפט קומען מיט א האק און מיר צופלעטען דעם קאפ, אבער נישט טהאן דאס, וואס דו האסט היינט מיט מיר און מיט אונז אלעמען געטהאן. איך האב דעם גאנ־צען אבענד געטראכט, אפשר וועסטו נישט קומען; טאמער וועסטו נישט קומען.

א י צ י ק

און איך בין געקומען. און איך וועל דיר דיינע נעגעל אויסרייסען.

מ י י ט ע

פאר וואס קומט עס מיר?

א י צ י ק

איך וועל דיר דיינע אויגען, דיינע בייזע, ארויסרייסען. דאס לייב צופאסעווען און דערנאך וועל איך איבער דיר וויינען און דיין לייב קושען. ער ארעמט זי אום, קושט זי ליידענשאפטליך. דו ווילסט מיך פייניגען; דו ווילסט, איך זאל מיר מיין קאפ צוברעכען; מיין הארץ צוטרעטען. וואס ווילסטו פון מיר? עס הערען זיך טרערען אין זיינע ווערטער. איך וועל אהן דיר משוגע ווערען. דו ועסט מיך משוגע מאכען. איך וועל אנ'אבגעריסענער אומלויפען איבער די פעלדער, ווי א משוגע'נער הונט, און אלע וועלען אין מיר שטיינער ווארפען: אלע וועלען אויף מיר דרענגענער ווארפען. וואס ווילסטו פון מיר? אלץ וועל איך דיר געבען. זאל איך דיר דיינע הענט קושען? ער קושט איהרע הענט. אט האסטו דיר; זאל איך דיר דיינע אויגען קו־שען?... אט האסטו דיר. נא דיר מיין הארץ, צורייס עס און טרינק מיין בלוט אויס. עס דאס פלייש אויף. צוטרעט עס מיט דיינע פיס. נא רייס מיט דיר די אויגען אויס און ווארף זיי אין פייער אריין... וואס נאך ווילסטו פון מיר? ס'איז דיר ווייניג — וועל איך נאך מיינע פיס מיר צוברעכען, אז איך זאל שטענדיג ליגען פאר דיינע פיס און דו זאלסט מיך ווי א הונט אבשטויסען פון זיך...

מ י י ט ע

מיט דיר אינאיינעם וועל איך מיר מיינע פיס צוברעכען... א, איך וועל שוין פון אזא אומלויפען די פיס צוברעכען.

א י צ י ק

איך וועל דיין טאטען איבערבעטען, און זאל ער מיר דיך אבגעבען.

מ י י ט ע

מיט אונזביידען איז היינט נישט פרעהליך.

א י צ י ק

איך וועל לייבוש'ן אויך איבערבעטען, ער זאל מיר מוחל זיין, וואס איך האב דיך פון איהם צוגענומען פון אונטער דער חופה.

מ י י ט ע

כ'האב מורא.

א י צ י ק

איך וועל עס אלץ טהאן.

מ י י ט ע

צושראקען

איך האב מורא.

א י צ י ק

איך וועל מיט זיי אלעמען דורכקומען.

מ י י ט ע

איך האב פאר אלצדינג מורא: פאר דיר, פאר'ן פייער, פאר די פעל־דער... רוף אימיצען; זאל מען קומען אהער... מיר דאכט, איך הער אימיצענס קול אין די פעלדער, רוף, זאל מען אהער קומען. קומט אהער!

א י צ י ק

שריי נישט.

מ י י ט ע

קומט אהער, איך בין דא!

א י צ י ק

זיי וועלען דיך א נאקעטע געפינען, וועלען זיי דיר דיין לייב צושניי־דען.

מ י י ט ע

זאלען זיי!... קומט אהער! איך האב מו—רא.

א י צ י ק

קעמפפט מיט איהר, זי זאל שווייגען, איהר געשריי ווערט אבער וואס ווייטער אלץ שטארקער.

מ י י ט ע

נעהמט מיך פון דאנען צו! קומט אהער! קומט אהער!

א י צ י ק

ער לאזט זי אב.

מ י י ט ע

שטעהט פון דערווייטען.

איך האב דיך פיינט. כ'בין מיט'ן גוטען ווילען צו דער חופה געגאנגען. כ'האב מיט'ן גוטען ווילען צוגעזאגט דעם טאטען, אז לייבוש וועט מיין חתן זיין.

א י צ י ק

וויל געהן צו איהר.

מ י י ט ע

גיפטיג.

געה אוועק פון מיר!

עס הערען זיך קולות פון ווייטען.

א י צ י ק

מען געהט אהער! דער טאטע געהט. אלע געהען אהער. דער טאטע פאהרט רייטענדיג אויף א פערד. געה, בעסער בעהאלט זיך אין די קארענס, זיי זאלען דיך נישט כאפען.

מ י י ט ע

דו אנטלויף. איך האב קיין מורא נישט.

ב ע נ ד ע ט

זיין שטימע הערט זיך פון ווייטען.

ווער איז דארט?

מ י י ט ע

איך בין עס, טאטע; קום אהער!

א י צ י ק

אט וועלען מיר באלד זעהן. קום אהער, בענדעט! דא איז דיין טאכטער. טאנצט דא מיט'ן רוח אין דער פוסטער קרעטשמע!

בענדעט

קומט אַן.

ווער איז דאָ?

מייטע

וואַרפט זיך בענדעט'ן אויפ'ן האַלז.

ראַטעווע מיך, טאַטעשי, ראַטעווע מיך, איך האָב מורא.

בענדעט

וואָס איז דאָ געשעהן? גאָט מיין גאָט, ווי קומט זי אַהער?

ווייל איציק שטעהט אין שאָטען, מערקט איהם בענדעט ניט צו־ליעב דעם פייער.

איציק

פון זיין פּלאַץ.

נו, בענדעט, וואָס ווּעסטו איצטער זאָגען?

בענדעט

ווער איז דאָרט? ווי קומט ער אַהער?!

מייטע

נעהם מיך צו פון דאַנען, טאַטעשי; איך קען אַליין פון דאַנען נישט אַוועקגעהן.

בענדעט

וואָס איז דאָ געשעהן, ווי קומסטו אַהער? דיינע קליידרע וואו זע־נען? דיינע חתונה־קליידער?! וואָס טהוט ער דאָ?! וואָס טהוט ער דאָ?!

איציק

מיט'ן טייוועל האָסטו געשפּיעלט, בענדעט.

בענדעט

האָסט אַהער מיין טאָכטער פערפיהרט, איך וועל דיר דיינע אויגען אויסרייסען!

ער לאָזט זיך צו איציק'ן.

איציק

קאָך זיך נאָר נישט אַזוי. האָסט דאָך אַליין דיין קאָפּ פערלאָרען.

שעהנער מענש, דיר איז נישט אָנגעשטאַנען דער שידוך מיט איציק'ן.

בענדעט

זאָג איהם, ער זאָל שווייגען.

מייטע

טאַטעשי. נעהם מיך צו פון דאַנען.

בענדעט

ווי ער וואָלט ערשט איצטער בעמערקען דעם פייער.

וואָס איז עס פאַר אַ פייער?!

איציק

דאָ ברענט דיין טאָכטער; דאָ ברענט דיין פערמעגען; דאָ ברענסטו אליין, דו אַלטער נאַר!

מייטע

שווייג איהם נישט! טאַטעשי, טאַטעשי, שווייג איהם נישט!

איציק

נו, בענדעט, קום אהער, דיין טאָכטער הייסט עס דיר.

מייטע

שווייג איהם נישט, טאַטעשי, ער איז אין דעם אַלעמען שולדיג. ער אליין, און מעהר קיינער נישט.

בענדעט

וואַרפט זיך אויף איציק'ן. עס הייבט זיך אָן צווישען זיי אַ וווּלדער קאַמפף. ביידע פאַלען צו דער ערד, און דער שטומער קאַמפף דויערט.

מייטע

דערשטיק איהם, טאַטע, ער איז אין אַלץ שולדיג. דערשטיק איהם, וואַרף איהם אויפ'ן פייער אַרויף!... אַט אַזוי, דערשטיק איהם.

עס קומען אָן אייזיק, לייבוש, חיענע און נאָך מחותנים.

חיענע

אין שרעק.

מייטע, מייטע, גאָט איז מיט דיר!

אייזיק

ווער קייקעלט זיך עס דאָרט אויף דער ערד?

לייבוש

ווער האָט עס פון איהר די קליידער אראָבגענומען?

אייזיק

ווער איז דאָרט? בענדעט! איציק... קומט אהער, לאָמיר זיי פונאנ־דערררייסען. וואָס איז דאָ? זיי ווילען זיך דערשטיקען. קומט אהער!

עס דויערט אַ שטילער אָנגעשטרענגטער קאַמפּף, ביז מען נעהמט זיי ביידען פונאַנדער.

חיענע

וואָס איז? שמע ישראל! בענדעט וואָס איז?

אייזיק

ווער האָט עס זיי דאָ ביידען צונויפגעבראַכט?

איציק און בענדעט לאָזען זיך ווידער איינער צום אַנדערען, נאָר מען האַלט זיי ביידען פּעסט איינער פון אַנדערען דערווייטערט.

לייבוש

צו בענדעט'ן.

מיט וועמען האָט איהר זיך פערבונדען? וואָס איז מיט אייך גע־שעהן?

אייזיק

אין גאָטעס ווילען, אָט דאָ, אויף דעם דאָזיגען אָרט, מיט איציק'ן, מיט איהם — בענדעט, וואָס איז מיט דיר?

חיענע

וויינט איבער מייטען.

מיין קינד, מיין גאָלד, מיין בריליאַנט, רעד אויס א וואָרט. ווער האָט עס דיך נאַקעט אין איין העמד געלאָזען? ווער האָט עס מיין שמחה פערשטערט?

אייזיק

מיט פערדאכט.

לאָמיר אוועקגעהן פון דאנען, וואָס גיכער לאָמיר געהן.

א מ ח ו ת ן

ווי קומען זיי אהער אויף דעם אָרט? ווער האָט דאָ דעם פייער אָנ־געלעגט?

ב ע נ ד ע ט

אָטעמט שווער.

וואָס איז מיט מיר געשעהן? וואו בין איך?... אייזיק, קום צו מיר... מיט אונז איז נישט גוט... אייזיק... לאָזט זיך צו אייזיק'ן. אין שרעק. לאָמיר פון דאנען אַוועקגעהן. פיהר מיך, איך האָב קיין כח נישט.

ח י ע נ ע

מיין קינד, קום פון דאנען. קום מיט מיר.

ב ע נ ד ע ט

האַלט זיך אָן אייזיק'ן.

איך האָב גאָרנישט געוואוסט, וואו איך בין... מיט וועמען האָב איך זיך עס געשלאָגען? וועמען האָב איך עס געוואָלט דערשטיקען?

א י י ז י ק

קום פון דאנען. ער פיהרט איהם. קום פון דאנען.

ח י ע נ ע

פיהרט מיטען.

מיין קינד; מיין קינד...

זיי לאָזען זיך אַלע אוועקגעהן, נאָר עס קומט אויס, ווי זיי וואָלטען עפּעס אין אַ נעץ אריינגעפאַלען און קענען זיך פון איהם נישט ארויספּלאָנטערן; געהען אוועק און בלייבען דאָך אויף דעם אייגענעם אָרט. אויסער איציק'ן, וואָס שטעהט נעבען פייער גאַנץ זיכער און רוהיג.

ב ע נ ד ע ט

וואו איז דער וועג פון דאנען?

ל י י ב ו ש

דאָ, רעכטס קומט; אָט איז דאָך די סטעזשקע.

ח י ע נ ע

לאָזט מיך נישט מיט מיין קינד אליין.

א י י ז י ק

דא ארום וועט מען דאך צום ווינטמיל אויסקומען.

ח י ע נ ע

גלייך געהט, גלייך! וועה איז מיר; ווינד איז מיר. זאל ווער אהער קומען. אידען, קומט אהער, העלפט אונז!

ב ע נ ד ע ט

וואו איז ער? זאל ער ווייזען דעם וועג.

א י צ י ק

רירט זיך פון ארט נישט.

א י י ז י ק

נעהמט זיך אן ביי די הענט; האלט זיך שטארק...

ביסלעכווייז פלאנטערען זיי זיך אלע אוועק, ווערען פערשוואונדען. עס הע־רען זיך נאך זייערע שטימען. איינער שרייט: „רעכטס!" דער אנדערער — „לינקס!" ביז עס ווערט איינגאנצען שטיל.

א י צ י ק

קוקט א לאנגע צייט אין דער ריכטונג, וואו זיי אלע זענען פערשוואונדען געווארען. שפייט אויפ'ן פייער.

טפוי זאל עס ווערען!

דרעהט זיך האסטיג אוים און ווערט פערשוואונדען אין דער פינסטערניש.

∇

פיערטער אקט

ביי בענדעט'ן. דאס אייגענע צימער ווי אין צווייטען אקט. פאר־
נאכט. עס שלאגען זיך אין שטוב אריין די שטראהלען פון דער
שקיעה.

מ י י ט ע

זיצט ביים פענסטער. טרויעריג. אנגעטהאן אין איהרע וואכעדיגע קליי־
דער. די האר אין אונארדנונג. קוקט יעדע ווײלע ארויס פון פענסטער, ווי זי זאל
אויף אימיצען ווארטען. געהט אין צווייטען צימער אריין, מוטלאז און פערקלערט.

ש א כ נ ע

בעווייזט זיך מיט דער פלייצע אין טיר, און דאס געזיכט צו דרויסען גע־
ווענדעט. רופט.

ציפּ, ציפּ, ציפּ! ציפּ, ציפּ, ציפּ, ציפּ! ווילען אין שטוב נישט ארייגגעהן...
ציפּ, ציפּ, ציפּ, הינדעלאך...

מ י י ט ע

קומט ארויס פון צווייטען צימער. טראגט איהרע מתנות, וואס זי האט
אויף איהר חתונה פון די אנגעפּאהרענע סוחרים געקראגען: זיידען־שטאף, זיידע־
נע טיכלעך, גאלדענע ציהרונג און פּעריל, זי הייבט זיך אן אויספּוצען אין דעם,
פּרובט אויפ'ן קאפּ א זיידען טיכעל, מעסט איהר גאלדענע קייט אן, מעסט די
זייד, ווי עס וועט פּאסען פאר א קלייד.

ש א כ נ ע

אין טיר.

ציפּ, ציפּ, ציפּ, הינדעלאך! אין שטוב אריין, הינדעלאך.

מ י י ט ע

וואס בעדארפט איהר האבען די הינער אין שטוב?

ש א כ נ ע

אבער נישט אריינצונארען זיי אין קאטוך אריין. לעגען זיך ערגעץ
אויפ'ן בוידעם, אין די שטאלען. זאלען זיי זיך צוגעוועהנען צום
קאטוך.

מ י י ט ע

די מאמע וועט שרייען.

ש א כ נ ע

זי וועט עס וועלען ליידען. דער קאפ איז איהר, נעבעך, פארדרעהט, קען זי עס אליין נישט טהאן... ציפ, ציפ, ציפ, הינדעלאך! ער בע־קומט פון קעשענע א שטיקעל ברויט, צוברעקעלט עס, און שיט פאר'ן שוועל, רופט. ציפ, ציפ, ציפ, הינדעלאך... דער האן, צו אלדי שווארץ יאהר, קלייבט אויף די ברעקלאך אליין און די הינער לאזט ער נישט צו. אקיש! פאר אלדי שווארץ יאהר זאלסט געהן! ציפ, ציפ, הינדעלאך! אין אלץ האט מען פארגעסען. אלץ אויף הפקר געלאזען. א שטאל פערד שטעהט, און מען זאל עס גאר צו זיי א קוק טהאן... ציפ, ציפ, ציפ, הינדעלאך!

מ י י ט ע

איהר שיט ברעקלאך פאר'ן שוועל — מען טאהר נישט!

ש א כ נ ע

נישט קיין בייז: די הינער וועלען עס אויפקלויבען. ער בעמערקט אויף מייטען די צירונג. וואס טהוסטו, מיין קינד? ! מען טאר נישט. ווארף עס אוועק! בעהאלט עס. —

מ י י ט ע

ס'איז אפשר נישט שעהן?

ש א כ נ ע

ס'איז נישט רעכט. טהו עס אוים... ס'איז נאך נישט בעוואוסט, וואס אין יענער נאכט האט זיך אבגעטהאן... אפשר וועט גאט געבען. דעם דאך שוין אויך היינט ארויפגעזעצט. זאלען זיי געהן צוריק אין זייער רוה אריין.

מ י י ט ע

דו מיינסט אויך, אז נישט גוטע זענען אויף דער חתונה געוועז?

ש א כ נ ע

נישט ברענג עס פאר דיין מויל. ששש... נישט ברענג עס פאר דיין מויל. מען וועט עס גאר בעדארפען פארברענען, וואס זיי האבען דא איבערגעלאזען.

מ י י ט ע

דאָס זענען דאָך געווען סוחרים, איציק קען זיי.

ש א כ נ ע

נישט דערמאַן זייער נאָמען, הערסט וואָס מען זאָגט צו דיר. דער אבבעראַש, זיין נאָמען זאָלסטו אויך נישט דערמאָנען. נעהם א פאַ־טשיילע און דעק צו דעם קאָפּ. מען טאָהר נישט אזוי. דער טאַטע וועט קומען, וועט מען איינשפּאַנען פערד, און מען וועט פאָהרען צו אייזיק'ן.

מ י י ט ע

לאַכט אין דער שטיל.

ש א כ נ ע

קוקט זי אַן און שאָקעלט פער'דאַגה'ט מיט'ן קאָפּ.

ווייסט, וואוהין דער טאַטע איז געגאַנגען?

מ י י ט ע

איך וויים נישט.

ש א כ נ ע

און די מאַמע?

מ י י ט ע

איך וויים נישט.

ש א כ נ ע

א שטוב איז חרוב געוואָרען; אזא שמחה פארשטערט געוואָרען — און דו ווייסט גאָר נישט... דעם קאָפּ, מיין קינד, זאָלסטו צודעקען! — הערסט וואָס מען זאָגט דיר?

מ י י ט ע

ס'איז דאָך מיין דרשה־געשאַנק.

ש א כ נ ע

ווען דער טאַטע זאָל איצטער זיין, וואָלט ער דיר דיין הויט צופּאַ־סעוועט.

מ י י ט ע

ער וועט עס נישט טהאָן.

שׂאַכנע

ווייכער.

אז דיין זיידע זאָגט דיר, בעדאַרפסטו איהם אויך פאָלגען. פאָלג מיר, מיין קינד, טהו עס אוים. ווער ווייסט, פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען. ווער זענען זיי געווען, די אידען? אָנגעקומען, ווי דער ווינט וואָלט זיי אָנגעטראָגען. מיט פידלען, מיט פייפיאַלען, מיט פויקען. דער גוטער יאהר ווייסט, וואוהין זיי זענען אהינגעקומען... נעהם בעסער לעג אַן א פייער, מיין קינד, זאָל ליכטיג זיין אין שטוב.

מייטע

איך וויל נישט איינשמירען די הענט אין סאַזשע.

שׂאַכנע

קוקט זי פערדעכטיגט אַן.

וואָס נאָך?

מייטע

איך וויל נישט איינשמירען די הענט אין סאַזשע.

שׂאַכנע

וואָס איז דאָס?... כ'האָב מורא צו בלייבען מיט דיר.. ער שפּאַלט שטיקלעך קין. מען וועט עס פון דיר ארויסטרייבען. ס'איז נאָך עצות פארהאַנען.

ער לעגט אַן א פייער אויפ'ן קוימען. עס ווערט אין שטוב א רויטער שיין.

מייטע

שפּאַצירט אום איבער'ן צימער, אויף זיך אַלע צירונג, ווי זי וואָלט אי־מיצען ערוואַרטען.

שׂאַכנע

גערה דיר אַוועק פון מיר, גערה דיר אין יענעם חדר אריין.

ס'איז צו מערקען, אַז דער אַלטער שרעקט זיך מיט איהר אַליין צו בלייבען.

מייטע

שפּאַצירט צום צווייטען צימער, וויל אין איהם אריינגעהן, נאָר שוין אין טיר דערשרעקט זי זיך פּלוצלינג. שפּרינגט אָב הינטער זיך מיט א קוויטש. זי

פערלירט פון זיך א טייל פון די צירונג, וואס אויף איהר איז געווען אבגעהאנגען.

ש א כ נ ע

וואס אי?

האט נישט קיין דרייסט צוגעהן נעהנטער.

מ י י ט ע

ווער איז דארט אין דער אנדערער שטוב?! שרייט צום טיר פון צימער.

ווער איז דארט?!

שטעהט פון דערווייטען בלאס. ס'הערשט א טויטע שטילקייט. דער אל־טער שטעהט אויך צושראקען און קוקט א מאל אויף מייטען און א מאל צום טיר פון אנדערען צימער.

מ י י ט ע

געה, זיידע, געה, וואס איז דארט?

ש א כ נ ע

וועמען האסטו דארט געזעהן?

מ י י ט ע

ווער איז דארט?!

ש א כ נ ע

וואס האסטו געשריען?

מ י י ט ע

ביזט דאך אנ'אלטער איד, וואס האסטו מורא אריינצוגעהן?

ש א כ נ ע

מען הערט דאך גארנישט.

עס קומען אריין א י י ז י ק און ח י ע נ ע. זיי בלייבען פערוואונ־דערט א וויילע זעהענדיג שאכנען און מייטען אזוי צושראקען.

ח י ע נ ע

וואס איז דא געשעהן?

א י י ז י ק

ווידער א מעשה. משוגע קען מען דאך דא באנ'אייך ווערען. אליץ האט זיך דא באנ'אייך אין שטוב איבערגעקערט מיט'ן קאפ אראב און מיט די פיס ארויף.

מ י י ט ע

טוליעט זיך צו דער מוטער.

ח י ע נ ע

גאָט איז מיט דיר. וואָס האָסטו אויף זיך אָנגעטהאָן אָט די דאָזיגע זאכען... וואס האָסטו עס אָנגעטהאָן, וועה איז מיר...

זי נעהמט פארזיכטיג אראב פון מייטען די צירונג און לעגט עס אין שירע אריין.

א י י ז י ק

וואָס האָט דאָ ווידער געטראָפען? וואָס שטעהט איהר אזוי, ר' שאכ־נע, און איהר שווייגט?

ש א כ נ ע

כ'האָב די הינער געוואָלט אריינגעהמען אין שטוב אריין און כ'האָב בשום אופן נישט געקענט זיי פארנארען. דער האָן, צו אַלדי שווארץ יאהר, האָט אַלע ברעקלאך אויפגעקליבען. מען ווייסט נישט, וואו זיי לעגען זיך.

א י י ז י ק

קוועטשט מיט די פלייצעס.

נו, איז וואָס? וואָס האָט עס מיט די הינער צו טהאָן? ווי איהר זעהט מיך לעבען, איך בין דאָך עפּעס אַן'עלטערער מענש, איך הייב שוין אָן אליין מורא צו האָבען פאר אייער שטוב. וואו איז בענדעט?

ח י ע נ ע

ער איז אין שטאָדט אריין געפאָהרען אַן'עצה האַלטען זיך, וואס צו טהאָן, פרעגען, אפשר האָט אימיצער געהערט אָדער געזעהן די סוחרים... אפשר האָט מען זיי געזעהן דורכפאָהרענדיג.

א י י ז י ק

האָט מען זי אויך בעדארפט מיטנעהמען.

מ י י ט ע

וועמען?

אייזיק

טאַקי דיך מיין. איך. האָסט אויך בעדאַרפט מיטפאַהרען מיט'ן טאַטען אין שטאָדט אריין. וואס האָסט עס אנגעטהאָן אויף זיך? זעהסט, אז טאַטע־מאַמע געהען פון זינען אראָב, און דו... פאַרוואס פרעגסטו זיך נישט נאָך אויף ליבוש'ן? פרעגסט נישט, וואָס ער מאַכט. ער האָט מיך געשיקט געוואָהר ווערען, וואָס מיט דיר הערט זיך — און דו פּוצסט זיך, דער גוטער יאָהר ווייסט, אין וואָס...

חיענע

לענט ארוים פאַרזיכטיג די צירונג פון איהר שירץ און דעקט עס אריבער.

שאַכנע

געהט זעהט, וואס איז דאָרט אזעלכעס אין דעם אַנדערען חדר.

חיענע

צינדט אָן א שטיקעל ליכט, וואָס רויכערט מען די קין, ווייס איך נישט וואָס?!

מייטע

געהט צום פענסטער און זעצט זיך דאָרט, שווייגט פערשטומט.

חיענע

צינדט אָן אַ ליכט.

וואָס האָבען זיי דאָרט געזעהן אזעלכעס?

אייזיק

קומט, חיענע; קומט איהר, ר' שאַכנע, אויך. לאָמיר, אדרבא, זעהן, פאַרוואס מענשען שרעקען זיך.

זיי געהען גאַנץ פאַרזיכיג אריין מיט א ליכט אין צווייטען צימער.

מייטע

קוקט פון איהר אָרט צום טיר אנגעשטרענגט אין ערוואַרטונג. אין צווייטען צימער דערהערען זיך פּלוצלינג קולות פון א הון, וואס מען וויל כאַפּען און זי לאָזט זיך נישט. זי קוקט פערוואונדערט מיט ברייט־געעפענטע אויגען.

חיענע

קומט ארוים. טראַגט א שווארצע הון.

משוגעים מענשען. די שווארצע הון איז דאָך עס. דער פענסטער

איז געוועז אפּען, איז זי אריינגעשפּרונגען. אויפ׳ן בעט איז זי גע־
זעסען.

אלע בעקוקען די הון מיט פערדאכט.

א י י ז י ק

איהר דערקענט זי? דאָס איז טאַקע אייער הון?

ח י ע נ ע

גאָט איז מיט אייך. ווייסט, איך דערקען נישט מיין הון? שטענ־
דיג זיצט זי אין שטאָל דאָרט מיט דער בהמה, און היינט — מען האָט
זי גערופען — דער אַלטער נאר — נאָך וואס, שווער, האָט איהר די
הינער גערופען אין שטוב אריין? ווער האָט עס אייך געבעטען?

א י י ז י ק

א וואזשנע הון. שווער ווי א שטיין. ס׳איז א פאריאָהריגע,
מסתמא?

איך וועל אומישנע געהן אין שטאָל אריין און זעהן, צי די שווארצע
הון איז דאָרט דאָ... צו מייטען. וואָס קוקסטו אזוי פערוואונדערט?
זעהסט דאָך, אז ס׳איז אונזער שווארצע הון. דו דערקענסט זי נישט?
קומט מיט מיר, שווער, אין שטאָל אריין, וועט איהר זעהן, אז יענע
הון איז דאָרט נישטאָ.

זי געהט ארויס, שאכנע געהט איהר נאָך מיט איין אנגעצונדענע ליכט.

א י י ז י ק

מיט דער הון אין האנט.

געקומען דיך צונעהמען צו מיר א היים. ליבע האָט אויך געוואָלט
מיטפאָהרען, נאָר איך האָב מיר מישב געווען — איך וועל אליין
צופאָהרען געוואָהר ווערען. — הערסט וואָס מען רעדט צו דיר?

מ י י ט ע

איך וועל נישט פאָהרען.

א י י ז י ק

ליבוש וועט דיך אויף די הענט ארומטראגען.

מ י י ט ע

איך וועל צו אייך נישט געהן.

א י י ז י ק

שטרענגער.

ווייסט, אז דו ביזט מיט איהם אונטער דער חופה געשטאנען? ביזט זיין ווייב.

מ י י ט ע

גלייכגילטיג.

איך האָב איהם נישט ליעב.

א י י ז י ק

מען פרעגט נישט ביי דיר, צי דו האָסט איהם יא ליעב אָדער ניין. קוקט פערדעכטיגט אויף דער הון, וואָס ביי איהם אין האַנט. הער וואָס מען רעדט צו דיר.

מ י י ט ע

איך וועל צו אייך אהיים נישט געהן.

א י י ז י ק

איהר וועט דאָך אין יענער קרעטשמע נישט וואוינען. שוין, ווערט זי פערברענט. מען האָט זי דאָך צוריק אויף איהר אָרט אוועקגעשטעלט זאָל זי דאָרט פוילען, איך וועל פאר דיר און לייבען אָבגעבען מיין אנדערע האַלבע שטוב.

מ י י ט ע

און איך וועל צו אייך אַ היים נישט געהן.

א י י ז י ק

מען האָט שוין דאָרט אפילו אויסגעקאַלכט אויך.

מ י י ט ע

איך האָב איהם נישט ליעב.

א י י ז י ק

זאָלסט זעהן, וואס פאר אַ פּאָר דעמבענע בעטען מען האָט געמאכט פאר אייך... זאָג, פאר וואס האָסטו איהם פיינט? קלערסט נאָך אַלץ וועגען איציק'ן? איצטער איז שוין אַלץ פערפאַלען. וואס ווילסטו פון איהם? ער איז דאָך אַ גנב. ער האָט דאָך דיין טאַטען אומגליק־ליך געמאכט. פלוצלינג. איך מיט'ן טאַטען, מיר וועלען דיך בינ־

רען און מיט געוואלד וועט מען דיך אוועקפיהרען. הערסט? ווייסט, אז דו ביזט א אידישע טאכטער?! מען וועט דיך אין חרם אריינ־ווארפען. וואס געהסטו מיט א הוילען קאפ?! צוליעב דיר איז דא אזא פארדרעהעניש געווארען. וועסט נאך דיין טאטען און דיין מא־מען פון זינען ארואבפיהרען... וואס שווייגסטו? ווילסט מיר שוין גאר נישט ענטפערן? פון מיינעטוועגען — ס׳הארט מיר פאר דיר גאר נישט. זאל שוין דיין טאטע טהאן מיט דיר וואס ער וויל, ס׳איז זיינע א טאכטער... הערסט, מען וועט דיר געבען גט, און אנ׳עק מיט א סוף וועט עס נעהמען... נו, וואס שווייגסטו? איך בעדארף דאך לייבוש׳ן א תשובה ברענגען. וואס זאל איך איהם זאגען?

מ י י ט ע

זאגט איהם, אז איך וועל צו איהם נישט קומען.

א י י ז י ק

מיינסט עס טאקע אזוי צו טהאן? עס וועט דיר אזוי גרינג נישט אראבגעהן. צו דער הון. א די כפרה זאלסטו געהן! וואס האט מען מיר א הון אין האנט געגעבען, איך זאל זיך האלטען מיט איהר?!

מ י י ט ע

זאגט לייבוש׳ן, אז ער זאל אליין קומען, וועל איך מיט איהם רעדען

ח י ע נ ע און ש א כ נ ע

קומען אריין.

דאכט זיך, אז זי זיצט דארט.

ח י ע נ ע

דער גוטער יאהר ווייסט, אין דער פינסטער זענען אלע היגער שווארץ.

א י י ז י ק

איז זי דארט נישטא?

ח י ע נ ע

נעהמט פון אייזיק׳ן די הון.

פאר וואס ס׳איז דא פארהאן מורא צו האבען.

אייזיק

ווי שטיל זי איז.

חיענע

איך וועל זי אריינוואַרפען אין קאַטוך אריין. זי טהוט עס. אנ׳עק זאָל עס נעהמען; איך וועל פון זינען אראָב. אַלץ האָט זיך אויף מיין קאָפּ אראָבגעלאָזען. שוין, מען האָט דאָך שוין די קרעטשמע אויך צוריק אויפגעבויט. א כפרה זאָל עס געהן פאַר אַלע זינד. פריהער צעוואַרפען, איצטער ווידער אויסגעבויט — זאָל עס א סוף נעהמען... מיין קינד, אייזיק איז געקומען דיך נעהמען צו זיך אַ היים.

אייזיק

איך האָב גערעדט מיט איהר, וויל זי אפילו גאָר נישט ענטפערן. איך זאָג איהר, אז מען האָט פאַר איהר די אַנדערע העלפט שטוב אויסגע־קאַלכט, א פּאָר דעמבענע בעטען אוועקגעשטעלט — זאָגט זי — כ׳וויים וואָס זי זאָגט. זי איז דאָך אייערע א טאָכטער — זאָל איך מיר מוסר נפש זיין? מיין זוהן וועט זיך אויך נישט לעגען א לע־בעדיגער אין דער ערד אריין.

חיענע

מיין קינד, הער וואָס מען רעדט צו דיר. איך וועל זיין שטאַרקער פון אייזען, אז איך וועל עס איבערטראָגען. פאַר וואָס קומט עס מיר? אויס טערערען. פאַר וועמעס חטאים? רעד א וואָרט. מען פרעגט דאָך ביי דיר, ווי ביי א מענשען — וואָס ווילסטו האָבען פון מיר?

אייזיק

לייבוש׳ן, זאָגט זי — האָט זי נישט ליעב.

שאכנע

און איך זאָג, אז מען האָט עס נישט געטאָרט. אייזיק איז שולדיג. האָבען זיך פריהער מיט איציק׳ן דאָס וואָרט געגעבען, זי מיט אי־ציק׳ן, און קיינעם נישט דערצעהלט. איצטער טשעפּעט זיך עס.

אייזיק

מען פרעגט נישט ביי איהר, צו זי האָט דאָס וואָרט געגעבען. זי האָט אויך אַ גרויסע דעה?

מ י י ט ע

יע, דאָס וואָרט געגעבען. דער טאַטע אַליין האָט דאָס וואָרט געגע־
בען און שפּעטער האָט ער חרטה געהאַט.

א י י ז י ק

אויסער זיך.

צו אייערע קעפּ זאָל עס אויסגעהן — ווי איהר האָט מיר מיט מיין
קינד די קעפּ פערדרעהט.

ח י ע נ ע

שרייט אויך אויפגעבראכט.

וואָס זענט איהר אהער יעמאָלט געקומען דרעהען אונז א מוח מיט
דער קרעטשמע ? ווער האָט אייך געבעטען, איהר זאָלט זי קומען קוי־
פען ? זי איז געשטאַנען פּוסט, האָט עס קיינעם נישט בעדאַרפט דאַ־
רען דער קאָפּ. וואָס זענט איהר געקראָכען אין דער בלאָטע אריין ?
מען האָט בעדאַרפט פריהער אין שטאָדט אריין פאָהרען ; מיט מענ־
שען זיך מישב זיין, צו מען זאָל עס גאָר טהאָן. וואָס האָט איהר
פון מיר געוואָלט ? איך האָב מורא געהאַט. איך האָט געשריען, אז
איך האָב מורא. מיין קינד האָט א חתן געהאַט, און איהר זענט
געקומען און בענדעט'ן דעם קאָפּ פאַרדרעהט.

א י י ז י ק

נאָך אזעלכע טויזענד ווי מיר ביידע וועט בענדעט דעם קאָפּ פאַר־
דרעהען. א שעהנע מעשה, כ'לעבען, איך האָב גאָר בענדעט'ן דעם
קאָפּ פאַרדרעהט.

ח י ע נ ע

בענדעט ווייס דאָך נישט, אויף וואָס פאַר א וועלט ער געהט ארום.
קרעטשמע איין און קרעטשמע אויס — אָט איז ער געשטאַנען און
געציטערט ווי א פיש, מען זאָל זי שוין וואָס גיכער צוריק אויפבויען.
אָט האָט ער זיך גאָר געלאָזט יאָגען, די פערד פאַרשמיסען, טאָמער
וועט ער די סוחרים ערגעץ טרעפען. ער איז דאָך פאַרווירט געוואָ־
רען. ער ווייסט דאָך אַליין נישט וואָס ער טהוט. און אין דעם
זענט איהר אַלץ שולדיג.

א י י ז י ק

וועט מען איהר געבען גט.

ח י ע נ ע

וויינט.

צו אייער קאפּ וועט עס אויסגעהן! וואס האָט מען צו מיין קינד גע־האט? וואס האָט מען פון מיין איין און איינציג קינד געוואָלט? אזא ליכטיגע נשמה — וואס האָט מען זיך אויף מיר אָנגעזעצט?

ש אַ כ נ ע

גענוג שוין; זאָל שוין זיין גענוג.

ח י ע נ ע

פאר וואס האָבען זיי זיך יעמאָלט ביי נאכט ביידע געשלאָגען. שיעור צום טויט נישט דערשטיקט. וואס האָט איהר בענדעט'ן אָנגערייצט אויף איהם? גט'ן, זאָגט ער גאר, וועט ער מיין טאָכטער. איך לאָך פון אייער קאפּ! איך וויל אייך נישט קענען.

ש אַ כ נ ע

בעקלער זיך וואס דו רעדסט, חיענע.

א י י ז י ק

איך הייב מיך שוין אויך אָן צו שרעקען. איז דאָס חיענע? כ'האָב זי דאָך קיינמאָל נישט געהערט אזוי רעדענדיג. חיענע — און אזא מויל. איך גלויב דאָך מיינע אייגענע אויערען נישט. נאָך וואס האָב איך עס בעדארפט האָבען אזא פּעקעל צרות אויף מיין קאָפּ? פון דעם ערשטען טאָג אָן, וואס כ'האָב מיך מיט אייך פערבונדען, איז ווי איך וואלט אריינגעפאלען צו נישט־גוטע אין די הענט אריין. די הויט מיינע ציטערט אויף מיר.

ח י ע נ ע

וואס האָט איהר געהאט צו מיין קינד, וואס?

ב ע נ ד ע ט

רייסט זיך אריין אין שטוב, מערקט קיינעם ניט. ער טראָגט א בונט שטרוי. שטאָפּט די שטרוי אין אויוועז אריין און צינדט עס אָן. שרייט צו די הויז־לייט.

גיכער, לעגט שפּענער אין אויווען אריין! וואָס שטעהט איהר ווי

די לײמענע גולמ׳ס. העלפט מיר אַנלעגען אַ פײער. נאָך שפּענער אין אויוען לעגט!

אײלט צוריק אין דרויסען ארויס.

חיענע און שאכנע

פּאַלגען בענדעט׳ס בעפעהל. ווי פאַר׳כשופ׳טע ארבײטען זײ בײדע בײם אויוען. לעגען טרוקענע שפּענער קין, וואס זײ געפינען אונטער דער האנט שטאַפּען זײ אין אויוען ארײן, פערגעסען גאר אז דעם גאנצען שמועס, וואס עס איז ביז בענדעטס ארײנקומען געפיהרט געווארען.

מײטע

בלײבט אויף איהר פּלאַץ גאַנץ גלײכגילטיג צו דעם, וואס עס קומט פאר.

אײזיק

עס שטעלען זיך מיר די האָר אויף מײן קאָפּ קאַפּויער. נײן, מען מוז מיט דעם אַלעמען אַ סוף מאַכען.

געהט שנעל ארויס, אַ קלאַפּ געבענדיג מיט דער טיר.

כיענע

מערקט גאר נישט, אז אײזיק איז שוין אוועק. צו מײטען.

וואס שווײגסטו, מײטע? ברענג ארײן נאָך טרוקענע האָלץ, גיכער. נאָך שטרוי ברענג ארײן.

מאַכט דעם פײער אַלץ גרעסער און גרעסער.

בענדעט

לויפט ארײן ווידער. ער טראַגט אויף זיך אַ גאַנצען געשפּאַן פון אַ פּאָר פערד; צווײ כאָמוטען, לאַבעדריקעס, צוימען, אַ בײטש אויף אַ לאַנגען טראַסטע־נעם שטעקעל. ער הײבט עס אַלץ אַן צו פּאַקען אין אויוען ארײן. שרײט.

העלפט מיר; וואס שטעהט איהר ווי די לײמענע גולמ׳ס? ! העלפט מיר עס אין אויוען ארײנשפּארען. צו אַלדי שוואַרץ יאָהר די כאָמונ־טען קריכען נישט... ברענגט מיר אַ האַק אַהער! גיכער, אַ האַק — וואָס שטעהט איהר? מײטע, גיב מיר די האַק אַהער! מען דער־לאַנגט איהם אַ האַק און ער, מיט אַ ווילדען כח הײבט ער אָן צו האַקען די כאָמוטען אויף שטיקער און שפּארט עס אין אויוען ארײן. שרײט.

נאָך שטרוי פון אויבען לעגט! אַט אַזוי, איצטער נאָך שפּענער. אויפ׳ן

אויוועז ליגען טרוקענע שפּענער, גיט זיי אהער. אָט אזוי.... מען זאָל נישט וויסען, וואס דאָ ברענט אזעלכעס אין אויוועז...

ער ציטערט פאר אויפרעגונג, קוקט אין אויוועז אריין ווי עס ברענט. א שוויים גיסט זיך פון זיין פּנים.

ח י ע נ ע

קומט צו זיך, ווענדעט זיך צו בענדעט'ן.

זאָג מיר, וואָס איז געשעהן אזעלכעס?

ב ע נ ד ע ט

עפענט דעם פענסטער און קוקט ארוים, צו די שטוב־לייט.

איהר הערט גאָרנישט? זעהט, מען פאָהרט נישט אהער?

ש אַ כ נ ע

וואס איז פאר א ברענען אזעלכע זאכען?

ב ע נ ד ע ט

איילט ווידער צום אויוועז, זעהט ווי עס ברענט און באלד קערט ער זיך צוריק צום פענסטער.

איצטער האָב איך שוין קיין מורא נישט. זאלען זיי קומען.

ח י ע נ ע

אבער וואס איז געשעהן?

ב ע נ ד ע ט

וואס איז געשעהן? אומגליקליך האָבען מיר געקענט זיין. אפשר דרייסיג גוים לאָזען זיך אהער זוכען יענע פערד. זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז יענע פערד זענען ביי מיר. אימיצער האָט דער־טראגען. אפשר דרייסיג גוים, מיט רידעלם אויף די פּלייצעס, לאָזען זיך גלייך אהער. זעה, צי עס ברענט. זאָל קיין שליאד דערפון נישט בלייבען. דאָס איז דאָך פון יענע פערד דער געשפּאַן געוועז.

ח י ע נ ע

שפּייט דריי מאָל אוים.

טפוי זאָל עס ווערען. אָהן כחות בין איך געבליבען. די נשמה איז מיר שיער נישט ארוים. איך האָב שוין קיין כח נישט. אוי, איך האָב שוין קיין כח נישט.

ב ע נ ד ע ט

קוקט אין פענסטער.

ש אַ כ נ ע

וואָס זעהסטו דאָרט?

ח י ע נ ע

יענע פערד האָסטו דאָך אליין ג ע ק ו י פ ט. געקויפט האָסטו דאָך וועה איז מיר. דערמאָן זיך, בענדעט. האָסט דאָך אליין פאַר זיי בעצאָהלט... וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס האָסטו אַזאַ געשפּאַן פאַר־ברענט? וואָס האָט זיך דיר גע'חלומ'ט? וואָס זאָגט איהר, שווער, צו אַזאַ אומגליק? דאָס זענען דאָך די פערד, וואָס דו האָסט אויפ'ן יריד געקויפט און בעצאָהלט פאַר זיי...

ש אַ כ נ ע

דאַכט זיך טאַקי, אַז דאָס זענען געוועזן יענע פערד.

ב ע נ ד ע ט

שווייגט, דער קאָפּ אַראָבגעלאָזען. ווי ער וואָלט זיך איבערלעגען, צי איז עס ווירקליך געקויפטע פערד געוועזן.

ח י ע נ ע

נישט אַנדערש דו ביזט פון זינען אַראָפּ. זי קוקט אין אויוועזן און ווײנט. פאַרברענט. אַזאַ גוטס. אליין מיט די אייגענע הענט פאַר־ברענט. די גוים זענען פון פעלד געגאַנגען, פון דער אַרבייט. דאָס גראָבען זיי דאָך אַ גראָבען נעבען וואַלד. האָסט דאָך אליין געזעהן, ווי זיי גראָבען דאָרט...

ב ע נ ד ע ט

אויב אַזוי, פאַרשטעה איך שוין. איך הייב שוין איצטער אָן צו פאַרשטעהן וואָס דאָ איז געשעהן. ער געהט צום אויוועזן און קוקט, ווי עס ברענט, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. איצטער, הייסט עס, הייב איך שוין אָן אַלצדינג צו פאַרשטעהן. מען האָט זיך גענומען צו מיר... אַזוי גלאַט וועט עס מיר נישט אָבגעהן. איך האָב „זייער“ נעסט צע־רודערט דאָרט. די קרעטשמע האָב איך צעוואָרפען... נו, האָב איך זי דאָך שוין צוריק געלאָזט אויפבויען. אַ חתונ'קע האָבען זיי מיר

אויפגעשפילט מיט א דרשה־געשאנק... דרשה־געשאנק האבען זיי מיר געבראכט... טהוט פלוצלינג א נעהם דעם אלטען שאכנען פאר'ן האנט.
קום מיט מיר, טאטע, כ'וועל דיך אויפזעצען רייטענדיג, קום מיט מיר.

חיענע

אין שרעק.

וואס מיינסטו צו טהאן?

בענדעט

קום, טאטע, מיט מיר!

דער אלטער האט אפילו קיין צייט נישט זיך ארומצוקוקען, ווי ער איז שוין פון בענדעט'ן אויפ'ן גאס ארויסגעפיהרט.

חיענע

וואוהין, בענדעט? וואוהין פיהרסטו דעם אלטען? ! קוקט אין פענסטער. וואוהין, קינד מיינס, זענען זיי געלאפען?... גאט מיין גאט.
וואס איז מיט אונזער שטוב געווארען? זעה נאר, ער זעצט דעם אלטען אויפ'ן פערד ארויף. אוי וועה, ער וועט דאך אראבפאלען! זעה, א גאנצען סנאפ שטרוי האט ער מיטגענומען!.. ווי זיי האבען זיך עס אוועקגעטראגען! זי טרעט אב פון פענסטער. וואו איז ערגעץ אייזיק?
וואו איז ער? מען האט גארנישט געזעהן, וואוהין ער איז פארשוואונדען געווארען. ער איז אנטלאפען געווארען? ער האט דערזעהן, אז ס'איז אנ'אומגליק, איז ער אנטלאפען געווארען. א שאד, איך וואלט איהם מיט הייסע וואסער אבגעגאסען. וואס האבען זיי זיך אנגעזעצט אויף מיר? וואס האבען זיי געוואלט פון מיין קינד? מייטעלע, מיין גאלד, מיין לעבען, קום צו מיר, מיין נשמה, טייערע, מיין קרוין, קום צו מיר...

מייטע

פאלט דער מוטער אין די ארעמס.

חיענע

קושט זי.

מיין קינד, איך וועל עס נישט אויסהאלטען. איצטער איז אין שטוב

קיינער נישטאָ, זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר? וואָס איז מיט דיר אין יענער פינסטערער נאַכט געשעהן?

מ י י ט ע

קושט די מוטער.

איך וויים גאָר נישט, וואָס מיט מיר איז געשעהן. איין זאַך נאָר וויים איך, אז אָהן איציק'ן וועל איך נישט קאָנען לעבען.

ח י ע נ ע

וואָס האָט ער פון דיר געוואָלט יענע נאַכט?

מ י י ט ע

ער האָט געזאָגט, אז ער וועט מיך קיינעם נישט אָבגעבען. ער איז דאָך מיט מיר אינאיינעם אונטער דער חופּה געשטאַנען. ער איז מיין חתן, האָט ער געזאָגט, און איצטער איז ער מיין מאַן, האָט ער געזאָגט...

ח י ע נ ע

וואָס זאָל איך טהאָן? וואָס זאָל איך מאַכען. אַלץ האָט זיך דאָ אין שטוב איבערגעקעהרט. אַלץ האָט זיך פארפּלאָנטערט. איך דערקען זיך אַליין נישט. איך דערקען בענדעט'ן נישט. איך דערקען מיין רעכטע האַנט נישט. מיט וועמען זאָל איך זיך אַנ'עצה האַלטען?

מ י י ט ע

ווען מען וועט מיך אפילו בינדען, וועל איך די שטריק צורייסען און צו איציק'ן וועל איך לויפען. איך וועל איהם צו די פיס פאַלען און זאָל ער מיך מיט זיינע פיס טרעטען. איך קאָן אָהן איהם נישט לעבען. אפשר האָט ער מיר א כשוף אָבגעטהאָן, אָבער איך מוז צו איהם לויפען. איך וועל נאָך היינטיגע נאַכט פון שטוב אנטלויפען. וועסט מיך היטען און איך וועל פון שטוב אנטלויפען... איצטער האָב איך פאר קיינעם קיין מורא נישט. כ'האָב נישט וואָס אנצואווערען. כ'האָב פאר'ן טאַטען אויך קיין מורא נישט. איך וועל איהם מעהר נישט פאָלגען. איך זעה, אז ער האָט שוין אַליין חרטה... איך זעה עס גוט...

הינטער'ן פענסטער הערט זיך קלינגען א גלאָק.

מ י י ט ע

איציק! ער איז געקומען!

ח י ע נ ע

רוף איהם, מיין קינד.

מ י י ט ע

איציק, איציק, גיכער, קום אהער!

א י צ י ק

קומט אריין.

מ י י ט ע

פאלט איהם אויפ'ן האלז.

ח י ע נ ע

וויינט.

גוטע מלאכים האבען דיך געבראכט. גאט אליין האט דיך געבראכט.

א י צ י ק

וואס איז מיט דיר, מייטע?

מ י י ט ע

מיט א פערשלאגענעם אטעם.

נעהם מיך צו פון דאנען.

ח י ע נ ע

אומגליקליכע זענען מיר.

א י צ י ק

ווי איהר זעהט אוים.

ח י ע נ ע

מיר האבען שוין קיין כוח נישט. א, מיר האבען שוין קיין כוח נישט.

מ י י ט ע

קושט זיינע הענט.

נעהם מיך צו פון דאנען. אט באלד, איידער דער טאטע וועט קומען. מאמע, זאג איהם, ער זאל מיך צונעהמען פון דאנען. א ניט וועל איך שטארבען.

א י צ י ק

מערקט די פערשיידענע צירונג אין שטוב.

זייד, צירונג—אלץ איבער'ן שטוב צוואווארפען.

ח י ע נ ע

ווי זי וואלט עס ערשט איצטער מערקען.

אט דאס האט מיך אומגליקליך געמאכט.

א י צ י ק

וואו איז בענדעט? איך האב איהם אבגעבראכט זיין פערד. יעדעמאלט ביינאכט איז ער געקומען רייטענדיג און דעם פערד האט ער איבערגעלאזען אויף הפקר. ווען איך נעהם איהם נישט צו, וואלט ער געווים פערפאלען געווארען. צו מייטען, וואס טוליעט זיך צו איהם. דיין טאטען האט זיך געוואלט מיט'ן טייוועל שפילען און ער האט אייזיק'ן מיט זיין קדיש פאר שותפים צוגענומען. און דו, סחורה שעהנע, צו אזא טאטען זאגט מען: איך בין נישט קיין פערד און דו זאלסט מיך נישט פערקויפען!

ח י ע נ ע

וואס זאל איך טהאן? אז איך האב ביי איהם קיין דעה נישט. ווי זי זאל זיך ערשט איצטער דערמאנען, אז בענדעט מיט'ן אלטען זענען אוועק. יע, בענדעט מיט'ן אלטען, זאלסטו מיר געזונד זיין, איציק, וואוהין זענען זיי געלאפען... געה, איציק, מיין קינד, זעץ זיך אויף רייטענדיג און לויף זעה, וואו זענען זיי.

א י צ י ק

וואוהין דען?

ח י ע נ ע

זיי האבען זיך ערגעץ רייטענדיג אוועקגעיאגט. ווי א משוגע'נער האט ער דעם אלטען א כאפ געטהאן... געה, מיין קינד.

מ י י ט ע

געה נישט, געה נישט.

א י צ י ק

קומט, לאמיר אלע פאהרען זיי זוכען, איהר וועט זיך צו מיר אין

בריטשקע אריינזעצען. אין וואס פאר א זייט זענען זיי געפאהרען?

ח י ע נ ע

איך וויים נישט.

א י צ י ק

וואוהין, מייטע, זענען זיי געפאהרען?

מ י י ט ע

איך וויים נישט.

א י צ י ק

איז דאך נישטא וואס צו פאהרען אומזיסט.

אין די פענסטער פון דרויסען הייבט אן צו שלאגען א רויטער שיין. ווי ערגעץ נאהנט וואלט א שרפה אויסגעבראכען.

מ י י ט ע

בעמערקט עס צום ערשטען, מאכט א ליארם.

זעהט, זעהט, זעהט!

א י צ י ק

עס נעצט ערגעץ גאר נאהנט פון דאנען.

מ י י ט ע

דאס האבען זיי די פוסטע קרעטשמע אונטערגעצונדען!

ח י ע נ ע

נישט אנדערש, זיי זענען פון זינען אראב!

מ י י ט ע

ווארפט זיך צום פענסטער.

אליין די קרעטשמע אונטערגעצונדען...

ח י ע נ ע

לאמיר לויפען, גיכער.

א י צ י ק

האלט חיענען.

וואו ט'איהר לויפען? איהר האט נישט נאך וואס צו לויפען...

ח י ע נ ע

מיר זענען פארלארען, פארביי, פארביי...

מ י י ט ע

מיט אויפרעגונג און שמחה, רייסט זי אַוש די האָר פון קאָפּ.

דער טאַטע, נאָר ער האָט עס געקענט און מעהר קיינער נישט.

ח י ע נ ע

איציק, האָב רחמנות, לויף זיי אנטקעגען. איך וועל עס נישט איבערטראָגען.

מ י י ט ע

כאַפּט איהם פאַר ביידע הענט.

זאָלסט מיך נישט איבערלאָזען אליין. מען פאָהרט. איך הער ווי זיי פאָהרען שוין. לויפט צום פענסטער. אָט ווי איז ער שוין דאָ!

אַלע קוקען צום טיר אין ערוואַרטונג.

ב ע נ ד ע ט

קומט אַריין; בלאַס, צושויבערט. אַ שוים שלאָגט איהם פון מויל אַרויס. ער לאָזט זיך אַראָב אויף דעם ערשטען און בעסטען פּלאַץ. כמעט אין אונמאַכט. ער שעפּטשעט עפּעס, נאָר ס'איז שווער צו הערען.

מ י י ט ע

טאַטעשי, טאַטעשי...

קושט איהם.

ב ע נ ד ע ט

מערקט נישט איציק'ן.

מיט אַלץ געקאַנטשעט. אַ סוף זאָל עס נעהמען. ווי עס וואָלט איהם אָטעם אויספּעהלען. אַלץ זאָל מיט'ן פייער געהן... מאַכט די פענסטער צו. איך זאָל דאָס פייער נישט זעהן... האָבען מיך ביז צום שטוב נאָכגעיאָגט; אַ, ווי ס'האָט זיך צופלאַקערט...

א י צ י ק

גאַנץ פאַרזיכטיג.

וואָס איז מיט אייך, פעטער?

ב ע נ ד ע ט

דו ביזט דאָ! ער וויל זיך אויף איהם וואַרפען, נאָר ער לאָזט זיך מאַכטלאָז אַראָב צוריק אויף זיין אָרט. וואָס טהוט ער דאָ?! חיענע,

מיינע, ווי קומט ער אהער?!

חיענע

בענדעט, האָב גאָט אין הארצען. זעה, וואָס דו מאכסט פון זיך, ווײַנט.

איציק

וואָס האָט איהר צו מיר, פעטער? וואָס פאר א שלעכטס האָב איך אייך געטהאָן. איהר אליין האָט זיך דעם קאָפּ פארדרעהט.

בענדעט

ווי קומט ער אהער?!

מיטע

טאַטעשי... טאַטעשי, האָב אויף מיר רחמנות...

חיענע

שלאָגט זיך פון די כחות אַרויס. פערצווייפעלט.

האָב גאָט אין הארצען, בענדעט. וואָס האָסטו זיך אין קאָפּ אריינגענומען. בערענל זיך, בענדעט.

בענדעט

גיט מיר שטרוי, פייער... כ׳וויל אלץ מיט׳ן פייער אוועקלאָזען.

ער לאָזט זיך צום אויווען פון דאָרט פייער צו בעקומען, מען לאָזט איהם נישט.

שאכנע

קומט אַריין, פערמאַטערט, דערשראָקען, קוים וואָס ער לעבט.

אנ׳איינפאל אביסעל, שלעפט מיך מיט, איך ווייס אליין נישט וואוהין ער פיהרט מיך. אזא בנין אונטערצינדען. ברענט ווי א שטאָלקארץ.

בענדעט

שעפטשעט.

טאַטע, צינד די שטוב אויף אָן. לאָמיר געהן פון דאנען. זאָל אלץ מיט פייער געהן, לאמיר זיך אליין מציל זיין... צינד אָן, טאַטע, איך האָב קיין כח נישט. דאָרטען „זייער" נעסט פערברענט — ווע־

לען „זיי“ איצטער מיין שטוב פול מאכען. זיי געהען אהער... זיי קור־מען...

א י צ י ק

פעטער, איך האב איך דעם פערד אבגעבראכט, וואס איהר האט יע־מאלט ביי נאכט אין פעלד פערגעסען.

ב ע נ ד ע ט

וואס פאר א פערד?!

א י צ י ק

אין דער חופה־נאכט.

ב ע נ ד ע ט

וואס פאר א חופה־נאכט?!

ח י ע נ ע

וועה איז מיר, אלץ האט ער פערגעסען.

א י צ י ק

ווען די סוחרים זענען געווען.

ב ע נ ד ע ט

פערשטעקט די אויערען.

אה, איך קען נישט הערען!

ש א כ נ ע

צייט די וועלט שטעהט איז גאר אזעלכעס נישט פערלאפען.

ב ע נ ד ע ט

הייבט זיך אויף, וויל געהן. נאר ער פאלט פון די פיס. ווי ער וואלט גאר זיינע כחות פערלארען. מען פיהרט איהם אין צווייטען צימער אריין.

ח י ע נ ע

נעהט איהם נאך, וויינט.

בענדעט, מיין קרוין, וואס איז מיט דיר?

אין די פענסטער ווערט דער רויטער שיין שוואכער.

ש א כ נ ע און מ י י ט ע

העלפען פיהרען בענדעט'ן אין צווייטען צימער.

א י צ י ק

בלייבט אליין.

מ י י ט ע

לויפט אריין צו איציק'ן. ווארפט זיך איהם אויפ'ן האלז. זי קושט איהם זיינע הענט, ווי איין אונטערטעניגע חיה, איהר שטימע ציטערט.

וואס האסטו פון אונז געמאכט? דו ביזט א רוצח. האסט אונז אלע־מען אוועקגע'הרג'עט... דו ביזט א גזלן. האסט קיין רחמנות נישט...

אין צווייטען צימער דערהערט זיך פלוצלינג, פריהער א שטילער קאמפף, און באלד קלינגען צובראכענע שויבען. באלד הייבט אן צו שלאגען פון טיר א רויטער שיין און פלאמען בעוויזען זיך. חיענעס און שאכנעס געשרייען הערען זיך א ווייל, נאר באלד קלינגט ווידער צובראכענע שויבען און ס'איז צו דער־קענען, אז דארט שפרינגט מען דורך די פענסטער אויף דער גאס ארויס. די פלאמען פון צווייטען צימער שלאגען שטארקער, א רויך זעצט ארויס און עס שפירט זיך, אז אלץ ווערט אין פלאמען ארומגעכאפט.

מ י י ט ע

שפרינגט ווי א פערווירטע. וויל זיך אין צווייטען צימער ווארפען.

א י צ י ק

כאפט זי פעסט ארום.

וואוהין לויפסטו? זיי זענען דורך די פענסטער אויף דער גאס ארויס.

מ י י ט ע

קעמפפט מיט איהם.

לאז מיך אהין אין פייער אריין!...

א י צ י ק

איצטער וועסטו שוין פון מיר נישט אנטלויפען...

גרינג, ווי א פעדערעל, טראגט ער זי פון דער ברענענדיגער שטוב ארויס.

ע נ ד ע

דעם שמידס טעכטער

פערזאָנען:

נחמן בער, אַ שמיד אין דאָרף.

שמואל שמחה, זיין פאָטער.

לאה דאָבע } נחמן בער'ס טעכטער, אַ צווילינג.
זעלדע }

ניסן אַלטער } אַרבייטער.
ברוך משה }

אַ מוכר ספרים'ניק

ערשטער אקט

זומער. פריהמארגנז. אין קוזשנע. רעכטס און לינקס טירען אפען. דורך די אפענע טירען זעהט זיך ס'פעלד, גרינע לאנקעס. מארגען־געזאנג פון פויגעל. ערגעץ הינטער דער קוזשנע האט זיך א הון צעשריהען. א באטשאן הייבט אן קנאקען מיט'ן שנא־בעל ערגעץ נאהנט אויפ'ן לאנקע.

נ י ס ן א ל ט ע ר

קריכט ארויס פון אונטער דער הארבע. טראגט אין די הענט הינערשע אייער. פארזיכטיג ער זאל זיי ניט צוברעכען. ער בעהאלט זיי אין א טאפ. ציהט דעם בלאזאק. ס'פייער הייבט אן צו פלעמלען צווישען די שווארצע קוילען. ס'דערהערט זיך א מיידילש געזאנג. ער בעהאלט זיך אונטער דער הארבע.

ז ע ל ד ע

קומט אן. זינגט.

אז א בארגע פאלט פון בוים אראפ, פון בוים אראפ.

וויל ארונטער קריכען אונטער דער הארבע דערשרעקט זיך שפרינגט אפ שרייענדיג.

מאמע, ווער איז דארט!?

נ י ס ן א ל ט ע ר

לאכט.

ז ע ל ד ע

ווער איז דארט? אלטער? אוי האב איך־מיר־דערשראקען. אוי ווי ס'הארץ קלאפט!

נ י ס ן א ל ט ע ר

קומט ארויס.

גוט זיך דערשראקען?

ז ע ל ד ע

כ'האב אפשר געקענט חלש'ן. אט לעג צו די האנט. הערסט ווי ס'קלאפט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

כ'האב געוואוסט דו וועסט באלד קומען זוכען די הינערשע אייער אונטער דער הארנע.

ז ע ל ד ע

געה, איך בין ברוגז אויף דיר.

נ י ס ן א ל ט ע ר

כ'וועל דיר באלד עפּעס געבען, וועסטו זיך איבערבעטען מיט מיר.

ער זוכט עפּעס אין אַ טאַפּ פערשטעלט, זי זאָל ניט זעהן.

ז ע ל ד ע

וואַס האַסטו דאָרטען?

נ י ס ן א ל ט ע ר

טרעף, וואַס כ'האַב אין האַנט!

ז ע ל ד ע

דו האַסט דאָרט, דו האַסט דאָרט, מאַלינעס.

נ י ס ן א ל ט ע ר

נישט געטראָפען.

ז ע ל ד ע

האַסטו דאָרט אַ באַרנע?

נ י ס ן א ל ט ע ר

נישט געטראָפען.

ז ע ל ד ע

עפען אויף איין פינגער וועל איך דערקענען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

וואַס פאַר אַ פינגער זאָל איך אויפהויבען?

ז ע ל ד ע

דעם מיטעלסטען, אַט אזוי... אוי געוואַלד, אַ מויז האַט ער דאָרט!

וויל אַרויסלויפען פון קוזשנע.

נ י ס ן א ל ט ע ר

דו נאַר, קום אהער, ס'איז דאָך אַ פויגעלע.

ז ע ל ד ע

נעה, דו האָסט מיך אזוי דערשראָקען... ס'אָרא שעהן פייגעלע!
וואו האָסטו עס געכאַפּט?

נ י ס ן א ל ט ע ר

דריי זענען אריינגעפלויגען אין קוזשנע האָב איך איינס געכאַפּט.

ז ע ל ד ע

גיב, איך וועל עס געבען אַ טרונק. נעהמט דאָס שנעבעלע אין מויל. אוי, סע טרינקט, פּרוב דו, אָט אזוי נעהם דאָס שנעבעלע אין מויל, עס טרינקט! איצטער לאָז עס אָב.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ס'קען נאָך אין פייער אריינפליהען. לאָז, כ'וועל פערשטעלען דעם פייער.

ז ע ל ד ע

גיב, איך וועל עס אָבלאָזען הינטער דער טיר... אַ, ווי ס'איז אוועק־געפלויגען!

נ י ס ן א ל ט ע ר

ביזט נאָך אין כעס?

ז ע ל ד ע

אודאי בין איך אין כעס. קריך אַרונטער, אונטער דער הארנע, אפשר האָבען זיך דאָרט די הינער געלעגט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

טאַ וואָס וועט זיין?

ז ע ל ד ע

איך וויל מאַכען לאָקשען. די קאַץ האָט זיך היינט געלעקט. אַ גאַסט וועט קומען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

כ'האָב היינט געזעהן אז די קאַץ האָט געגראָבעלט מיט די נענעל ס'פּיסעל פון בענקעל, ס'וועט נאָר זיין אַ ווינט.

ז ע ל ד ע

נו, און אַז אַ ווינט טאָר קיין גאַסט נישט קומען?

נ י ס ן א ל ט ע ר

זעה בעסער וואָס ארבייט מען האָט אָנגעפיהרט. זעקס סאָכעם אב־צוציהען, און דריי פּאָר רעדער צו שמידען: אלץ אויף היינט.

ז ע ל ד ע

דער טאַטע זאָגט, אז דו ביזט א בריה. ער זאָגט, די ארבייט ברענט אונטער דיינע הענט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ער ווייסט נישט פאַרוואָס די ארבייט ברענט אונטער מיינע הענט.

ז ע ל ד ע

לאַכט.

און איך וויים.

נ י ס ן א ל ט ע ר

לאה דאָבע איז שוין אויפגעשטאַנען?

ז ע ל ד ע

ליגט נאָך אין בעט. זי איז ברוגז.

נ י ס ן א ל ט ע ר

זיך ווידער געקריגט?

ז ע ל ד ע

מיינט, אז זי איז די עלטערע.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ווער איז דען עלטער?

ז ע ל ד ע

דער טאַטע זאָגט, אז איך בין גאָר פריהער געבוירען געוואָרען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

דערנאָכדעם ערשט זי?

ז ע ל ד ע

דער טאַטע זאָגט, אז איך בין געבוירען געוואָרען גרינג, נאָר זי, איהר האָט די מאַמע זעהר שווער געהאט. איז געווען נאָך אמאָל אזוי גרוים ווי איך.

נ י ס ן א ל ט ע ר

זי קוקט טאַקי אויס עלטער.

ז ע ל ד ע

טאַ וואָס בין איך שולדיג? א צווילינג — נישטאַ עלטער און אינגער.

נ י ס ן א ל ט ע ר

דער טאַטע האַלט זי אויך פאַר עלטער.

ז ע ל ד ע

דער טאַטע זאָגט, אז זי איז מעהר געראָטען אין דער מאַמען זאָל זיין אין גן עדן. אבער צוליב איהר איז די מאַמע געשטאָרבען. זי איז באַלד אויף מאָרגען געשטאָרבען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

האָסט נישט געקענט אויסוואַקסען אַזוי ווי זי?

ז ע ל ד ע

איהר האָט געזויגען א גויה און איך האָב געזויגען פון א פלעשעל.

נ י ס ן א ל ט ע ר

טאַ פאַר וואָס ברענט די אַרבייט אונטער מיינע הענט?

ז ע ל ד ע

אי געה; דו האַלסט אויך דאָבע לאה'ן פאַר אַנ'עלטערע.

נ י ס ן א ל ט ע ר

וואָס אַרט עס דיר?

ז ע ל ד ע

זאָגסט דאָך, אז לאה דאָבע קאָכט געשמאַקער.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ווער האָט נעכטען געקאָכט וועטשערע?

ז ע ל ד ע

לאה דאָבע.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איז טאַקע געווען זעהר געשמאַק.

ז ע ל ד ע

דאָס האָב איך געקאָכט, נישט לאה דאָבע. זי בעדאַרף שוין אַזוי אויסוועלגערען א בלאַט לאָקשען ווי איך.

נ י ס ן א ל ט ע ר

געכטען האָט זי געקאָכט. כ'האָב אליין געזעהן.

ז ע ל ד ע

דאָס איז זי אמישנע צוגעגאַנגען צום קוימען. געדענקסט ווען דער איבערביים איז געווען צוגעברענט? אייערנעכטען — דאָס האָט זי געקאָכט. קום אריין שפּעטער ווּעסטו זעהן וואָס פאַר א בלאַט לאָקשען איך וועל אויסוועלגערען. ווי א זון קיילעכדיג, און קיין איין לעכעלע וועט נישט זיין.

נ י ס ן א ל ט ע ר

אַט וועל'ן מיר זעהן.

ז ע ל ד ע

וועלען מיר זעהן.

(וויל געהן.)

נ י ס ן א ל ט ע ר

וואוהין געהסטו?

ז ע ל ד ע

דו ווילסט, אז איך זאָל דאָ זיין? לאה דאָבע מאַכט דאָרט אָנ'עסען פאַר דיר.

נ י ס ן א ל ט ע ר

האָסט דאָך געזאָגט, אז זי ליגט אין בעט.

ז ע ל ד ע

זי האָט געוויינט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ווען?

ז ע ל ד ע

ביינאַכט אין בעט. כ'האָב איהר געזאָגט, אז זי מאַכט מיר ענג אין בעט צו שלאָפען. האָט זי געוויינט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ביזט א שלעכט.

ז ע ל ד ע

טאקע, פאר וואס? זי איז נאך אמאל אזוי גרויס פון מיר, אבער איך בין עלטער.

נ י ס ן א ל ט ע ר

מיט איין מינוט.

ז ע ל ד ע

אפשר מיט פינף שעה. צוליב איהר איז די מאמע געשטארבען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ביזט א שלעכט.

ז ע ל ד ע

קריכט אריין אין בעט און לעגט זיך אוועק מיט'ן פלייצע צו מיר. און וויינט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

מסתמא ביזטו שולדיג.

ז ע ל ד ע

מארגען שלאף איך אליין. כ'בעדארף נישט מען זאל זיך אויסדרע־הען מיט'ן פלייצע צו מיר.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך וועל היינט מאכען א שלום.

ז ע ל ד ע

מיר ארט נישט, אז זי איז ברוגז, רעדט נישט צו מיר. האב איך א דאגה. דער טאטע וועט מיר היינט ברענגען באוועל פון שטאדט, כ'וועל אנהויבען צו שטריקען א טישטוך. און זאל זי זיך בלאזען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

הייבט אן צו שמידען אנ'אנגעגליטען אייזען.

ביזט א שלעכט.

ז ע ל ד ע

שפריץ מיר נישט די פונקען אויף די פיס.

נ י ס ן א ל ט ע ר

נא דיר א שמיד'ס טאכטער!

ז ע ל ד ע

ער מיינט טאקע, כ'האב מורא פאר די פונקען. נו נעהם ארויס יע־נעם אייזען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

אט וועלען מיר זעהן... צוליב דיר האב איך באלד דעם אקער שיעור נישט פערברענט. לאז, כ'וועל איהם אביסעל אבלעשען.

ז ע ל ד ע

לעש נישט אפ! גיב איהם אהער אויף'ן קאוואדלע. נו, שמיד וועלען מיר זעהן צו איך האב מורא פאר די פונקען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

שמידט, די פונקען שפריצען. זי שטעלט אונטער איהר בארפיסע פוס.

נ י ס ן א ל ט ע ר

כ'וויים, אז דו ביזט א שלעכט.

ז ע ל ד ע

איך וויים אליין, טא וואס קומט מיר דערפאר?...

נ י ס ן א ל ט ע ר

וואס דיר קומט... כ'וועל דיר זאגען שפעטער.

ז ע ל ד ע

מיר ארט נישט, אז זי וויינט. זי איז א שלעכט. אויף מיינע נאמנות איך בין בעסער פון איהר. זאל זי מיר זאגען וואס זי וויינט? מיר ארט עס נישט. איך שלאף נישט מעהר מיט איהר אין איין בעט. איך וועל... וואס ארט עס מיר? קריך ארונטער, ניסן אלטער, אונטער דער הארנע.

נ י ס ן א ל ט ע ר

נא, וועסט פערשפארען צו קריכען, אט בין איך דארט אליין געווען... כ'וועל די הינער אבגעוואוינען פון צו לעגען זיך אין קוזשנע. א קוזשנע איז נישט קיין שטאל.

ז ע ל ד ע

וועסט לאה דאבען נישט זאגען וואס איך האב דיר דערצעהלט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

אז זי האט געוויינט?

ז ע ל ד ע

יא, זאג איהר נישט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך זאג דיר נישט צו.

ז ע ל ד ע

האב איך א זארג..

נ י ס ן א ל ט ע ר

ביזט א שלעכץ, ביזט טאקע א בריה, אבער מיט בלויע ליפעלאך.

ז ע ל ד ע

בלויע ליפען האב איך! נא, קוק, בלויע ליפען. נא, קוק. ווייסט וואס א שייגעץ האט מיר געזאגט?

נ י ס ן א ל ט ע ר

וואס האט ער דיר געזאגט?

ז ע ל ד ע

זעלדע, זאגט ער, איז די שעהנסטע אין גאנצען דארף. ווען ער וואלט נישט מורא האבען פאר'ן דארף וואלט ער געווארען א איד.

נ י ס ן א ל ט ע ר

און דיר געפעלט עס?

ז ע ל ד ע

מיר ארט נישט, אז דו וועסט לאה דאבע'ן דערצעהלען... איך וועל איהר אליין דערצעהלען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

וואס?

ז ע ל ד ע

אז דו האסט געפרעגט, צו זי שלאפט נאך...

נ י ס ן א ל ט ע ר

לאכט.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

קומט אָן, זינגט.

אודה לאל לבב חוקר, ברן יחד כוכבי בוקר...

נ י ס ן א ל ט ע ר

גוט מארגען!

ש מ ו א ל ש מ ח ה

זינגט.

ברן יחד כוכבי בוקר.

ז ע ל ד ע

דער זיידע איז אויפגעשטאנען אויף דער רעכטער זייט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איהר הערט וואס אייער איניקעל זאגט?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

זי העלפט דיר דא אנציהען א פאר רעדער?

נ י ס ן א ל ט ע ר

יא.

ז ע ל ד ע

פאר וואס זענט איהר אזוי פריה אויפגעשטאנען?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

זינגט.

אודה לאל לבב חוקר ברן יחד כוכבי בוקר. ווייסט דעם טייטש דאפון הא, ניסעלע?

נ י ס ן א ל ט ע ר

ברן, איז זינגען, און כוכבים, איז שטערען, און בוקר, איז פריהמארגען.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

בע, געדענקסט נאך וואס דער רבי האט געלערענט. ברן איז דער טייטש זינגען, און כוכבים איז שטערן. ס'מיינט, מען בעדארף גאט

ליבען בעגינען ווען די שטערן זינגען שירה.

ז ע ל ד ע

ס'מיינט, אז מען בעדארף אויפשטעהן פריה?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

מען בעדארף אויפשטעהן פריה און צושטעלען איבערבייס קאכען. דאס מיינט עס.

ז ע ל ד ע

איך שטעה אויף פריה און קאך איבערבייס און איהר האט ליעבער דאבען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

אמת, דאבע לאה איז געראטענער?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

ביידע געראטען. וואס פעלט איהר? איז א ציג... וואס האסטו דארט? די הינער לעגען זיך אליץ אין קוזשנע. נע, בעדארפט זיי אבגעוואוינען, וואס פאר א הון איז עס די שווארצע אדער די ווייסע?

ז ע ל ד ע

פאר וואס זיידע בין איך נישט קיין געראטענע?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

קום אין שטוב און לאז ניסעלען טהאן זיין מלאכה.

געהט אוועק, זינגענדיג, אודה לאל לבב חוקר.

נ י ס ן א ל ט ע ר

שרייט איהם נאך.

קומט שפעטער, וועט איהר מיר מאכען א פאר צענדליג טשוועקלאך, איך בעדארף היינט שמידען א פאר פערד.

ז ע ל ד ע

איך וועל שפעטער קומען, וועל איך מאכען.

גייט ארויס.

נ י ס ן א ל ט ע ר

פערנעהמט זיך ווידער פאר זיין ארבייט.

ז ע ל ד ע

פער׳גנב׳עט זיך נאָך אַמאָל אין טיר. ער מערקט זי נישט. באַלד אָבער דערשרעקט זי זיך, ווי אימעצער וואָלט געהן אהער. ציהט אָפּ.

ל א ה ד אָ ב ע

קומט אָן דורך דער אַנדערער טיר. בלייבט שטעהן אויפ׳ן שוועל.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

אַ צייט מערקט זי אַלטער נישט. ער שמידט אַ שטיק אייזען. ער וויל אריינלעגען אין פייער די אָבגעצויגענע אייזען און בעמערקט לאה דאָבען.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

וואָס מאכט עפּעס לאה׳שו.

ל א ה

זעלדע דאָ נישט געווען?

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

דער זיידע איז דאָ אויך געוועזן. וואָס שטעהט לאה׳שו אויפ׳ן שוועל, זי וויל דעם באַלקען אונטערשפּארען?

ל א ה

איהר האָט נאָך א סך צו טהאָן?

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

ווארום, וואָס?

ל א ה ד אָ ב ע

שוין פאַרטיג איבערבייסען.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

זעלדע האָט געזאָגט, אז איהר שלאָפט נאָך.

ל א ה ד אָ ב ע

וואָס נאָך האָט אייך זעלדע געזאָגט?

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

אזעלכע זאכען דערצעהלט מען נישט.

ל א ה ד אָ ב ע

ט׳איהר באַלד אריינקומען?

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך בין נאך נישט הונגעריג. וואס טהוט דער טאטע?

ל א ה ד א ב ע

ער דאווענט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

לאה'שו איז היינט אויפגעשטאנען אויף דער לינקער זייט.

ל א ה ד א ב ע

איך בין שוין טאקע אויפגעשטאנען אויף דער רעכטער זייט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איהר זעהט מיר אוים פערשלאפען.

ל א ה ד א ב ע

איך בין צופריה אויפגעשטאנען. דער טאטע האט מיך אויפגעוועקט איך זאל מאכען אנ'עסען פאר אייך.

נ י ס ן א ל ט ע ר

דער טאטע גאר.

ל א ה ד א ב ע

איך אליין וואלט נאך נישט אויפגעשטאנען. איך האב געהערט ווי דער האמער קלאפט אין קוזשנע.

נ י ס ן א ל ט ע ר

האב איך דאך אייך אויפגעוועקט, נישט דער טאטע.

ל א ה ד א ב ע

אז דער האמער קלאפט שלאף איך נאך געשמאקער. וועט איהר באלד אריינקומען?

נ י ס ן א ל ט ע ר

וואס האט איהר געקאכט?

ל א ה ד א ב ע

זאגען אייך א פריהער? איהר ווילט וויסען?

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך לאך. וואס איהר קאכט איז געשמאק.

ל א ה ד אַ ב ע

פונדעסטוועגען אַז זעלדע גיסט אייך צו אין טעלער שווייגט איהר און עסט, און אַז איך האָב עס געטהאָן האָט איהר איבערגעלאָזען.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

ווען?

ל א ה ד אַ ב ע

יאָ, יאָ, איך געדענק שוין. מיר האָט עס פערדראָסען.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

מסתמא בין איך שוין געווען זאַט.

ל א ה ד אַ ב ע

איך ווייס אַז איהר זענט געווען זאַט, אַז איהר וועט האָבען אַ ווייב און איהר וועט זי האָבען פיינט וועט איהר אויך זאָגען: איך בין שוין זאַט.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

אַז כ'וועל האָבען אַ ווייב וועט זי שוין אַליין פערשטעהן וואָס איך האָב ליעב.

ל א ה ז ע ל ד ע

וואָס האָט זי גערעדט מיט אייך, זעלדע?

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

זי איז די עלטערע זאָגט זי.

ל א ה ד אַ ב ע

גרויס ווי אַ פייג, מיר זענען געבוירען אַ צווילינג. ווער ס'איז גרע־סער דער איז עלטער.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

אָבער זי איז געבוירען געוואָרען פריהער.

ל א ה ד אַ ב ע

מיט אַ שעה פריהער. זי איז שיעור נישט געשטאָרבען. מען האָט גאָר געמיינט אַז זי איז שוין טויט. ביז צעהן יאָהר איז זי געווען גרויס ווי אַ גאָר נישט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איהר בעדארפט זיך נישט קריגען.

ל א ה ד א ב ע

איך מיט איהר, איך טשעפּע זי נישט, און טהו אַב אלע מלאכות אין שטוב. איך שאף זיך אפילו נישט מיט איהר.

נ י ס ן א ל ט ע ר

א שאַד וואס אנשטאַט איהר איז נישט געבוירען געוואָרען אן אינגעל.

ל א ה ד א ב ע

ווען ביי אונז אין שטוב וואָלט געווען אן אינגעל וואָלט עפּעס אנדערש געווען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך האָב נישט געוואוסט אז איהר האָט פיינט אייער שוועסטער.

ל א ה ד א ב ע

איך? פיינט? גאָר א מעשה, וואָס האָב איך צו איהר?

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך וועל אייך איבערבעטען מיט איהר שפּעטער, גוט.

ל א ה ד א ב ע

איך בעדאַרף נישט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איהר זענט ברוגז מיט איהר!

ל א ה ד א ב ע

פערשעמט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

זעהט איהר, אז איך וויים אלץ־דינגג.

ל א ה ד א ב ע

וואָס זענט איהר מיט איהר אויף — ד ו, און מיט מיר א י ה ר' צ ט איהר זיך?

נ י ס ן א ל ט ע ר

אויב איהר ווילט קען איך זיך דו'צען מיט אייך.

ל א ה ד א ב ע
מיר מאכט עס נישט אויס. פערקעהרט, עס געפעלט מיר.
נ י ס ן א ל ט ע ר
איך וועל היינט מאכען א שלום.
ל א ה ד א ב ע
איך בעדארף נישט, איך בעדארף נישט.
געהט שנעל ארויס פון קוזשנע.
נ י ס ן א ל ט ע ר
צושמייכעלט זיך מיט'ן האמער אין האנט. זעהט אויס, איהם געפעלט עס, כאטש ער פערשטעהט נישט אין גאנצען.
ז ע ל ד ע
קומט אריין.
מיינסט, כ'האב נישט געהערט? כ'האב אלץ געהערט.
נ י ס ן א ל ט ע ר
ס'איז נישט שעהן זיך צו פארטייען און הערען.
ז ע ל ד ע
פאר מיר איז טאקע שעהן. כ'האב טאקע געוואלט וויסען וואס זי רעדט. אזא שלעכטס איך ביז, זאגט זי, געבוירען געווארען גרויס ווי א פייג, און זי, קוקט זי נאר אן!
נ י ס ן א ל ט ע ר
וואס זענט איהר אין כעס?
ז ע ל ד ע
איך וויל נישט זי זאל אויף מיר אנרעדען, ביז צעהן יאהר, זאגט זי, בין איך געוועזן גריז און געל.
נ י ס ן א ל ט ע ר
זי האט עס נישט געזאגט.
ז ע ל ד ע
איך בין צוואנציג מאל שטארקער פון איהר, באשר זי איז גרעסער.
נ י ס ן א ל ט ע ר
כ'מיין, אז זי איז שטארקער.

ז ע ל ד ע

זאָל זי שוין וואַרטען אַ ביסעל.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

איך האָב געזעהן ווי זי האַלט דעם גרויסען האַמער אין האַנט און ווי דו האַלסט איהם.

ז ע ל ד ע

קום אַרויס אויפ'ן מיטען קוזשנע.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

וואָס וועט זיין?

ז ע ל ד ע

וועלען מיר זעהן ווער ס'איז שטאַרקער, זי צו איך.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

זי איז דאָך אַוועק אין שטוב.

ז ע ל ד ע

קום דו אַהער, איך וויל זיך מיט דיר שטייערען, וועסטו שוין זעהן ווער ס'איז שטאַרקער.

ל א ה ד אַ ב ע

קומט אָן.

אַט בין איך. נו קום וועלען מיר זעהן ווער איז שטאַרקער.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

איהר זענט דאָך ברוגז.

ל א ה ד אַ ב ע

איך בין שוין נישט ברוגז. אַט קום, האָב קיין מורא נישט.

ז ע ל ד ע

וואָס איז געווען אַביסעל צעטומעלט, קומט צו זיך.

נו, שוין. אַט לאָמיר זעהן... וואַרט, טהו אויס די שיך. וועסט מיר אָבטרעטען די פיס.

ל א ה ד אַ ב ע

איך וועל אויסטהאָן די שיך.

טהוט אויס די שיך און וואַרפט זיך אויף זעלדען. אַ לאַנגע צייט

שטייערען זיי זיך. די קלענערע פערטיידיגט זיך שטארק.

נ י ס ן א ל ט ע ר

לאזט זיך נישט, זעלדע. לאזט זיך נישט!

נאך א שווערען קאמפף פאלט זעלדע אנידער.

נ י ס ן א ל ט ע ר

וויל זי אויפהויבען.

ז ע ל ד ע

איך קען זיך נאך אליין אויפהויבען.

שטעהט אויף און לויפט ארויס פון קוזשנע.

ל א ה ד א ב ע

זעהר שעהן, אונטערהערען וואס מיר האבען דא גערעדט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איהר האט זיך אויך אונטערגעהערט.

ל א ה ד א ב ע

האב איך א דאגה.

נעהמט די שיך און געהט ארויס.

נ י ס ן א ל ט ע ר

רופט.

לאה, קומט אהער...

בעקומט נישט קיין ענטפער. פערנעהמט זיך מיט דער ארבייט.

נ ח מ ן ב ע ר

קומט אן.

גוט מארגען. ט'זיין א שעהנער טאג.

נ י ס ן א ל ט ע ר

געלעגען א קאלטער טוי אויפ'ן גראז.

נ ח מ ן ב ע ר

שוין צייט. נאך א וואך, נאך א וואך און מען הויבט אן אקערען פאר דער ווינטער זריעה.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איהר פאהרט היינט אין שטאדט אריין?

נ ח מ ן ב ע ר

ווארום, וואס?

נ י ס ן א ל ט ע ר

עס וועט אויספעלען שטאל. די סאכעס מוז מען מאכען ביז מארגען.

נ ח מ ן ב ע ר

דא האט א פויער געבראכט אנ'אלטע קאסע, ער וויל כ'זאל איהם א האק אנשטאלען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

כ'האב פיינט עס צו האלטען אין האנט. דער שטאל איז צו הארט און ס'קרישעלט זיך אונטער'ן האמער.

נ ח מ ן ב ע ר

ס'איז געווענט וואס פאר א קאסע. ער קלאפט מיט אנ'אלטער קאסע אין קאוואדלע. דער שטאל איז ווייך.

נ י ס ן א ל ט ע ר

אויף ווען בעדארף מען עס?

נ ח מ ן ב ע ר

רעכט אויף מארגען. איך וועל דיר היינט צוהעלפען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

די קוזשנע איז ענג. מען קען זיך דא ניט אויסדרעהן אפילו.

נ ח מ ן ב ע ר

וואלט נאר זיין גענוג וואס צו טהאן.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך האב ליעב ס'זאל מיר זיין גראם.

נ ח מ ן ב ע ר

זאל נאר זיין די מלאכה וואס מען קען דא אויפטהאן.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ווען איהר וואלט מיר פאלגען, האט איהר בעדארפט נאך א בלאזאק אריינשטעלען.

נ ח מ ן ב ע ר

צו וואס?

נ י ס ן א ל ט ע ר

אז ס׳מאכט זיך ארבייט זאל זיך עס נישט וואלגערן אין קוזשנע.

נ ח מ ן ב ע ר

די לעצטע צייט, קיין עין הרע, די מלאכה זיך פערגרעסערט... כ׳האב פיינט צו לייקענען. זינד דו ביזט ביי מיר זענען די גוים צופרידען מיט דער ארבייט. זאגען, דו שטעלסט אן דעם אקער דרעט ער נישט דעם רוקען. לויבען דיין מלאכה. שמידסט, זאגען זיי, גוט א פערד.

נ י ס ן א ל ט ע ר

זיי קענען טאקי דא נישט אין דעם געגענד שמידען קיין פערד. שלאגען אן די פאדקאווע אזוי, אז ס׳דרעט אוים דעם פערד די פיס. פוילען זיך צוצושניצען די קלאהען ווי ס׳בעדארף צו זיין. און טאקי מיינס א טשוועקעל וועל איך דערקענען פאר א מייל. ער זוכט אויף עטליכע טשוועקלעך. אט זעהט איהר, זאל אימיצער אזוי מאכען א טשוועקעל!

נ ח מ ן ב ע ר

יא, איך וועל אזוי נישט ס׳דאנזשען. כ׳האב געהערט אז מען קריגט פארטיגע טשוועקלעך צו קויפען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

טויגען אין דרערד! כ׳האב זיי געזעהן. געמאכט פון שלעכטע אייזען...

נ ח מ ע ן ב ע ר

זעהסטו, מיר איז גאר נישט איינגעפאלען צו נוצען די וואסער פון קרעניצע צום הארטעווען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

כא, כא, כא, איך האב באלד פערשטאנען אז צו הארטעווען א טרוקענער שטאל איז בעסער די קרעניצע וואסער.

נ ח מ ן ב ע ר

די גוים זאגען עס טאקע אז דיין ארבייט ברעקעלט זיך נישט אב. ועסט געהן אין שטוב אריין. שוין איבערבייסען פארטיג.

נ י ס ן   אַ ל ט ע ר

ווען איהר וואָלט מיר פאָלגען, וואָלט איך אייך הייסען ברענגען א מוליער און נאָך א הארנע אוועקשטעלען. איהר וועט זעהן, אז ס'וועט ווערען מעהר מלאכה. די פּויערים וועלען מעהר אבשיי האָבען אז דאָ וועט זיין נאָך א הארנע.

נ ח מ ן   ב ע ר

כ'וועל מיר מישב זיין. כ'וועל זעהן ווי ארום יום־טובים וועט זיך די מלאכה ווייזען.

נ י ס ן   אַ ל ט ע ר

אזוי צו אַזוי איז דאָ ענג. מען וועט זעהן, איהר וועט מיטהעלפען ארויפציהען די שינע אויפ'ן ראָד, דאנאָך וועל איך געהן איבערבייסען. איהר האָט זי געמאכט אַביסעל צו ענג.

נ ח מ ן   ב ע ר

דו האָסט דאָך געמאסטען.

נ י ס ן   א ל ט ע ר

אָט איז דער שטריקעל, זעהט איהר ווי די מאס איז ריכטיג און איצטער מעסט די שינע, נו...

נ ח מ ן   ב ע ר

כע, כע, טאקי אביסעל נישט דערמאסטען. ניש'קשא דער ראד וועט זיך נאָכגעבען. נו, לאָמיר געהן אין שטוב אריין.

נ י ס ן   אַ ל ט ע ר

אָט ס'וועט נישט דויערען. איין ראָד האָב איך אנגעצויגען.

נעהמען אָנציהען אַ ראָד.

נ י ס ן   אַ ל ט ע ר

איך האָב געוואָלט מיט אייך עפּעס רעדען.

נ ח מ ן   ב ע ר

מכח וואָס?

נ י ס ן   א ל ט ע ר

אזוי זיך. אויב איהר זענט צופרידען מיט מיין ארבייט בין איך אויך צופרידען.

נ ח מ ן ב ע ר

וואס האב איך דא צו לייקענען? איך בין מיט דיר צופרידען, און כ'האב אליין געטראכט דיר צו הערבערען. ביזט ווערט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

דאס וועלען מיר זעהן. גיט נאר א קלאפ דארט מיט'ן האמער... אט אזוי... כ'וויל ווערען אייערער אנ'איידעם.

נ ח מ ן ב ע ר

כע, כע... ס'וואלט נישט שאטען, נישט קיין קרומע זאך, געראטענע קינדער; נישטא וואס צו רעדען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

און איך געפעל דאך אייך אויך.

נ ח מ ן ב ע ר

כע, כע, כע, כ'האב שוין אליין איבערגעטראכט פון דעם. כ'האב היינט געטראכט, כ'האב זיך אויפגעכאפט און געהערט דער האמער קלאפט שוין. כע־כע...

נ י ס ן א ל ט ע ר

נו וואס, ווילט איהר מיך פאר אנ'איידעם?

נ ח מ ן ב ע ר

איך מיין טאקע. דערלאנג נאר דארט מיט'ן האמער... דער גאנצער דארף איז צופרידען מיט דיין מלאכה.

נ י ס ן א ל ט ע ר

מען ווייסט פון מיר אין אנדערע דערפער אויך.

נ ח מ ן ב ע ר

איך קלער אויך. אפשר איז עס א גאט־זאך. מיינסט דאך מסתמא די עלטערע?

נ י ס ן א ל ט ע ר

ווער איז די עלטערע?

נ ח מ ן ב ע ר

געבוירען געווארען איז טאקע יענע, די קלענערע, פריהער, נאר יענע איז די גרעסערע. זיי האלטען נאך אין וואקסען. אפשר וועט

זי נאָך צוואוואקסען, זעלדע, מיין איך.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך מיין אויך, אז זי וועט נאָך צוואוואקסען.

נ ח מ ן ב ע ר

מיינסטו טאקי די גרעסערע?

נ י ס ן א ל ט ע ר

אויב זעלדע איז פריהער געבוירען געוואָרען. מיין איך אז זי איז די עלטערע.

נ ח מ ן ב ע ר

איך מיין אויך אז זי איז די עלטערע, כאָטש יענע איז גרעסער... נאָר כ'האָף צו גאָט, אז זעלדע וועט נאָך צוואוואקסען, איז א בריה, קען נישט ארומגעהן לעדיג, קנעט שוין לאָקשען אויף וועטשערע.

נ י ס ן א ל ט ע ר

מיינט איהר זי וועט מיך וועלען?

נ ח מ ן ב ע ר

כ'וועל זי אם ירצה השם שעהן בעקליידען, איז א גרויסע בריה. כע, כע. לאה דאָבע שפעטער פון איהר געבוירען געוואָרען, האָט זיך זבער אַרויסגעכאַפּט די גרעסערע... די מאמע נישט געקענט עס איבערטראָגען. זיפצט. שוין איינמאָל א מאמע געוועז! ס'ערשטע קינד געוועז א אינגעל איז עס אוועקגעקומען נאָך ברית. און דאנאָך א צווילינג... מסתמא איז עס געוועז אזוי פון גאָט...

אין טיר בעוויזט זיך אַ יונג. טראָגט אַ פּעקעל אויפ'ן פּלייצע.

ד ע ר י ו נ ג

גוט מארגען!

נ ח מ ן ב ע ר

גוט מארגען. שלום עליכם.

ד ע ר י ו נ ג

עליכם שלום. הייסלעך אויף דער גאס.

נ י ס ן א ל ט ע ר

צופום?

ד ע ר י ו נ ג

ארויסגעגאנגען א שפּראָץ אויף טאָג.

נ ח מ ן ב ע ר

פון ווייט?

ד ע ר י ו נ ג

פון שטאָדט.

נ ח מ ן ב ע ר

א שענער שפּרייז. וואוהין געהסט מען?

ד ע ר י ו נ ג

איך בין א שמיד. כ׳געה איבער די דערפער. אפשר ארבייט קרי־גען.

נ ח מ ן ב ע ר

איז אין שטאָדט נישטאָ קיין מלאכה?

ד ע ר י ו נ ג

שוואכלעך. באנ׳אייך זעה איך איז פערוואַליעט מיט ארבייט.

נ ח מ ן ב ע ר

גאָט צו דאנקען.

ד ע ר י ו נ ג

צו ניסן אַלטער׳ן.

איהר זענט א זוהן? שלום עליכם.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך בין אויך אנ׳ארבייטער.

ד ע ר י ו נ ג

אויפ׳ן יאהר?

נ ח מ ן ב ע ר

שוין גאָט צו דאנקען דאָ פון פסח אָן.

ד ע ר י ו נ ג

נאָך קיין יאהר נישט. וועט זיך אפשר פאר מיר מאכען מלאכה?

נ ח מ ן ב ע ר

וואָס ווייס איך? ווי די ארבייט וועט זיין.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ס׳וועט זיין א מענש וועט זיין מלאכה.

נ ח מ ן ב ע ר

וואס האסטו דארט אין פעקעל?

ד ע ר י ו נ ג

זאכען. אביסעל געצייג.

נ י ס ן א ל ט ע ר

וואס פאר א געצייג. וואס בעדארף מען עס נאך מיטטראגען?

ד ע ר י ו נ ג

איך האב מיר מיין אייגענעם האמער. כ׳קען קיין פרעמדען האמער אין האנט נישט האלטען.

נעהמט ארויס פון זאק א האמער.

נ י ס ן א ל ט ע ר

בעטראכט איהם.

דער האמער איז נישט פון דעם געגענד.

נ ח מ ן ב ע ר

בעטראכט דעם האמער.

נישט קיין בעקאנטע ארבייט. איז נישט שווער.

ד ע ר י ו נ ג

א ריין שטיקעל ארבייט קען מען נישט מאכען מיט אבי וואס פאר אנ׳האמער.

נ י ס ן א ל ט ע ר

קלאפט מיט איהם אין קאוואדלע.

גוטער שטאל! באלד געזעהן אז ס׳איז נישט קיין היגע ארבייט.

ד ע ר י ו נ ג

נו וואס? אפשר ווילט איהר איך זאל באנ׳אייך בלייבען אויף א פראבע?

נ ח מ ן ב ע ר

ווי רופט מען דיך?

דער יונג

ברוך משה. איך קען דאַ זיין אַ וואָך צייט און איהר וועט זעהן מיין ארבייט.

ניסן אַלטער

מלאכה איז דאַ געגוג. ס'פעלט נישט.

נחמן בער

צי אזוי צי אזוי... אויב דו ווילסט, וועסט מיר נישט מאכען ענג. צו עסען איז פאַרהאַן אַ שטוב צום שלאָפען — אויך. וואָס וועסטו געהן ווייטער? שטעל זיך אַפּ אויב דו ווילסט, און דאַנאָך וועט מען זעהן.

לאה דאָבע

קומט אַן.

פאַר וואָס געהט איהר נישט אין שטוב אריין עסען?

נחמן בער

וואָס זאָגסטו, מיין טאָכטער? אַ מענש איז געקומען. וויל זיך דאַ אבשטעלען.

ברוך משה

צו לאה דאָבען.

גוט מארגען!

קוקען זיך ביידע פרעמדלעך אָן.

נחמן בער

וואָס זאָגסטו, כ'מיין אפשר וועט זיין מלאכה פאַר נאָך אַ מענשען?

לאה דאָבע

איך וויים, וואָס פרעגסטו מיר?

נחמן בער

אַנ'ארט צו שלאָפען, וואָס מיינסטו?

ברוך משה

איך בעדאַרף עסען אויך. כאַ, כאַ, כאַ, איך האָב ליעב צו קייען.

נחמן בער

ביי מיר גאָט צו דאַנקען הונגערט מען נישט. וואָס זאָגסטו מיין

טאכטער?

נ י ס ן א ל ט ע ר

אין שפּאס.

לאָה דאָבע וועט אבטרעטען איהר בעט.

ל א ה ד א ב ע

איך שלאָף דאָך מיט זעלדען אין איין בעט. לאָזט מיר נישט שלאָ־פען א גאַנצע נאכט.

נ ח מ ן ב ע ר

וואָס איז דאָ צו לאַכען.

ל א ה ד א ב ע

כ'וויים, וואָס פרעגסטו? ס'פעלט וואס צו עסען אין שטוב. ס'קען איצטער אויך נאָך פאר צוויי מענשען זיין צום עסען.

נ ח מ ן ב ע ר

איך מיין מיט'ן שלאָפען. איך מיין...

ב ר ו ך מ ש ה

כ'וועל שלאָפען אין שטאָל אויפ'ן בוידעם.

נ ח מ ן ב ע ר

יא, ס'ליגט דאָרט א פולער בוידעם מיט היי... אין ווינטער צו...

ל א ה ד א ב ע

וואָס איז דאָ צו קלעהרען פון ווינטער?...

נ ח מ ן ב ע ר

כ'וועל געהן אין דאָרף וועל איך ביים סטאָליער בעשטעלען א בעט.

ל א ה ד א ב ע

טאָ זאָל ער מאכען א ברייטערע, מיר איז ענג מיט זעלדען. וועט מען אייך ווינטער צו קענען אבגעבען די בעט וואו מיר שלאפען איצטער.

נ ח מ ן ב ע ר

וואָס איז דען פאַרהאַנען צו רעדען?

ל א ה ד א ב ע

דו האסט דאָך אנגעהויבען. כ'האָב אפילו נישט פערשטאַנען וואָס דו

פרענסט.

נ ח מ ן ב ע ר

כ'ווייס מען נעהמט צו א פרעמדען מענשען, בעדארף מען דאך איהם געבען אנ'ארט.

ל א ה ד א ב ע

ס'וועט שוין ענגער אין שטוב נישט ווערען.

ז ע ל ד ע

קומט אן.

פאר וואס געהט איהר נישט אין שטוב אריין?

נ ח מ ן ב ע ר

מיר געהן שוין, זעהסט. גאט וועט געבען מלאכה זאל זיין. כ'נעהם צו נאך א מענשען.

ב ר ו ך מ ש ה

גוט מארגען.

קוקען זיך אן.

ז ע ל ד ע

די קאץ האט זיך היינט געלעקט. כ'האב געזאגט, אז א גאסט וועט קומען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

די קוזשנע צו ענג.

נ ח מ ן ב ע ר

מען וועט אנטקעגען ווינטער צו שטעלען נאך א הארנע. מען וועט זעהן ווי דער ווינטער וועט זיך ווייזען. אפשר גאט וועט געבען וועל איך קענען איבערבויען די שטוב. די שטוב איז טאקע אבי־סעל צו קליין. נו לאמיר געהן עפעס איבערכאפען.

לאזען זיך געהן.

ל א ה ד א ב ע

וועמעס פעקיל איז עס דא געבליבען?

ב ר ו ך מ ש ה

ס'איז מיינער.

לאה דאבע

איהר קענט איהם נעהמען אין שטוב אריין. איהר האט דארט זאַ־כען, כ'וועל נעהמען עטליכע טשוועקלעך און אריינשלאגען אין וואנט, וועט איהר עס אויפהענגען. דארט ווי אונזערע זאכען הענגען.

ברוך משה

נעהמט דעם פעקעל אויפ'ן פלייצע און לאה דאבע זוכט דארט צווישען די אייזען.

שמואל שמחה

קומט אַן זינגט.

אודה לאל לבב חוקר ברן יחד כוכבי בוקר... בעמערקט ברוך משה'ן. פון דער פרעמד?

ברוך משה

שלום עליכם, א זיידע? יא? איך בין דא אנגעקומען אויף ארבייט.

שמואל שמחה

צו עסען וועט דיר נישט פעלען ביי מיין זוהן.

לאה דאבע

אט האב איך שוין דריי טשוועקלעך געפונען. כ'וועל נאר נעהמען א האמער.

שמואל שמחה

כע, כע, כע, וועסט מיין קינד בעדארפען א גרעסער טעפעל.

לאה דאבע

ס'וועט דער אלטער טאפ זיין גענוג. געהען אלע אין שטוב.

שמואל שמחה

בלייבט נאך. געהט צום הארנע פרובט א ציה טהאן דעם בלאזאק.

זאל ס'פייער נישט אויסגעהן ביז זיי וועלען... שטארקער צעבלא־זען... אט אזוי. ט'זיין גענוג... אודה לאל לבב חוקר, ברן יחד כוכבי בוקר...

געהט זינגענדיג ארויס.

∀

צווייטער אקט

א פּאָר וואכען שפּעטער. ביי נחמן בער'ן. ארום האלבען טאג. די שטוב איז ווייס אויסגעקאלכט. אויפ'ן דאַרפישען אופן, גאַנץ אויפגעראַמט. אויוועט און באַקאויוועט און א טיר צווישען פיהרט אין א צווייטען חדר. פון קוזשנע, וואס געפינט זיך נאָהנט, דער־טראָגט זיך א טאַפּעלער קלאַנג פונ'ם האַמער אויפ'ן קאָוואַדלע.

ז ע ל ד ע

שטריקט א טישטוך.

ל א ה ד אָ ב ע

וואשט די כלים אויף דרערד זיצענדיג.

ז ע ל ד ע

זינגט.

אז א בארעלע פאַלט פון בוימעלע אראָפּ,

פאַלט עס אויף דער ערד:

ל א ה ד אָ ב ע

אבי דיר זינגט זיך כאָטש אויפ'ן האַרצען.

ז ע ל ד ע

זאָל איך מיר אפשר זעצען וויינען?

ל א ה ד אָ ב ע

האָסט געמעגט אביסעל וויינען.

ז ע ל ד ע

וואָס, דיר איז שווער אויפ'ן האַרצען? מיר איז פרעהליך זינג איך.

ל א ה ד אָ ב ע

ווען דו וואָלסט נישט געווען מיין שוועסטער.

ז ע ל ד ע

איך ווייס, ווען דו וואָלסט יעמאָלט שכל געהאט וואָלסטו מיך דער־שטיקט.

ל א ה ד אָ ב ע

ווען?

ז ע ל ד ע

יעמאלט ווען מיר זענען געלעגען ביידע ביי דער מאמען אין בויך.

ל א ה ד א ב ע

א נאר בין איך געווען וואס כ'האב עס נישט געטהאן.

ז ע ל ד ע

כ'וויים, אז דו פערגינסט מיר נישט וואס כ'געה אום אויף דער ערד.

ל א ה ד א ב ע

אז מען האט אזא שוועסטער בעדארף מען זיך בעגראבען לעבעדי־גערהייד.

ז ע ל ד ע

טא וואס זשע ווילסטו פון מיר?

ל א ה ד א ב ע

איך וויל פון דיר גאר נישט.

ז ע ל ד ע

אין גאר נישט... אז א בערעלע פאלט פון בוימעלע אראפ, פאלט עס אויף דער ערד... זאג מיר וואס בין איך שולדיג? איך וויים נישט וואס דער טאטע האט גערעדט מיט ניסענען.

ל א ה ד א ב ע

דו האסט איהם דעם קאפ נישט פערדרעהט?

ז ע ל ד ע

איך? זאל איך אזוי לעבען ווי איך האב מיט איהם גאר נישט גע־רעדט.

ל א ה ד א ב ע

נאר געלעגען אין קוזשנע גאנצענע טעג.

ז ע ל ד ע

ביזט דאך אויך פון קוזשנע נישט אפגעטראטען. אבער וואס האסטו צו מיר? דיר געפעלט ברוך משה, טא ווער לאזט דיר נישט חתונה האבען מיט איהם?

לאה דאבע

דו האסט איהם פערדרעהט דעם קאפ און איצטער...

זעלדע

וועמען האב איך פערדרעהט דעם קאפ?

לאה דאבע

ניסן אלטער'ן.

זעלדע

איך האב דיר נישט געלאזען? האסטו איהם געקענט פערדרעהען דעם קאפ. אויב איך געפעל איהם בעסער, בין איך שולדיג?

לאה דאבע

ביזט דאך פאר איהם געלאפען אין פייער און אין וואסער.

זעלדע

נו איז וואס? באשר דער טאטע האט מיט איהם גערעדט. איך האב מיט איהם נישט גערעדט.

לאה דאבע

און ווער איז פון בעט ארויס געקראכען ביינאכט?

זעלדע

ס'אליגען!

לאה דאבע

וואס מיינסטו, כ'בין געשלאפען?

זעלדע

זאגסט א ליגען. זאג עס נאך אמאל וועל איך דיר מיט עפעס געבען איבער'ן קאפ.

לאה דאבע

פרוב נאר...

זעלדע

וואס ווילסטו פון מיר, איך זאל אבטרעטען פון שטוב?

לאה דאבע

הלואי וואלסטו עס נאר געטהאן.

ז ע ל ד ע

קענסט איהם ארײנשיטען עפּעס אין טעלער און זאל ער דיך ליעב האָבען.

ל א ה ד אָ ב ע

װעמען מײנסטו ?

ז ע ל ד ע

װעמען דו װילסט. איך קען דיר בײדען אבטרעטען. כ'װעל נישט פערזעסען װערען. כ'האָב נישט קײן מורא.

ל א ה ד אָ ב ע

מיך האסטו אײנגעשפּאנט אלע שװערע מלאכות טהאָן און אלײן שטריקסטו טישטעכער.

ז ע ל ד ע

האָסט זיך נישט אויסגעלערענט בין איך שולדיג ? קענסט מיר לאָזען װאשען די כלים, און דו געה פון מײנעטװעגען װאוהין דו װילסט. איך װעל הײנט װאשען די פּאדלאגע און טאמער רירסטו זיך צו װעל איך דיר אפּגיסען מיט הײסע װאסער. נעהם צו די כלים איך װעל װאשען די פּאדלאגע.

לעגט אװעק דעם טישטוך.

ל א ה ד אָ ב ע

װילסט זיך אויספּלײסען.

ז ע ל ד ע

װיל איך זיך אויספּלײסען. װאו איז דער עמער ?

ל א ה ד אָ ב ע

שטעהט הינטער'ן טיר.

ז ע ל ד ע

װאו איז דער רידעל מיט דער שמאטע ?

ל א ה ד אָ ב ע

זוך װעסטו געפינען.

ז ע ל ד ע

כ'װעל זוכען און כ'װעל געפינען.

ל א ה ד אַ ב ע

מען בעדארף צושטעלען קאכען; נישט קיין צייט צו וואשען די פאדלאגע איצטער.

ז ע ל ד ע

פאר מיר איז אויף אלץ צייט.

ל א ה ד אַ ב ע

איך בעדארף דיך נישט פאר קיין העלפער.

ז ע ל ד ע

ענטפערט נישט. נעהמט אַריין פון הינטער דער טיר אַנ׳עמער וואַסער מיט אַ רידעל און הויבט אָן וואַשען די פּאָדלאגע.

ל א ה ד אַ ב ע

איך האב דיר געזאגט דו זאלסט נישט וואשען.

ז ע ל ד ע

כ׳פרעג נישט ביי דיר.

ל א ה ד אַ ב ע

הייבט זיך אויף און וויל צונעהמען דעם עמער.

ז ע ל ד ע

און איך וועל נישט לאַזען.

ל א ה ד אַ ב ע

וועלען מיר שוין זעהן.

ז ע ל ד ע

און איך וועל נישט לאַזען, סיידען דו וועסט מיר די פינגער איבערהאקען.

ל א ה ד אַ ב ע

דו וועסט נישט וואשען, זאַג איך דיר, לאַז אב, איך וויל נישט דו זאלסט וואשען די פּאַדלאַגע.

ז ע ל ד ע

אז דו וועסט אָנהייבען צו וויינען וועל איך אבלאַזען.

ל א ה ד אַ ב ע

וואָס ווילסטו האָבען פון מיר? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר

דעם טויט מיר צו מאכען?

ז ע ל ד ע

אז איך וויל וואשען קען קיינער מיר נישט פארווערען. זי וועט נאך אויסטראכטען אויף מיר בלבולים אז ביינאכט בין איך פון בעט ארויסגעגאנגען... ווילסט אליין וואשען, נא געה, וואש!

ל א ה ד א ב ע

איך בעדארף מיך אמפערען מיט דיר: איך וועל אריינרופען דעם טאטען.

געהט ארויס.

ז ע ל ד ע

גיסט אויס וואסער אויפ'ן פאדלאגע און הייבט אן צו שייערען מיט'ן רידעל. רייסט איבער איהר ארבייט און הערט זיך איין. געהט צום ארויסגאנגס-טיר. זי מערקט דארט לאה דאבען.

וואס ווילסטו? וואס האב איך דיר געטהאן? וואס בין איך שולדיג?

ל א ה ד א ב ע

קומט אריין, ווישט די טרערען אין דער שטיל. זעצט זיך אנידער ביים אנדערען פענסטער. בליפעט.

ז ע ל ד ע

הער אויף, לאה דאבע. איך בעט דיר הער אויף.

ל א ה ד א ב ע

ווישט די טרערען.

ז ע ל ד ע

טהו מיר צוליעב און הער אויף. וואס האסטו צו מיר? וואס ווייגסטו איבער מיין קאפ, גלייך ווי איך וואלט עפעס שולדיג געווען?

ל א ה ד א ב ע

דו וועסט מיך פאר דער צייט אין דרערד פערטרייבען.

ז ע ל ד ע

וואס ווילסטו, זאל איך דיר אויפרייסען מיין הארץ? אז כ'זאג דיר

גלויבסטו מיר נישט. וואָס דען ווילסטו פון מיר?

ל א ה ד אָ ב ע

איך וויל אז דו זאָלסט דיין שוועסטער אויך לאָזען לעבען אויף דער וועלט.

ז ע ל ד ע

טאָ ווער לאָזט דיך נישט?

ל א ה ד אָ ב ע

וויינט אין דער שטיל.

ז ע ל ד ע

אז דו זעצט זיך אָן אויף מיר בין איך שלעכט. אבער איך שווער דיר, אז אין הארצען וויל איך דיר זאָל זיין בעסער פון מיר. נו וואָס ווילסטו זאָל איך טהאָן? זאָל איך מיר ס'פנים צעדראַפּען אָדער וואָס. כ'וויים נישט וואָס דו געהסט ארום און קוקסט אויף מיר ווי איך וואָלט געוועז דיין מלאך־המות.

ל א ה ד אָ ב ע

נעהם איהם פון מיר נישט צו. דו האסט אלטער'ן. זעהסט, איך בין דיר אין וועג אריין נישט געקראָכען. כאטש איך בין גרעסער פון דיר.

ז ע ל ד ע

איך וויים נאָך נישט אויב אלטער וויל מיך.

ל א ה ד אָ ב ע

דער טאַטע האָט מיר דערצעהלט, אז ער האָט אליין גערעדט מיט איהם. נאָר זינד ברוך משה איז אָנגעקומען האסטו פארדרעט דעם קאָפּ.

ז ע ל ד ע

אז מיר ארט נישט. ווילסטו וועל איך אפילו נישט רעדען צו ברוך משה'ן.

ל א ה ד אָ ב ע

איהר בעהאלט זיך ביידע אוים פון מיר.

ז ע ל ד ע

איך קען דיר בעווייזען אז כ'האָב איהם פיינט. אַט וועסטו זעהן אז ער וועט אריינקומען וועל איך ארויסגעהן פון שטוב.

ל אַ ה ד אַ ב ע

שווער זיך, אז ברוך משה אַרט דיר נישט.

ז ע ל ד ע

אזוי גלויבסטו מיר נישט?

ל א ה ד אַ ב ע

וואָס, קענסטו מיר נישט זאגען קלאָר, צו ער אַרט דיר נישט?

ז ע ל ד ע

בעקומט עפּעס פון קעשענע אין אַ פּאַפּירעלע איינגעוויקעלט.

נאַ דיר, אויב דו ווילסט קענסטו עס איהם אריינשיטען.

ל א ה ד אַ ב ע

וואָס איז עס?

ז ע ל ד ע

יאדוויגע האָט עס מיר געגעבען. זי זאָגט מען שיט עס אריין אין טעלער אימעצען.

ל אַ ה ד אַ ב ע

האָסט עס שוין לאנג, און מיר האָסטו גאָר נישט געזאָגט.

ז ע ל ד ע

זעהסטו און כ'האָב עס נישט אריינגעשאָטען.

ל א ה ד אַ ב ע

פון וואנען האָט עס יאדוויגע?

ז ע ל ד ע

זי האָט עס געקריגען. זי גיט עס איהר מאַן איין מאָל אין חודש ער זאָל פון איהר נישט אנטלויפען.

ל א ה ד אַ ב ע

קושט זעלדען.

זאָג מיר דעם אמת, דו האָסט עס ברוך משה'ן אריינגעשאָטען?

ז ע ל ד ע

ניין. ניסן אַלטער'ן האָב איך איין טראָפּעלע אריינגעטהאָן אין טע־

לער.

ל א ה   ד אָ ב ע

ווען, שוין לאנג?

ז ע ל ד ע

נאָך שבועות. יעמאָלט ווען ער איז געלעגען, האָב איך איהם אריינגעטהאָן אין די מילך אריין.

ל א ה   ד אָ ב ע

איצטער ווייס איך שוין אלץ. איצטער פערשטעה איך שוין אלץ. ער האָט יעמאָלט געוואָלט אוועקגעהן און מיט אמאָל האָט ער אוועקגעשליידערט דעם פעקיל און געבליבען דאָ... זעהסטו, אז דו בעהאלסט זיך פון מיר.

ז ע ל ד ע

איך האָב דיר נישט געוואָלט דערצעהלען.

ל א ה   ד אָ ב ע

טאָ וואָס טראָגסטו עס איצטער אין קעשענע?

ז ע ל ד ע

אזוי, כ'האָב געוואָלט אויספּראָבירען אויף ברוך משה'ן.

ל א ה   ד אָ ב ע

האָסט שוין געטהאָן כ'ווייס, אז דו האָסט עס געטהאָן.

ז ע ל ד ע

ווי דו גלויבסט מיר נישט!

ל א ה   ד אָ ב ע

זאָג מיר צו, אז דו האָסט עס נישט געטהאָן.

ז ע ל ד ע

איך שווער דיר, אז איך האָב איהם עס נישט געגעבען. שוין, זעהסטו, אז מיר אַרט עס נישט. קענסט עס איהם נאָך היינט צו מיטאָג אריינטהאָן.

ל א ה   ד אָ ב ע

כ'וועל עס איהם אריינשיטען און דו וועסט איהם דערצעהלען.

ז ע ל ד ע

איך בין ערגער פון א נאר וואָס איך רעד מיט דיר. אנ'אַנדערער וואָלט געקענט מיינען אז דיין שוועסטער איז דיר א שונא. אָט בע־סער העלף מיר, וועלען מירביידע עס מאכען געשווינד.

וואַשט די פּאָדלאָגע.

לאה דאָבע

וואַש דו און איך וועל צושטעלען קאָכען.

ז ע ל ד ע

ס׳מאַכט נישט אוים, אז דו וועסט איהם אין די מילך אריינטהאָן.

לאה דאָבע

עס זעהט דאָך אוים שווארץ, וואָס איז עס?

ז ע ל ד ע

ס׳איז אַזאַ גראָז אויסגעטריקענט.

לאה דאָבע

ב׳וועל עס בעסער אין זיין טעלער אריינטהאָן.

ז ע ל ד ע

ווילסט עס נאָך היינט?

לאה דאָבע

איך וויל נאָך היינט. ב׳זעה דו האָסט חרטה וואָס דו האָסט עס מיר געגעבען.

ז ע ל ד ע

ס׳איז מיר אַלץ איינס.

לאה דאָבע

איך וויים, אז דו ביזט מיר נישט קיין שונא. באשר ס׳הארץ טהוט מיר וועה פאר וואָס אַלץ פאר דיר, אַלץ פאר דיר. וואַשט אויך די פּאָדלאָגע. דו האָסט טאַקע געקענט מיינען, אז איך בין דיר א שונא. אַמאָל דאַכט זיך מיר אוים אז דו ביזט מיין קינד און איך בין דיין מאַמע און איך בעדאַרף אויף דיר אכטונג געבען.

ז ע ל ד ע

דאריבער פערדריסט עס מיר. מיינסטו איך בין אַזאַ שלעכטע. איך

בין נישט שלעכט, נאָר איך פערשטעה אלצדינג, און עס פערדריסט מיר.

ב ר ו ך   מ ש ה

קומט אריין.

זעהט נאָר. זעהט נאָר ווי ערב יום טוב וואָלט געווען! ווי לאנג איז עס זעלדע אזא בריה געווארען?

ל א ה   ד אָ ב ע

וואָס מיינט איהר, אז זעלדע קען קיין פאדלאגע נישט וואשען?

ב ר ו ך   מ ש ה

עס קלעפט זיך נישט אזוי ביי זעלדען ווי באנ'אייך.

ל א ה   ד אָ ב ע

זעהט ווי ריין זי מאכט.

ב ר ו ך   מ ש ה

זעלדע רעדט היינט נישט?

ז ע ל ד ע

שיסט אוים מיט אַ געלעכטער.

ב ר ו ך   מ ש ה

שוין לאנג, אז איהר זענט ביידע שלום? גיט מיר כ'וועל אייך העל־פען.

וויל ביי זעלדען נעהמען די שמאַטע.

ז ע ל ד ע

איך קען אליין. איהר האָט שוין קיין מלאכה נישט אין קוזשנע?

ב ר ו ך   מ ש ה

כ'האָב זיך צעקריגט מיט ניסן אלטער'ן.

ל א ה   ד אָ ב ע

גאָר צעקריגט?

ב ר ו ך   מ ש ה

ער איז מיר מכבד מיט'ן גרויסען האמער, גלייך ווי איך וואָלט גע־ווען זיין לערען־איגגעל.

ז ע ל ד ע

ער איז טאַקי אַ בעסערער בעל־מלאכה פון אייך.

ב ר ו ך מ ש ה

דו ווייסט אויך ווער ס׳איז אַ בעסערער בעל־מלאכה?

ל א ה ד אַ ב ע

זי מאַכט חוזק.

ב ר ו ך מ ש ה

ער בעדאַרף זיך מיט מיר נישט שאַפען. איך בין נישט קיין יונג ביי איהם.

ל א ה ד אַ ב ע

ער שאַפט זיך נישט מיט אייך.

ב ר ו ך מ ש ה

איך ווייס נישט ווער ס׳איז דער בעל הבית, ער צו אייער טאַטע.

ז ע ל ד ע

דער טאַטע איז נישטאָ אין קוזשנע?

ב ר ו ך מ ש ה

איך פערשטעה ער וויל מיך אַרויסשטופען פון דאַנען. זאָל ער אַבי־סעל וואַרטען. מיך שטופט מען נישט אַרויס.

ל א ה ד אַ ב ע

איהר רעדט שוין נישטביידע?

ב ר ו ך מ ש ה

כ׳וויים דאָרט, בלאָזט זיך.

ז ע ל ד ע

שיסט אוים מיט אַ געלעכטער.

ל א ה ד אַ ב ע

וואָס לאַכסטו?

ז ע ל ד ע

עס געפעלט מיר לאַך איך.

ב ר ו ך מ ש ה

ער איז אין אייך געראַטען.

ז ע ל ד ע

אודאי איז ער אין מיר געראטען. ער געפעלט מיר דאריבער.

ב ר ו ך מ ש ה

ווען ס'וואָלט טרעפען אויף אנ'אנדערען וואָלט ער מיט אייך אויך אויפגעהערט צו רעדען.

ז ע ל ד ע

מען קען טאָקע מיינען, אז איך בין שולדיג וואָס אלטער בלאָזט זיך.

ל א ה ד אָ ב ע

נאט אייך מיין שמאטע און איך וועל געהן צושטעלען עפעס עסען. איהר זענט דאָך מסתמא הונגעריג. נאט אייך.

ב ר ו ך מ ש ה

נעהמט איבער לאה דאבעס אַרבייט.

וועלען מיר זעהן צו איך קען די מלאכה.

ל א ה ד אָ ב ע

סיי ווי קנאפ וואָס צו טהאָן אין קוזשנע.

ב ר ו ך מ ש ה

וואָס האָט איהר זיך צו מיר אויסגעדרעהט מיט'ן פּלייצע?

ז ע ל ד ע

ווייל איך האָב אייך פיינט. ס'איז נישט שעהן פאר א מאנסביל צו וואשען פאדלאגעס.

ב ר ו ך מ ש ה

וואָס איז נישט שעהן?

ז ע ל ד ע

צו וואשען די פאדלאגע.

ב ר ו ך מ ש ה

איך וועל מיין ווייב נישט לאָזען וואשען.

ז ע ל ד ע

און איך וועל פיינט האָבען מיין מאן אויב ער וועט עס טהאָן.

ב ר ו ך מ ש ה

וואָס זאָגט איהר, לאה דאָבע?

ל א ה ד אֿ ב ע

איך זאג, אז דער מאן איז געטריי צו זיין ווייב איז עס זעהר שעהן.

ב ר ו ך מ ש ה

איך טהו עס נישט צו מאכען זעלדען גרינגער.

ז ע ל ד ע

פאר איהרעט וועגען קענט איהר זיך עס טהאָן.

ב ר ו ך מ ש ה

און אז כ'וועל וועלען עס טהאָן פאר איך.

ז ע ל ד ע

האָט איהר דאָך שוין געהערט וואָס כ'האָב געזאגט.

ל א ה ד אֿ ב ע

וואָס ארט אייך? איהר וואשט. מיין טייל העלפט, און איך וועל דערפאר קאָכען א געשמאקען מיטאג.

ב ר ו ך מ ש ה

וואָס קאָכט איהר אזעלכעס?

ל א ה ד אֿ ב ע

איהר וועט שוין שפּעטער וויסען.

ז ע ל ד ע

איך מיין אז ניסן אלטער וועט זיך נישט אנידערלעגען וואשען די פאדלאגע.

ב ר ו ך מ ש ה

ער איז א פּריץ. אין אייך געראטען.

ז ע ל ד ע

זאָל זיין אין מיר געראטען.

ב ר ו ך מ ש ה

פאר וואָס ביזטו כאָטש אין איין ביסעלע נישט געראטען אין דיין שוועסטער.

ז ע ל ד ע

דו הערסט, לאה?

לאכט.

ל א ה ד אַ ב ע
ווען איך וואָלט אייך אַזוי געפעלען...
ב ר ו ך מ ש ה
איהר געפעלט מיר טאקי מעהר פון אייער שוועסטער.
ל א ה ד אַ ב ע
ס'איז מיר טאקי א גרויס וואונדער.
ז ע ל ד ע
ניסן אלטער האָט דיך אויך מעהר ליעב.
ל א ה ד אַ ב ע
ניסן אלטער'ן — איך קען איהם נישט אנזעהן.
ב ר ו ך מ ש ה
איך וועל איהם עס זאָגען.
ל א ה ד אַ ב ע
ער ווייס עס אליין. איך רעד נישט צו איהם און ער ווייס פאר וואָס.
ב ר ו ך מ ש ה
איך וועל מאכען א שלום.
ז ע ל ד ע
רוקט זיך אב. איהר פערשמירט נאָר דאָס וואָס איך האָב ריין גע־מאכט.
ב ר ו ך מ ש ה
אָ, אָ, ווי ביין.
ש מ ו א ל ש מ ח ה
קומט אָן.
האָסטו דיר געזעהן? וואָס איז דאָס? ס'איז דאך נאָך צוויי וואכען צו ראש השנה.
ל א ה ד אַ ב ע
קומט אריבער אהער, זיידע, איהר וועט צוריק אנטרעטען בלאטע.
ש מ ו א ל ש מ ח ה
קלייבט זיך דורך פאָרזיכטיג.

האסטו דיר געזעהן, עפּעס א נייעס? זעלדע גאר זאָל ליגען אויף דר'ערד און שייערען די פּאדלאגע.

ב ר ו ך מ ש ה

איהר, רב שמואל שמחה, קוקט בעסער ווי איך העלף?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

וואָס דארפסטו דיר בויגען דעם רוקען. ס'איז פאר ווייבער א מלאכה.

נ י ס ן א ל ט ע ר

קומט אריין.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

זעהסט, ניסעלע, מען מאכט יום טוב אין שטוב.

נ י ס ן א ל ט ע ר

מסתמא זיך א קוה געקעלבט אין דאָרף.

ז ע ל ד ע

נא, אלטער, מיר ברעכט שוין די פּלייצע, נא דיר די שמאטע און קאנטשע נאָר די שטיקעל.

נ י ס ן א ל ט ע ר

האסט דאך שוין איין העלפער.

ז ע ל ד ע

דאָס איז לאה'ס העלפער נישט מיינער.

ב ר ו ך מ ש ה

איך בין אייערביידענס העלפער.

נ י ס ן א ל ט ע ר

א שאד וואָס דו ביזט געווארען א שמיד.

ל א ה ד א ב ע

ווארום וואָס?

נ י ס ן א ל ט ע ר

די נאָסע שמאטע האלט ער בעסער אין האנט ווי דעם האמער.

ז ע ל ד ע

ניסן אלטער איז שוין באלד מיט אלעמען ברוגז.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

געהט אין צווייטען חדר.

ב ר ו ך מ ש ה

איך בעט דיר נישט זאלסט זיך פאר מיר אננעהמען.

ל א ה ד אָ ב ע

ס'איז דאָך טאַקי א ווייבערשע מלאכה, וואס האָט איהר זיך אוועק־געלעגט אויף דרערד?

ב ר ו ך מ ש ה

ס'איז מיינע א זאך.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

איך וועל זאגען נחמן בער'ן וועט ער דיר העכערען שכירות.

ב ר ו ך מ ש ה

געה ארויס פון שטוב. ווארום?

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

ווארום וואס?

ב ר ו ך מ ש ה

גלייכט זיך אויס.

געה בעסער ארויס פון שטוב, די מינוט.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

אזאַ מעשה! איך זאל פון שטוב ארויסגעהן. ארבייט איז דאָ ווינציג אפשר וואלט געווען א סברה אז דו זאלסט אינגאנצען פון דאנען געהן?

ב ר ו ך מ ש ה

דו ביזט דאָ דער בעל הבית — נאַ אָט האָסטו דיר.

ער שליידערט אויף איהם די נאַסע שמאַטע.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

כאַפּט אַ שטעקען און לאָזט זיך צו ברוך משה.

ל א ה ד אָ ב ע

שפּרינגט אַריין אין מיטען און כאפּט אלטער'ן פאר די הענט.

געהט אין קוזשנע, געהט.

זיי שטויערען זיך. זי איז שטאַרקער פון איהם, זי שפּאַרט איהם ארויס אויף דער גאַס.

ז ע ל ד ע

שיסט אוים מיט אַ הילכיגען געלעכטער.

ל א ה ד אַ ב ע

וואָס האָסטו זיך אזוי צעלאַכט?

ז ע ל ד ע

עס געפעלט מיר.

ב ר ו ך מ ש ה

זיין גליק וואָס ער איז ארויסגעגאַנגען. כ'וואָלט איהם מיט דער שמאַטע דעם פּנים אויסגעוואַשט.

ז ע ל ד ע

קען זיך נישט איינהאַלטען פון געלעכטער.

ל א ה ד אַ ב ע

וואָס האָסטו זיך צעלאַכט?

ז ע ל ד ע

אי האָב איך אַ נקמה, אי האָב איך אַ נקמה!

ב ר ו ך מ ש ה

ער וועט נאָך ביי מיר קריגען מיט אַ שטיק אנגעברענטע אייזען.

ל א ה ד אַ ב ע

איך בין ברוגז אויף אייך דערפאַר.

ז ע ל ד ע

וואָס אַרט עס דיר?

ל א ה ד אַ ב ע

איך וויים דאָך פאַר וואָס ער איז אין כעס.

ב ר ו ך מ ש ה

איך וויים אויך פאַר וואָס ער איז אין כעס, און כ'האָב פאַר איהם קיין מורא נישט. אז איך וויל וואַשען די פאַדלאָגע איז עס נישט זיין דאגה.

ז ע ל ד ע

שיט אוים געלען זאמד.

ל א ה ד א ב ע

א בליק וואס איך האב איהם ארויסגעווארפען.

ב ר ו ך מ ש ה

א גבור א גרויסער.

ל א ה ד א ב ע

איך וואלט אייך אויך ארויסגעווארפען ווען איך זאל נישט מורא האבען אז איהר וועט זיך הינטער דער טיר די נעז נישט אבבייסען.

ב ר ו ך מ ש ה

איהר האט שוין געטראפען ווענען ארויסצוואווארפען.

ז ע ל ד ע

לאמיר זעהן.

ב ר ו ך מ ש ה

געטראפען דעם ארט.

ל א ה ד א ב ע

זאגט איהר אז נישט... ווארט לאזט מיר נאר צעבראקען די ציבעלע אין די קארטאפעלס אריין.

ז ע ל ד ע

ווילען מיר טאקי באלד זעהן.

ב ר ו ך מ ש ה

נו קומט אהער און פרובט מיר ארויסווארפען.

ל א ה ד א ב ע

זי כאפט ארום ברוך משה'ן. ער לאזט זיך נישט. זי גיט איהם אזא שליידער צום טיר אז די טיר עפענט זיך אויף און ער פליהט ארוים אויף דער גאס.

ב ר ו ך מ ש ה

קומט אריין.

נו, פרובט נאך אמאל, באשר כ'האב מיר אויסגעגליטשט.

ל א ה ד אַ ב ע

מעהר וויל איך נישט.

ב ר ו ך מ ש ה

מיט קינדערשע עקשנות פערשעמט.

קומט נאָך אמאָל. באשר איך האָב מיר נישט געווערט, כ'האָב מיר אין מישנע נאָכגעגעבען.

ז ע ל ד ע

נאָר אנ'אויסרעדעניש. איך האָב געמיינט אז איהר זענט שטארקער. א גליק וואס לאה דאָבע האָט ניסענען ארויסגעוואָרפען. ער וואָלט איך צע'מזיק'ט.

ב ר ו ך מ ש ה

זיצט גאָר פערלאָרען.

ל א ה ד אַ ב ע

ס'איז נישט שעהן, אז צוויי מאנסבילען שלאָגען זיך. כ'האָב געזעהן ווי צוויי שקצים האָבען זיך אין דאָרף געשלאָגען. מיט שטיינער האָבען זיי זיך צעפּלעט די קעפּ. די בלוט האָט זיך זיי געגאָסען אונטער'ן קאָלנער.

ב ר ו ך מ ש ה

געהט ארויס אַ קלאָפּ געבענדיג מיט דער טיר.

ז ע ל ד ע

כאַפּט אַרום לאה דאָבען. קושט זי.

האָב איך דיך ליעב! כ'האָב דיך קיין מאָל אזוי ליעב נישט געהאַט. אזוי ווי אבגעשמיסענע קוקען זיי ביידע אוים. לויפט צום פענסטער. אפשר שלאָגען זיי זיך ווידער? דער טאַטע איז דאָ.

ל א ה ד אַ ב ע

ער וויל זיך גאָר מיט מיר שטייערען.

ז ע ל ד ע

נו זאָג, ווען וויל‌סטו פאר א חתן?

ל א ה ד אַ ב ע

וואָס ביזטו אזוי פרעהליך?

ז ע ל ד ע

אזוי. זאג וועמען ווילסטו פאר א חתן?

ל א ה ד אָ ב ע

און דו?

ז ע ל ד ע

איצטער האָב איך זייביידען פיינד. ער האָט זיך נישט גענדארפט אוועקלעגען וואשען די פאדלאגע. איך האָב נישט געקענט קוקען אויף איהם.

ל א ה ד אָ ב ע

ער וועט זיין זעהר א געטרייער מאן.

ז ע ל ד ע

מיין מאן וועל איך נישט לאזען וואשען קיין פאדלאגע.

ל א ה ד אָ ב ע

און אז ער וועט דיר וועלען העלפען?

ז ע ל ד ע

דאָס האָט ער דיר געהאָלפען נישט מיר.

לאכט ווידער.

ל א ה ד אָ ב ע

דיר געפעלט וואס זיי האָבען זיך צוליעב דיר צושלאָגען?

ז ע ל ד ע

צוליעב מיר גאר?

ל א ה ד אָ ב ע

ווי דען, צוליעב מיר?

ז ע ל ד ע

איך ווייס נישט אויב צוליעב מיר.

ל א ה ד אָ ב ע

איך וועל ארויסגעהן זעהן אפשר שלאגען זיי זיך ווידער.

געהט אַרויס.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

קומט אַרויס מיט שפאקולען אויפ׳ן נאָז און אַ ספר אין האַנט.

זעהסט, ארויסגעפאלען א גלעזעל פון די שפאקולען, קענסטו עם מיר פאריכטען?

ז ע ל ד ע

גיב אהער.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

נעהם אראפ די שפאקולען. אין ספר ליגט דאס גלעזעל.

ז ע ל ד ע

פעריכטענדיג.

ווילסט, זיידע, אז איך זאל האבען חתונה?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

אודאי וויל איך. שוין צייט געווען צו האבען אוראייניקלעך.

ז ע ל ד ע

וועמען זאל איך נעהמען?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

וועמען, ווייסט דאך וועמען. דער טאטע זאגט, אז דו האסט זיך בענארישט.

ז ע ל ד ע

מיט וואס האב איך זיך בענארישט?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

ער וויל דיך ווי דו שטעהסט און נעהסט און דו...

ז ע ל ד ע

וועמען מיינסטו, זיידע?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

איך מיין ניסענען.

ז ע ל ד ע

פאר וואס נישט ברוך משה'ן?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

זאל ער זיין פאר דער אנדערער.

ז ע ל ד ע

פאר וואס נישט פאר מיר?

שמואל שמחה

מען קען מאכען א בייט. איז אויך א וואוילער בחור.

זעלדע

און אז ניסן אלטער וועט נישט וועלען דאבען?

שמואל שמחה

דאבע איז מעהר לייט פון דיר. ער ווייסט עס. דו ביזט צולאזען.

זעלדע

וואס זאגסטו?

שמואל שמחה

ביזט צולאזען. האסט זיך אבגעלערנט פון די דארפישע.

זעלדע

ס'איז נישט אמת.

שמואל שמחה

דער זיידע זאגט דעם אמת. מען האט געקענט פראוועו א חתונה חנוכה.

זעלדע

איך וויל נאך נישט חתונה האבען.

שמואל שמחה

וואס הייסט דו ווילסט נישט. מען פרעגט נישט ביי דיר. דער אינגעל וויל דיך, איז פרעהט מען זיך. ס'וועט דעם טאטען זיין גרינגער.

זעלדע

זאל לאה פריהער חתונה האבען.

שמואל שמחה

דו בעדארפסט פריהער חתונה האבען. ביזט א ציג. דארף מען דיך חתונה מאכען.

זעלדע

באשר איך בין פרעהליך.

שמואל שמחה

אט זעהסטו, זאגסטו אליין ביזט פרעהליך. בעדארף מען האבען חתונה. קינדער האבען, פיהרען א שטוב. כ'האב איהם ליעב, דעם

אינגעל, אלטערען מיין איך.

ז ע ל ד ע

ער וועט בעסער נעהמען לאה׳ן. זאָל לאה האָבען פריהער חתונה און איך וועל ווארטען. איך וויל נאָך וואקסען.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

מען קען נאָך דער חתונה אויך וואקסען.

נ ח מ ן ב ע ר

קומט אַריין, געהט אַרום אָנגעבלאָזען.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

קענסט אויך הערען, מיין זוהן, וואָס כ׳רעד מיט זעלדען.

נ ח מ ן ב ע ר

איך וויל מיט איהר נישט רעדען. איך וועל נעהמען א שטעקען און צעברעכען איהר די ביינער.

ז ע ל ד ע

וואָס ווילסטו פון מיר האָבען?

נ ח מ ן ב ע ר

וואָס פערדרעסטו דעם מענשען א קאָפּ?

ז ע ל ד ע

וואָס?

נ ח מ ן ב ע ר

איך קען דיך מעהר נישט שלעפּען אויף מיינע פּלייצעס!

ש מ ו א ל ש מ ח ה

האָסט זיך נישט וואס צו בייזערען.

נ ח מ ן ב ע ר

אַ קינד זאָל נישט האָבען קיין דרך ארץ פאר א טאַטען.

ז ע ל ד ע

וואָס ווילסטו פון מיר?

נ ח מ ן ב ע ר

איך וויל דו זאָלסט חתונה האָבען! איך קען דיך מעהר נישט שלעפּען אויף זיך.

זעלדע

ווייגט.

וואס בין איך דיר מיט אמאל שווער געווארען?

נחמן בער

איך האב א מענשען צוגעזאגט.

זעלדע

איך בין נאך א קינד.

נחמן בער

געזעהן א קינד. שוין באלד אכצעהן יאהר.

זעלדע

לאה דאבע איז גרעסער פון מיר.

נחמן בער

צוליעב דיר וועט לאה דאבע פערזעסען ווערען. כ'האב נישט קיין נדנ'ען פאר איך. איהר הערט, איך וויל אייך מעהר נישט שלעפען אויף די פלייצעס. היינט זאל עס נעהמען א סוף!

שמואל שמחה

איך זאג אויך דאס אייגענע.

נחמן בער

אין קוזשנע איז לעדיג. כ'האלט א מענשען און גיב איהם עסען אומזיסט.

זעלדע

טא זאג איהם אפ אויב דו האסט פאר איהם נישט קיין מלאכה.

נחמן בער

איך האב שוין קיין כח נישט צו הארעווען. כ'האב מיינע אדערען אויסגעצויגען!

שמואל שמחה

שריי נישט, מען קען מיט גוטען אויך דאס אייגענע מאכען.

נחמן בער

אנ'עק זאל עס נעהמען.

ז ע ל ד ע

ער רעדט אפילו נישט מיט מיר.

נ ח מ ן ב ע ר

ביזטו שולדיג... ער וועט נאָך מיך אוועקוואַרפען אויך. ס'וועט דיר מעהר נישט פעלען. איך וועל דיך פון שטוב ארויסיאגען.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

וועלען זיך איבערבעטען.

נ ח מ ן ב ע ר

וואָס ביזטו געקראָכען אין קוזשנע אריין? ווער האָט דיך געבעטען דו זאָלסט איהם פערדרעהן א קאָפּ?

ל א ה ד אָ ב ע

קומט אָן.

וואָס שרייסטו, טאטע?

נ ח מ ן ב ע ר

דאָס האסטו זי צו לאזען.

ל א ה ד אָ ב ע

וואָס?

נ ח מ ן ב ע ר

געלאָזט זי שלאפען ביז האלבען טאָג און נישט געלאָזט איהר איינ־טונקען א האנט אין קאלטע וואסער.

ז ע ל ד ע

איך הארעווע קנאָפּ?

נ ח מ ן ב ע ר

איך וואָלט איהר געהייסען וואשען די פאדלאגע. זאָל זי בויגען דעם רוקען.

ל א ה ד אָ ב ע

זעלדע האָט די פאדלאגע געוואשען היינט נישט איך.

נ ח מ ן ב ע ר

האָט זי געוואשען אלץ איינס. כ'וועל ווארטען נאָך א טאָג און דער סוף וועט זיין איך וועל נעהמען א שטעקען און ברעכען די ביינער.

געהט ארויס.

שמואל שמחה

דער טאטע איז גערעכט.

לאה דאבע

וואס האט ער געשריען?

שמואל שמחה

דער טאטע וויל איך ביידען אראפוואַרפען פון די פּלייצעס.

לאה דאבע

וואס איז דא געווען פאר א געשריי, זעלדע?

זעלדע

אי האב איך א דאגה. כ'זאל מיר אלצדינג צוהערען וועט אויף מיר גראז אנוואקסען.

שמואל שמחה

ארויסגעהענדיג.

קינדערלעך, צייט חתונה צו האבען. כ'בין אין אייערע יאהרען שוין געווען א טאטע.

לאה דאבע

וואס איז דא געווען, זעלדע? ווייסט, ברוך משה איז נישטא.

זעלדע

וואו איז ער?

לאה דאבע

איך ווייס נישט.

זעלדע

ווער קלאפּט עס דארט אויפ'ן קאוואדלע?

לאה דאבע

ס'איז ניסן אלטער.

זעלדע

ער האט גערעדט צו דיר?

לאה דאבע

איך בין ארייגעגאנגען אין קוזשנע. כ'האב מיר געמאכט אז איך זוך

עפּעס און ער האָט זיך נישט אומגעקוקט.

זעלדע

ער שעמט זיך.

לאה דאָבע

וואו קען זיין ברוך משה?

זעלדע

אפשר איז ער אָוועקגעגאנגען?

לאה דאָבע

זיינע זאכען הענגען דאָ אויפ׳ן וואנט.

זעלדע

איך וועל געהן בעהאלטען די זאכען זיינע.

לאה דאָבע

געה. טהו עס טאָקע. לעג זיי אריין אין קופערט.

זעלדע

געהט אין אַנדערען צימער, רעדט פון דאָרט.

זאָלסט אבער נישט זאגען אז איך האָב עס געטהאָן.

לאה דאָבע

ער בעדארף עס גאר נישט וויסען.

זעלדע

קומט אָן.

איך וויל נישט ער זאָל וויסען אז איך האָב עס געטהאָן.

לאה דאָבע

וואָס האָט דער טאָטע געשריגען?

זעלדע

כ׳זאָל זיך איינהערען וואָס ער שרייט וועט אויף מיר גראָז אנוואקסען. זאָג מיר, מיט וואָס טהו איך עס קנאפּער פון דיר? איך העלף דיר נישט?

לאה דאָבע

איך האָב עס דיר קיינמאָל נישט געזאָגט.

ז ע ל ד ע

וואס האבען זיי זיך אויף מיר אנגעזעצט?

ל א ה ד א ב ע

שא, מיר דאכט זיי געהן אין שטוב אריין... זעלדע, זאג מיר ווי אזוי זאל איך עס מאכען?

ז ע ל ד ע

טהו אליין ווי דו ווילסט, פון מיינעטוועגען קענסטו עס ניסן אלטער'ן אויך ארייננשיטען.

ל א ה ד א ב ע

זעה, ווי דו ביזט א שלעכע.

ז ע ל ד ע

וואס ווילט איהר פון מיר האבען? אלע האבען זיך אנגעטשעפעט אין מיר.

ל א ה ד א ב ע

נו, איז נישט. איך בין א נאר וואס כ'רעד אפילו צו דיר.

ז ע ל ד ע

געהט צום קוימען.

שיט עס אריין ניסן אלטער'ן...

ל א ה ד א ב ע

ניין, איך וויל נישט.

ז ע ל ד ע

פאר וואס?

ל א ה ד א ב ע

דו האסט עס איהם איינמאל געגעבען און איצטער איך, ווער ווייסט עס קען אמאל עפעס דערפון ארויסקומען. כ'האב מורא.

ז ע ל ד ע

וואס קען עס שאדען?

ל א ה ד א ב ע

איך האב מורא.

זעלדע

אבער אזוי געפעלט דיר ניסן אלטער. אמת?

לאה דאבע

קוקט זי אן צוטומעלט.

זעלדע

וואס קוקסטו מיך אן אזוי?

לאה דאבע

דו האסט א הארץ פון נישט קיין אידיש קינד. אט וואס איך זאג דיר.

זעלדע

איך רעד דאך סיי ווי מיטביידען נישט. וואס האסטו צו מיר? דער טאטע האט ניסן אלטער'ן צוגעזאגט.

לאה דאבע

איך ווייס שוין אליין וואס כ'האב צו טהאן. מיינסט טאקי ביזט קלי־גער פון מיר. איך בין א נאר אפילו וואס איך רעד צו דיר.

זעלדע

כ'האב דיר שוין לאנג געזאגט, אז ביי מיר האסטו נישט וואס צו פרע־גען.

לאה דאבע

אזא שונא ווי דו ביזט.

זעלדע

בין איך דיר א שונא.

לאה דאבע

גרייט צום טיש ווארום זיי קומען באלד אן עסען.

זעלדע

זיי בעדארפען שוין ארייכקומען.

לאה דאבע

כ'וועל זיי געהן ארייגרופען.

זעלדע

וועלען מיר זעהן.

זי גרייט צום טיש.

ל א ה ד א ב ע

שרייט ארויס פון טיר.

קומט אריין, מיטאג איז שוין פארטיג! ברוך משה איז דאך דא.

ז ע ל ד ע

וואו איז ער?

ל א ה ד א ב ע

וואס האסטו זיך אזוי אנגעכאפט?

ז ע ל ד ע

ס'איז נישט אמת, ער וועט אין שטוב נישט אריינקומען.

נ ח מ ן ב ע ר

קומט אריין. וואשט זיך. געהט צום טיש מאכט א מוציא.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

קומט אריין.

נע, וועט זיין מלאכה, מען האט פון דארף געבראכט א סאכע צו פאר־ריכטען.

וואשט זיך און געהט צום טיש קייט דעם ברויט.

נ ח מ ן ב ע ר

געה רוף אריין די מענשען עסען.

ל א ה ד א ב ע

איך געה.

נ ח מ ן ב ע ר

לאז איהר, זאל זי געהן.

ל א ה ד א ב ע

איך וויל געהן, וואס איז דען דער חילוק?

נ ח מ ן ב ע ר

איך זאג דאך זי זאל געהן!

נ י ס ן א ל ט ע ר

קומט אריין. וואשט זיך.

מען האט געבראכט מלאכה פון דארף.

נחמן בער

גנה דוף אריין ברוך משה'ן עסען.

ברוך משה

קומט אריין. ער וואשט זיך שוויגענדיג און געהט צום טיש.

נחמן בער

ווער וועט מיט מיר פאָהרען מאָרגען אין שטאָדט אריין?

שמואל שמחה

נאכסאל בעדאַרפסטו אין שטאָדט?

נחמן בער

איך וויל אויסקלייבען לעדער אויף א בלאָזאק.

ניסן אלטער

כ'וועל זעהן אפשר וועל איך מיט אייך מיטפאָהרען.

נחמן בער

צו ברוך משה'ן.

אפשר וועסטו אויך מיטפאָהרען. וועסט העלפען אויסקלייבען.

ברוך משה

איך קען מיטפאָהרען אויב איהר ווילט...

לאה דאָבע

עסקט זיך ביים קוימען. טראָגט יעדען צו אין טיפע טעלער געקעכץ. ברוך משה'ס טעלער לאָזט זי צום לעצטען. שיט אַריין עפּעס פון א פּאַפּירעלע און מישט אויס. ס'פּנים איז איהר אויפגערעגט און די הענט ציטערען אַזש. זי געהט צום טיש.

זעלדע

וואָס האָט די גאַנצע צייט פון ווייטען אויף דעם אכטונג געגעבען. טהוט זיך פּלוצלינג אַ ריס פון אָרט ווי אַרויסצוגעהן שנעל פון שטוב און פערביגעהענדיג טהוט זי אַ שטויס לאה'ס האַנט. דער טעלער פאַלט אַרויס און ווערט צעבראָכען. אליין געהט זי אַרויס. דער עולם דערשרעקט זיך פון בראָך.

לאה דאָבע

אוי וועה, הענט און פים האָט מיר אזש אבגענומען פאַר שרעק!

נ ח מ ן ב ע ר

וואוהין איז זי געלאפען?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

כ'האָב געזאגט, ס'איז א ציג, מען בעדארף זי חתונה מאכען.

נ ח מ ן ב ע ר

וואוהין איז זי געלאפען?

ל א ה ד אָ ב ע

קוקט צוטומעלט צו דעם צעבאכענעם טעלער.

שווייגענדיג נעהמט זי דעם בעזים און הייבט אָן צו קערען די שערבלאך, ווישענדיג די טרערען מיט דעם אַרבעל.

דריטער אקט

אין קוזשנע איז פינסטערלעך. א שוואכער שיין שלאָגט אריין פון דרויסען דורכ'ן קליין פערשוואַרצט פענסטערל. הינטער'ן קוזשנע דערהערט מען טריט און שמואל שמחה'ס נעזאַנג.

שמואל שמחה

קומט אַריין. ער עפענט די טיר. דרויסען טאָגט. זינגט.

אודה לאל לבב חוקר, ברן יחד כוכבי בוקר.

געהט צום הארנע און ציהט דעם בלאָזאק.

כע, כע, נאָך פייער פאַרהאַנען...אודה לאל לבב חוקר... לאָמיר מאַכען פאר זיי טשוועקעלאַך, טאָמער ברענגט אימעצער פערד שמידען. אודה לאל לבב חו־קר ב־רן י־חד כוכ־בי בוק׳־קער.

ניסן אלטער

קומט אריין.

גוט מאָרגען.

שמואל שמחה

אַ שעהנער פריהמאָרגען. הא, הא, אויף דער גרויסער וועלט איז איצ־טער לעבעדיג...

ניסן אלטער

וואָס מיינט איהר?

שמואל שמחה

עשרת ימי תשובה. אידעלאַך פאַסטען. מען שטעהט אויף פריה אין בית מדרש אריין.

ניסן אלטער

אַז כ'בין געווען אַ אינגעל בין איך מיט'ן טאַטען כסדר אויפגעשטאַ־נען צו סליחות. אליין גלוסט זיך נישט צו זאָגען.

שמואל שמחה

זינגט.

אודה לאל לבב חוקר, ברן יחד כוכבי בוקר. עך כ'וואָלט נאָר וועלען די אייניקלעך אויסגעבען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

א שאָד געוועזן אַוועקצופאָהרען פון שטאָדט.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

ווען מיינסטו?

נ י ס ן א ל ט ע ר

כ'מיין נאָך ראש השנה.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

מיר אויך געוועזן א שאָד. דאָרטען ציטערט א פיש אין וואסער און דאָ קלאפּט מיט'ן האַמער אויף אַ רויט אָנגעגליט שטיקעל אייזען. אורחה לאַל לבב חוקר... א שעהנער בעל תפילה. אַ ביסעל נאָר הייזעריקלעך. ווייסט נישט, יום כפור איז אויך דער איינענער?... נע, כּאָטש דעם ווינטער איבערציהען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איהר וועט נאָך נישט איין ווינטער איבערציהען.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

אַלט געוואָרען. קומט ימים־נוראים ציטערט א פיש אין וואסער... כ'בין גאָר א בעלן אַבצודאַווענען. לאָה, באַקט ברויט, בעדאַרף מען איהר הייסען... אָך א בריה, אָך א בריה. א כשר קינד.

נ י ס ן א ל ט ע ר

זעלדע וועט שוין מסתמא זיין ביז איבער יום כפור ביי איהר מומען.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

האָב איהר א גוט יאָהר. כ'האָב איהר געזאָגט: פאַהר א היים, דעם זיידען וועט זיין אומעטיג.

נ י ס ן א ל ט ע ר

אויסגעמאַכט מיט אַלע שטאָדטישע מיידלעך.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

די איז שעמעוודיג... האָט געהאַט א כשרה מאַמע. עט, ווען די מאַמע וואָלט איצטער לעבען. די צייטען געוועזן שלעכטלעך יעמאַלט. נו כ'וועל געהן אין שטוב.

זינגט,

נ י ס ן א ל ט ע ר

וועקט אויף ברוך משה'ן, זאל ער גיין העלפן. עפעס האט ער אנ־געהויבן שפעט צו שלאפן.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

כ'וועל איהם אויפוועקען.

געהט אוועק זינגענדיג.

נ י ס ן א ל ט ע ר

פערנעהמט זיך צו דער ארבייט.

ל א ה ד א ב ע

קומט אן.

נ י ס ן א ל ט ע ר

לאה'שו, גוט מארגען!

ל א ה ד א ב ע

די גראז איז אזוי נאס און קאלט. א פרעסטעלע ליגט אויף די גראז.

נ י ס ן א ל ט ע ר

פאר וואס געהט איהר אום בארוועס איצטער?

ל א ה ד א ב ע

כ'האב מיר אזוי ארויסגעכאפט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

נישט אומעטיג אהן זעלדען?

ל א ה ד א ב ע

א דאגה מיר, זי האט געוואלט בלייבען אין שטאדט איבער יום־כפור.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ס'איז אייך נישט שווער אין שטוב אליין?

ל א ה ד א ב ע

און צעהן מאל אזוי פיעל מלאכה וואלט איך נישט אויפגעטהאן?

נ י ס ן א ל ט ע ר

דער טאטע שוין אויפגעשטאנען?

ל א ה ד א ב ע

ער שטעהט אויף.

נ י ס ן   א ל ט ע ר

דער פּריץ שלאָפט נאָך אויף.

ל א ה   ד אָ ב ע

ברוך משה, ער האָט זיך נאָר וואס איבערגעקערט אויף דער אנדערער זייט.

נ י ס ן   א ל ט ע ר

ער האָט געוואָלט בלייבען אין שטאָדט נאָך ראש השנה.

ל א ה   ד אָ ב ע

איך האָב פערשטאַנען.

נ י ס ן   א ל ט ע ר

איך האָב איהם קוים איינגערעדט. כ'וויים, ראש־השנה, כ'האָב נישט געוואָלט פיהרען קיין ברוגז; כ'האָב מיר מיט איהם איבערגעבעטען.

ל א ה   ד אָ ב ע

איהר האָט צו איהם אנגעהויבען צו רעדען?

נ י ס ן   א ל ט ע ר

זאָל מיינס איבערגעהן. ביי איהם וואלט רעכט געווען יום כפור אויף זיין שטום.

ל א ה   ד אָ ב ע

איך געפעלען עפּעס די שטאָדטישע מיידלעך?

נ י ס ן   א ל ט ע ר

די שטאָדטישע מיידלעך האָבען אויסגעמאכטע קעפּ, דאָס אלץ. קע־נען זיך אויסרעדען מיט א מענשען.

ל א ה   ד אָ ב ע

אָבער אָ מאַן, האָט פון אזא ווייב געהאקטע צרות.

נ י ס ן   א ל ט ע ר

זעלדע האָט געקענט זיין א שטאָדטישע.

ל א ה   ד אָ ב ע

זאָלען נאָך ווארטען די שטאָדטישע מיידלעך צו גלייכען זיך מיט איהר.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך האָב נישט געוואוסט, לאה, אז איהר זענט אזא גוטע.

ל א ה ד אָ ב ע

פערשעמט.

אז איך בין א גוטע בין איך פאר זיך אליין.

נ י ס ן א ל ט ע ר

נישט נאָר פאר זיך אליין. אַט ווילט איהר קיין בייז ווארט נישט אויסרעדען אויף זעלדען.

ל א ה ד אָ ב ע

ווארום וואָס, אויב זי געפעלט אימעצען מעהר ווי איך, טאָ דאריבער בעדארף איך איהר זיין א שונא?

נ י ס ן א ל ט ע ר

ווער האָט עס אייך געזאָגט, אז זי געפעלט אלעמען מעהר?

ל א ה ד אָ ב ע

איך וויים אליין. מען בעדארף עס מיר זאגען? צוליעב מיר האָט איהר זיך צוקריגט מיט ברוך משה'ן? אודאי נישט צוליעב מיר.

נ י ס ן א ל ט ע ר

אַט קומט אהער לאה דאָבע, כ'וויים אז איהר זענט נישט נאָר א גוטע נאָר איהר זענט א קלוגע אויך. אַט אדרבה קומט אהער, כ'וויל אייך עפּעס זאגען...

ל א ה ד אָ ב ע

איך וועל נאָר לויפען א קוק טהאָן ווי האלט עס מיט'ן אויווען. איך האָב איינגעהייצט אויף ברויט.

לויפט אַרויס.

נ ח מ ן ב ע ר

קומט אַן.

גוט מארגען. א פרעסטיל געווען דרויסען. וואָס טהוסטו?

נ י ס ן א ל ט ע ר

גאָר קיין חשק נישטא צו דער ארבייט. ס'וואָלט זיך וועלען ווידער אין שוהל אריין.

נחמן בער

נו, אויף יום כפור אז גאָט וועט שענקען ס׳געזונד, אפשר וועט מען קענען ארויספאהרען אביסעל פריהער.

לאה דאבע

קומט אַן.

נאט אייך געבראטענע קארטאפעל...

נחמן בער

איך האָב נאָך נישט געדאוועגט.

ניסן אלטער

איך דאווען גלייך ווי איך שטעה אויף.

נחמן בער

כ׳וואלט אויך געוועז א בעלן צו זיין איצטער אין שטאָדט אין בית מדרש זאגט מען תהילים.

ניסן אלטער

אַ, מען האָט שוין דארט לאנג אָבגעדאוועגט דעם ערשטען דאווגען.

לאה דאבע

איהר וועט שוין באלד קענען אריינקומען עסען. ס׳איז שוין באלד פארטיג.

געהט ארויס.

נחמן בער

כא, כא, די קליינע געבליבען ביי דער מומען. געוואוסט, אז אין שטוב איז פאראהאן וואס צו טהאָן ערב יום־טוב... איך וואלט זי נישט איבערגעלאזען נאָר לאה דאבע, איז צוגעשטאנען איך זאָל זי לאָזען. נע, מען בעדארף געהן דאווגען.

ניסן אלטער

איהר וועט מיר העלפען אנציהען א ראָד דאנאָך וועט איהר געהן.

ער לעגט אַ ראָד אויפ׳ן קאוואדלע און נעהמט צופאסען די שינע.

נחמן בער

דער בעל תפילה היינטיגס יאהר געוועזן אביסעל הייזעריקלער. מען זאגט אז ער האָט זיך פערקילט.

נ י ס ן   א ל ט ע ר

די משוררים אבער האבען גוט אונטערגעהאלטען. איינער זאגט מען איז טאקי זיינער.

נ ח מ ן   ב ע ר

א שארף קול׳כעל.

נ י ס ן   א ל ט ע ר

דער קוויטשער געפעלט מיר אויך בעסער.

נ ח מ ן   ב ע ר

האט דעם חזן איבערגעשריגען.

נ י ס ן   א ל ט ע ר

יום כפור איז אויך דער אייגענער חזן...

נ ח מ ן   ב ע ר

ברוך משה האט זיך עפעס פערשלאפען.

נ י ס ן   א ל ט ע ר

זאל ער שלאפען... כ׳האב געוואלט מיט אייך פון עפעס רעדען.

נ ח מ ן   ב ע ר

ער פוילט זיך צו א ביסעל.

נ י ס ן   א ל ט ע ר

איך וויל ווערען אייער איידעם, רב נחמן בער.

נ ח מ ן   ב ע ר

כ׳האב גרויס צער פון דער קליינער. כ׳האב זי אנומעלט אנגעשלאגען. ס׳האט מיר דאנאך ס׳הארץ וועה געטהאן. אבער כ׳האב גרויס צער.

נ י ס ן   א ל ט ע ר

איך האב געטראכט, און געטראכט, איהר הערט, זיי זענען דאך א צווילינג. כאטש זעלדע איז געבוירען געווארען פריהער, אבער כ׳מיין אז אפשר איז לאה די עלטערע.

נ ח מ ן   ב ע ר

אנטקעגען וואס זאגסטו עס?

נ י ס ן   א ל ט ע ר

איך וויל ווערען אייערער אנ׳איידעם.

נחמן בער

ווילסטו, הייסט עס, לאה דאבען, נישט די קלענערע. און איך האב געמיינט אז דו ווילסט די קלענערע.

ניסן אלטער

כ'האב ראש־השנה געטראכט... אפשר איז טאקע לאה די עלטערע.

נחמן בער

אויפ'ן קוק איז זי טאקע די עלטערע. און יענע זעהט אויס גאר א קינד.

ניסן אלטער

וואס זאגט איהר ?

נחמן בער

וואס האב איך פון דעם צו זאגען ? כ'האב אויך ראש־השנה איבער־געטראכט...

עס קומט אן א פוהר הינטער'ן קוזשנע.

ניסן אלטער

אימעצער איז צוגעפאהרען.

זעלדע

לויפט אריין.

גוט מארגען !

נחמן בער

ווי קומסטו אהער ?

ניסן אלטער

א גאסט אין שטעדטעל.

זעלדע

אוי ווי ס'איז קאלט ! א גאנצע נאכט האט מען זיך געשלעפט.

ווארעמט די הענט ביים הארנע.

נחמן בער

מיר פאהרען דאך, אם ירצה השם, מארגען אין שטאדט אריין.

זעלדע

ס'האט זיך מיר אזוי געבענקט, אז כ'האב נישט געקענט אויסהאל־

טען.

נ ח מ ן ב ע ר

מיט װעמען ביזטו געקומען?

ז ע ל ד ע

מיט א אידען. א מוכר־ספרים׳ניק.

נ ח מ ן ב ע ר

אן איינפאל אביסעל.

ז ע ל ד ע

גו ניסעלע, ס׳איז ערב יום־כפור, מארגען בעדארף מען זיך דאך איבערבעטען.

נ ח מ ן ב ע ר

אנ׳איינפאל אביסעל.

ל א ה ד א ב ע

לויפט אריין, פאלט אויפ׳ן האלז זעלדען.

װאס ביזטו געקומען? מיר פאהרען דאך מארגען אלע.

ז ע ל ד ע

איך אזוי געבענקט... װאס טהוסטו, ס׳געהט א רויך פון קוימען.

ל א ה ד א ב ע

איך באק ברויט.

ז ע ל ד ע

איך װעל לויפען אין שטוב זיך אנװארימען.

ל א ה ד א ב ע

איך האב דיר טאקע עפעס צו דערצעהלען.

לויפען ביידע ארויס.

א א י ד

קומט אריין.

א גוטער מארגען!

נ ח מ ן ב ע ר

א גוטער יאהר; שלום עליכם...

ד ע ר א י ד

עליכם שלום. כ׳האָב איך געבראַכט אייער טאָכטער. א געראַטענע טאָכטער. כ׳האָב מיט איהר געזונגען שמע ישראל, האָט זי עס באַלד איבערגענומען.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

אַ גאַנצע נאַכט געפאָהרען?

ד ע ר א י ד

שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט אז כ׳בין ארויסגעפאָהרען.

נ ח מ ן ב ע ר

וואוהין זשע פאָהרט מען?

ד ע ר א י ד

כ׳וויל מיר ביז מאָרגען אריבערכאַפּען אין א צווייטער שטאָדט, אבי־סעל צו לאַנג געשטאַנען אויף אַנ׳אָרט.

נ ח מ ן ב ע ר

האָט ס׳פערד וואָס צו עסען?

ד ע ר א י ד

כ׳האָב איהם געגעבען א ביסעל היי. שפּעטער וועל איך איהם אויפ׳ן גראָז אבלאָזען. א וואַזשנע טאָכטער האָט איהר.

נ ח מ ן ב ע ר

די אַנדערע איז אויך מיינע.

ד ע ר א י ד

דערפאַר וואָס כ׳האָב זי אייך געבראַכט וועט איהר מיר דעם פערד איבערשמידען. זי האָט מיר אזוי צוגעזאָגט. דער טאַטע, זאָגט זי, איז א שמיד און איך וועל איהם זאָגען וועט ער אייך ס׳פערד איבערשמידען. אַט געהערט ווי די פּאַדקאָוועס קלינגען, זאָגט זי: מען בעדאַרף דעם פערד איבערשמידען. כאַ כאַ... באַלד פערשטאַנען, אז דאָס איז א שמידס א טאָכטער. מען בעדאַרף עס נאָר איבער־שמידען. די פּאַדקאָוועס זענען גוט.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

שפּעטער נאָך איבערבייסען וועט מען עס מאַכען.

ז ע ל ד ע

קומט אריין.

טאטע, מען וועט דעם אידענס פערד בעדארפען איבערשמידען.

נ ח מ ן ב ע ר

כ'האב שוין געהערט.

ז ע ל ד ע

ס'איז מיר אזוי קאלט. גיב, וועל איך דיר העלפען אנציהען דעם ראד.

ד ע ר א י ד

כ'וועל מיר געהן נעגעל וואסער אבגיסען. קען מען שוין צונ'איך אין שטוב אריינגעהן?

נ ח מ ן ב ע ר

אט, זייטשע מוחל.

געהעןביידע ארויס.

ז ע ל ד ע

נו וואס בלאזטו זיך אויף מיר? כ'האב זיך דאך איבערגעבעטען מיט דיר. פאר יום כפור בעטען זיך אלע איבער.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך בין נישט געווען אויף דיר ברוגז.

ז ע ל ד ע

גיב, וועל איך דיר העלפען דעם ראד אנציהען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

כ'מיין ס'איז נישט אומזיסט, וואס זעלדע איז א היים געקומען צו לויפען.

ז ע ל ד ע

וואו איז ברוך משה? ער האט מיר געזאגט, אז ער וועט זיך נישט אומקעהרען א היים.

נ י ס ן א ל ט ע ר

דו האסט איהם נישט געזעהן אין שטוב?

ז ע ל ד ע

ער דאווענט. האָט נישט געוואָלט אויסרעדען אין מיטען דאווענען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

כ'האָב היינט גערעדט מיט'ן טאַטען דיינעם, אז כ'וויל ווערען זיין אײדעם, און אז כ'וויל לאָה דאָבען פאַר א ווייב.

ז ע ל ד ע

גאַנץ קאַלט.

נו וואס האָט ער געזאָגט?

נ י ס ן א ל ט ע ר

ער זאָגט, אז ס'איז אַזוי גלייכער.

ז ע ל ד ע

דאס ווילסטו מיר אָבנאַרען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

אויף מיין וואָרט!

ז ע ל ד ע

איך וועל עס גערן זאָגען לאָה'ן.

לויפט אַרויס.

ב ר ו ך מ ש ה

קומט אַן.

נ י ס ן א ל ט ע ר

שוין געדאַוועגט?

ב ר ו ך מ ש ה

שוין געדאַוועגט. כ'פאָהר אַוועק.

נ י ס ן א ל ט ע ר

וואוהין?

ב ר ו ך מ ש ה

פונקט דאָ א פוהר, א מוכר ספרים'ניק.

נ י ס ן א ל ט ע ר

וואוהין וועסטו פאָהרען?

ב ר ו ך   מ ש ה

נאָר דאָ איז אַנ׳אָרט? כ׳בעדאַרף נישט ליגען אין דאַרף. ס׳איז פאַרהאַן א פוהר וועל איך אָוועקפאָהרען.

נ י ס ן   אַ ל ט ע ר

אַט בלייב דאָ. אפשר וועל איך מיר גאָר אבטהיילען פון דאַנען וועסטו אליין בלייבען.

ב ר ו ך   מ ש ה

זיצט מיט אנ׳אראָבגעלאָזטען קאָפּ.

נ י ס ן   אַ ל ט ע ר

כ׳ווייס, אז דיר ווילט זיך נישט אָוועקפאָהרען פון דאַנען.

ב ר ו ך   מ ש ה

ווען יעמאַלט בעהאַלט מען נישט מיינע זאכען וואַלט איך שוין דאָ לאַנג נישט געווען.

נ י ס ן   אַ ל ט ע ר

דו ווייסט ווער ס׳האָט בעהאַלטען דיינע זאכען?

ב ר ו ך   מ ש ה

זעלדע מסתמא.

נ י ס ן   אַ ל ט ע ר

דאָס האָט לאה דאָבע געטהאָן.

ב ר ו ך   מ ש ה

כ׳ווייס דו ביזט אויף מיר ברוגז געווען, ווען ס׳מאַכט זיך נישט ראש השנה וואַלט איך...

נ י ס ן   אַ ל ט ע ר

כ׳ווייס, אז דו וועסט נישט אָוועקפאָהרען.

ב ר ו ך   מ ש ה

איך וויל דיר אין וועג אריין נישט קריכען.

נ י ס ן   אַ ל ט ע ר

וואָס מיינסטו?

ב ר ו ך   מ ש ה

איך וויל חתונה האָבען מיט לאה דאָבען. זי געפעלט מיר בעסער.

כ׳וועל וויסען אז כ׳האב א ווייב אין שטוב, נישט קיין טייוועל.

נ י ס ן א ל ט ע ר

דו קענסט מיט לאה דאבען נישט חתונה האבען.

ב ר ו ך מ ש ה

וואס, זי וועט מיר נישט וועלען?

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך נעהם לאה דאבען.

ב ר ו ך מ ש ה

דו נעהמסט זי נישט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך האב שוין היינט גערעדט מיט נחמן בער׳ן.

ב ר ו ך מ ש ה

איך זאג, אז דו נעהמסט זי נישט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

וואס הייסט, דו זאגסט? קענסט מיר פארווערען?

ב ר ו ך מ ש ה

אודאי פארווערען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

נעהם זעלדען.

ב ר ו ך מ ש ה

איך בין דיר מוחל. דו האסט דאך געקראפירט נאך איהר.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איצטער נעהם איך לאה דאבען.

ב ר ו ך מ ש ה

כ׳מיין, אז דו לאכסט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך לאך גאר נישט. שוין אנ׳אבגעמאכטע זאך.

ב ר ו ך מ ש ה

האסט גערעדט מיט איהר?

נ י ס ן א ל ט ע ר

כ'האָב גערעדט מיט נחמן בער'ן.

ב ר ו ך מ ש ה

איז נאָך גאר נישט! איך גײה רעדען מיט איהר.

גײהט ארויס.

נ י ס ן א ל ט ע ר

װארט אביסעל, איך װעל דיר זאָגען.

ז ע ל ד ע

קומט אַן פערוױינט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

װאָס האָט עפּעס זעלדע געװײנט?

ז ע ל ד ע

ענטפערט נישט. זעצט זיך אַנידער אויפ'ן האָרנע און װישט די טרערען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

װאָס װײנסטו?

ז ע ל ד ע

אַ נאר בין איך געװען װאָס כ'האָב גאר אפילו גערעדט צונ'איהם.

נ י ס ן א ל ט ע ר

דו ביזט נישט געװען.

ז ע ל ד ע

כ'װײס, װײל איך בין נישט געװען איז דאריבער.

נ י ס ן א ל ט ע ר

כ'האָב מיר ארומגעזעהן אז לאה דאָבע איז טאקע אנ'עלטערע.

ז ע ל ד ע

װאָס האָב איך צו רעדען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

זי איז דאָך דײנע אַ שװעסטער. װאָס איז דער חלוק?

ז ע ל ד ע

װישט די טרערען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

מיינסט אפשר, אז לאה דאָבע האָט עפּעס גערעדט, אדרבה נאָך היינט האָט זי געזאָגט, אז זי בענקט נאָך דיר.

ז ע ל ד ע

וואָס האָסטו גערעדט מיט איהר?

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך האָב מיט'ן טאַטען גערעדט. ביזט דאָך געלאָפען איהר דער־צעהלען?

ז ע ל ד ע

וואָס האָב איך איהר צו דערצעהלען? כ'האָב געמיינט דו לאַכסט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

פון וואַנען ווייסטו איצטער, אז כ'האָב עס נישט געמיינט אויף א געלעכטער?

ל א ה ד א ב ע

קומט אַן.

זעלדע קום אין שטוב וועסטו עפּעס עסען. זי קושט זי. וואָס וויינסטו? וואָס וויינט זי, ניסן אַלטער?

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך וויים נישט וואָס זי וויינט.

ל א ה ד א ב ע

איהר האָט זיך ביידע געקריגט?

נ י ס ן א ל ט ע ר

זי האָט אייך גאר נישט געזאָגט?

ל א ה ד א ב ע

וואָס האָט זי מיר געהאט צו זאָגען? ברוך משה פאָהרט אוועק.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ער פאָהרט טאַקע?

ל א ה ד א ב ע

ער זאָגט, אז ער פאָהרט אוועק מיט דעם אידען. עס ציהט איהם אין שטאָדט אריין.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ער האָט צוג'איך נישט גערעדט איצטער?

ל א ה ד אַ ב ע

וואָס האָט ער געהאַט צו רעדען מיט מיר.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך בין איהם א בעלן צו געהן זעהן.

גערט אַרויס.

ל א ה ד אַ ב ע

וואָס וויינסטו?

ז ע ל ד ע

דו האסט מיר אימישנע איינגערעדט איך זאל דארטען בלייבען און דו האסט דאָ אויף מיר אנגערעדט.

ל א ה ד אַ ב ע

ווער האָט עס דיר געזאגט?

ז ע ל ד ע

איך פערשטעה אליין.

ל א ה ד אַ ב ע

זעה וואָס פאר א שלעכץ דו ביזט. האָסט קיין מורא נישט אפילו פאר יום כפור.

ז ע ל ד ע

וואָס האָסטו מיר אנגערעדט איך זאל דאָרט בלייבען? מיינסט איך פארשטעה גאר נישט. כ'וויים איך בין דיר געלעגען אויפ'ן קאָפּ.

ל א ה ד אַ ב ע

מארגען איז ערב־יום־כפור און דו זינדיגסט אזוי.

ז ע ל ד ע

דו בעדארפסט נישט אברעדען ניסן אלטער'ן פון מיר. ניסן אלטער איז מיין חתן, דו ווייסט?!

ל א ה ד אַ ב ע

וואָס שרייסטו אויף מיר. זאל איך צער האָבען אויב איך האָב גע־

רעדט א ווארט צו איהם. איך האָב נאָך היינט דיך געלויבט פאר איהם ווען כ'האָב איהם אריינגעטראגען געבראטענע קארטאפעל אין קוזשנע אריין.

ז ע ל ד ע

אט זעהסטו שוין, וואס האסטו איהם צו טראגען קארטאפעל אין קוזשנע אריין?

ל א ה ד אָ ב ע

וואס איך טאָר נישט?

ז ע ל ד ע

דו טאָרסט נישט! וועסט עס טהאָן נאָך אמאָל וועל איך דיר די אויגען אויסדראפען.

ל א ה ד אָ ב ע

כ'האָב גאר נישט געוואוסט אז דו ביזט אזוי פארקאכט אין ניסן אלטער'ען.

ז ע ל ד ע

אזוי, זי האָט נישט געוואוסט, האָט מיר אנגערעדט איך זאָל דאָרט בלייבען...

וויינט אויפ'ן הויכען קול.

שא, וויין נישט אזוי הויך, מען קען נאָך דערהערען.

ש מ ו א ל ש מ ח ה און דער א י ד קומען אריין.

ד ע ר א י ד

כ'האָב מחזורים זעהר ווּאָלוועל, פאר שפאָט־אומזיסט.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

קום נאָר אהער, זעלדע, קענסט לייענען די אותיות?

ד ע ר א י ד

פאר די מיידלעך קויפט מחזורים. וועלען דאָך מסתמא חתונה האָבען. איהר קענט דאווענען? כ'האָב פאר אייך א סידור מיט עברי־טייטש.

נ ח מ ן ב ע ר

קומט אריין מיט שפאקולען אויפ'ן נאָז, טראגט אָ סידור.

ל א ה ד אָ ב ע און ז ע ל ד ע גײען בײדע אַרױס. אײנע רעכטס און די אַנדערע לינקס.

ד ע ר א י ד

איך זאָג, אַז איהר זאָלט קױפען מחזורים פאַר די טעכטער, כ׳װעל אָבגעבען װאָלװעל.

נ ח מ ן ב ע ר

קוקט אין ספר.

די אותיות אביסעל צו קלײן.

ד ע ר א י ד

מיט גרעסערע אותיות קאָסט טײערער.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

װײסט, מײן זוהן, אַז מײן סדור געפעלט מיר בעסער. מעהר נישט װאָס פון פּאַרענט זענען אױסגעריסען די בלעטלעך.

ד ע ר א י ד

אַנ׳אתרוג אױב איהר װילט קען איך אײך װאָלװעל פערקױפען. אַט װעל איך באַלד אַרײנברענגען.

גײט אַרױס.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

אױב ער זאָל נישט װעלען צו טײער װאָלט איך דיר הײסען מײן זוהן דו זאָלסט נעהמען אַנ׳אתרוג. אפשר װעלען די אײנגלעך געבען צו שטײער.

ב ר ו ך מ ש ה און אַ ל ט ע ר נ י ס ן קומען אַרײן.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

אַט זענען זײ, װעט געבען צו שטײער װעט מען נעהמען אַנ׳אתרוג בײם אידען.

ב ר ו ך מ ש ה

איך פאָהר סײ װי אַװעק.

נ ח מ ן ב ע ר

װאוהין פאָהרסטו, אין שטאָדט אַרײן?

ב ר ו ך מ ש ה

איך פאהר אוועק מיט דעם אידענס פוהר.

נ ח מ ן ב ע ר

מיר פאהרען אלע דאך מארגען אין שטאָדט אריין.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ער פאהרט אוועק אינגאנצען.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

וואס הייסט? עס פעהלט דיר צו עסען?

ב ר ו ך מ ש ה

סיי ווי פאר צוויי מענשען קנאפּ מלאכה.

נ ח מ ן ב ע ר

נאך יום־טוב וועט זיך מאכען מעהר מלאכה, און, נאך אלעמען, זיי שוין איבער דאָ יום טוב.

ד ע ר א י ד

קומט אַריין אָנגעלאדען מיט סידורים, מחזורים אין אַ קעסטיל וואו ער האלט אַתרוגים.

פערשפּרייט עפּעס אויף דער ערד.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

אַט וועל איך מיין קאפּטען אויסשפּרייטען, אַט אזוי...

ד ע ר א י ד

יונגע לייט, איהר קענט געבען צו לייזען.

נ ח מ ן ב ע ר

אנ׳אתרוג וועלען מיר נעהמען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך גיב צו שטייער. דו וועסט געבען צושטייער, ברוך משה?

ב ר ו ך מ ש ה

איך ווייס נישט.

ד ע ר א י ד

נישט טייער, פּאוואליע, נעהמט עס נישט אַרויס פון די פלאקס, פּאוואליע, ברעכט נישט אָפּ דעם פּיטום... איי, די הענט באנ׳אייך.

יונגערמאן, איינגעשמירט אין פאזשע, איהר וועט מאכען שווארץ.

נ י ס ן א ל ט ע ר

אנ'אתרוג איז אנ'איידעלע זאך.

ד ע ר א י ד

ווערט באלד שווארץ אז מען האלט איהם אין דער האנט.

נ ח מ ן ב ע ר

וואס ווער עס אנטרעפען?

ד ע ר א י ד

מען ווער אויסקומען. און מחזורים נעהמט איהר?

נ י ס ן א ל ט ע ר

ס'איז שוין באלד נאך יום טובים.

ד ע ר א י ד

און איבער א יאהר? יום כפור איז דאך דער עיקור.

ב ר ו ך מ ש ה

איהר ווער מיך מיטנעהמען אויף אייער פוהר, רב איד?

ד ע ר א י ד

פאר וואס נישט. אויסשלאגען דעם האבער פאר'ן פערד. וואוהין פאהרסטו עס?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

עט וואס ער רעדט, בלייב דא וועסטו צושטייער געבען אויף אנ'אתרוג.

ד ע ר א י ד

א לולב האב איך אויך נישט טייער.

נ ח מ ן ב ע ר

א לולב האב איך א פאראיאהר'דיגען.

ד ע ר א י ד

זעהט איהר, פאראיאהרען האט איהר אויך געהאלטען אליין אנ'אתרוג.

נ ח מ ן ב ע ר

צייטען געווען בעסערע.

דער איד

וואס, קנאפלאך מלאכה? גאט וועט העלפען. וועל איך פערדינען באנ'אייך שדכנות?

נחמן בער

ווארום וואס?

דער איד

כ'זעה גאר, די יונגע־לייט פרעמדע. כ'האב געמיינט פריהער, אז דאס זענען אייגענע קינדער — צום סוף גאר פרעמדע.

ברוך משה

פון וואנען ווייסט איהר, אז מיר זענען נישט קיין קינדער?

דער איד

וואס מיינסטו, כ'בין א נאר? כ'הער דאך אז ער וויל אוועקפאהרען. קיין מלאכה נישטא, זאגט ער.

שמואל שמחה

מישט אין א סידור.

אט איז עס... ביי מיר אין סידור איז עס אויסגעריסען. זינגט. אודה לאל לבב חוקר ברן יחד כוכבי בוקר.

דער איד

מיר וועלען אייך פערקויפען א סידור און נישט טייער, כ'וויל אבער איצטער פערדינען שדכנות.

שמואל שמחה

מהיכא תיתא.

דער איד

וויפיעל גיט איהר נדן אייערע טעכטער? ווי רופט מען אייך?

נחמן בער

נחמן בער רופט מען מיך.

דער איד

וויפיעל גיט איהר נדן אייערע טעכטער, רב נחמן בער?

נחמן בער

נדן? ווער האט עס אויפ'ן דארף נדן?

ד ע ר א י ד

וואָס טויג עס אַהן נדן?

נ י ס ן א ל ט ע ר

וואו זענען אייערע חתנים?

ד ע ר א י ד

חתנים? כ'האָב זיי אין וואגען. אַט זענען חתנים. כע, כע, כע... כ'בעדאַרף זיי געהן זוכען?

ב ר ו ך מ ש ה

איהר האָט שוין א סך שדוכים אויסגעפיהרט?

ד ע ר א י ד

זאל נאָר רב נחמן בער געבען נדן...

נ י ס ן א ל ט ע ר

און ווי איז אויב דער חתן וויל קיין נדן נישט?

ד ע ר א י ד

עס שאַדט נישט אביסעל נדן; איהר ווילט חתונה האָבען, יונגע לייט?

ש מ ו א ל ש מ ח ה

שוין צייט, פאַר זיי חתונה צו האבען. קענען פערדינגען אויף ברויט.

ד ע ר א י ד

ווי איך בין א איד, איך וועל פערדינגען שדכנות. רב נחמן בער, וואָס זאגט איהר?

נ י ס ן א ל ט ע ר

איהר פערשפּאָרט אייער טרחה, מיר זענען שוין חתנים.

ד ע ר א י ד

פון וואנען, פון ווייט? א שאָד... נו, האָב איך אנדערע חתנים פאַר אייערע טעכטער. כ'האָב פון שטאָדט א וואוילען בחור.

נ ח מ ן ב ע ר

איך האָב נישט קיין נדן. וואו האָט מען עס ביי היינטיגע צייטען נדן פאַר קינדער.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

אַט דער יונגערמאַן איז נאָך נישט קיין חתן.

ד ע ר א י ד

און ווער איז דיין כלה?

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

וואָס מאַכט עס אייך אויס?

ד ע ר א י ד

נו איז דער יונגערמאַן, דו האסט שוין אויך כלה?

ב ר ו ך מ ש ה

ווען פאָהרט איהר, וויל איך וויסען?

ד ע ר א י ד

כ׳וועל ס׳פערדעל אנפּאשען און, אז כ׳בין שוין יאָ ביי אַ שמיד וועל איך לאָזען די פּאדקעוועס איבערשמידען. דאָס האָט מיר ס׳מיי־דעל צוגעזאגט. כ׳וויל נישט קיין געלט פאר דעם וואס כ׳האָב זי גע־פיהרט.

ב ר ו ך מ ש ה

וועל איך געהן איינפּאקען מיינע זאכען.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

פערשטעלט איהם דעם וועג.

דו פאָהרסט נישט.

ב ר ו ך מ ש ה

איך פאָהר שוין יאָ.

געהט אַרויס.

נ ח מ ן ב ע ר

וואָס איז עס איהם אריין אין קאָפּ פאר יום טוב אוועקצופאָהרען? געה, ניסן, רעד מיט איהם איבער.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

געהט אַרויס.

ד ע ר א י ד

פיינע בחורים, ווי לאָזט איהר זיי עס איין? איהר האָט טעכטער

אין שטוב.

נחמן בער

לאכט.

דאָס מאכט ער הזיק, ער נעהמט מיין טאכטער.

דער איד

אזוי, אָהן נדן! פיש פיש... געקענט פערדינען שדכנות. איהר האָט שוין געשריבען תנאים?

נחמן בער

נאָך נישט.

דער איד

קען איך דאָך נאָך האָבען שדכנות.

שמואל שמחה

איך זאָג אויך, מען בעדאַרף דעם בחור נישט אבלאָזען.

דער איד

דאָס איז עס די כלה, די וואָס ס׳איז מיט מיר געפאָהרען?

נחמן בער

כ׳מיין אז ער נעהמט די גרעסערע.

דער איד

א שאַד, געקענט פערדינען שדכנות.

נחמן בער

איהר קענט עס נאָך. די קלענערע...

דער איד

וואויל ווי די וועלט, איך נעהם איהם נישט מיט, דעם יונגאַטש. וואו איז ער?... ער וויל פאָהרען — כ׳נעהם איהם נישט מיט!

נחמן בער

ווייזט אוים איהם געפעלט נישט מיין שטוב. אפשר איז ער נישט צופרידען מיט׳ן עסען. מיט געוואַלד א מענשען וויל איך נישט האַלטען.

דער איד

וואָס הייסט, איך לאָז איהם נישט ארויף אויפ׳ן פוהר. ווער וועט

איהם נעהמען מיט זיך?...

ל א ה ד אָ ב ע

קומט אַן.

טאַטע, ברוך משה פאָהרט אוועק.

נ ח מ ן ב ע ר

איך האָב שוין געהערט. רעד דו איבער מיט איהם אפשר וועט ער בלייבען.

ל א ה ד אָ ב ע

זאָל זעלדע מיט איהם איבעררעדען.

ד ע ר א י ד

א שאָד וואס דו ביזט שוין א כלה, כ'האָב געקענט פערדינען שדכנות.

ל א ה ד אָ ב ע

פאַרשעמט.

איך בין נישט קיין כלה.

ד ע ר א י ד

איז דאָך וואויל ווי די וועלט!

ש מ ו א ל ש מ ח ה

דער איד קען זיין א וואוילער שדכן.

נ ח מ ן ב ע ר

ניסן אלטער האָט גערעדט מיט מיר. היינט האָט ער גערעדט מיט מיר. ער וויל, זאָגט ער, זיין מיין איידעם.

ד ע ר א י ד

א פיינער בחור. א שארפער בחור. דאָס איז דער וואָס וויל אוועק־פאָהרען?

נ ח מ ן ב ע ר

ניין, ס'איז דער אַנדערער.

ד ע ר א י ד

אויך א שארפער בחור. געפעלט מיר אויך.

נ ח מ ן ב ע ר

וואס זאגסטו, מיין קינד. ער האט גערעדט מיט דיר אויך?

ל א ה ד א ב ע

צוטומעלט.

וועמען מיינסטו?

נ ח מ ן ב ע ר

איך מיין ניסן אלטער'ן.

ל א ה ד א ב ע

מסתמא האסטו נישט גוט געהערט.

נ ח מ ן ב ע ר

ווייסט, נישט גוט געהערט? ער האט מיר געזאגט אז ער וויל ווע־
רען מיין איידעם.

ל א ה ד א ב ע

האט ער עס געמיינט מיך, פון וואנען ווייסטו?

ד ע ר א י ד

הייסט עס נאךביידע נישט קיין כלה'ס, וואויל די וועלט. לאזט נאר
מיר, איך וועל עס אלצדינג קלאר מאכען.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

אט לאז דעם אידען; ער וועט זיך מיט די אינגלעך דורכרעדען.

ל א ה ד א ב ע

עס קען דאך נישט געמאלט זיין ער זאל מיט דיר אזעלכעס רעדען.

ד ע ר א י ד

וואו זענען זיי, די יונגע לייט?

נ ח מ ן ב ע ר

וואס, מיין טאכטער, ער נעהמט דיך ווי דו שטעהסט און געהסט.
אהן א גראשען נדן.

ד ע ר א י ד

שווער אזעלכעס אין היינטיגע צייטען. אבי א אינגעל — וויל נדן.

ל א ה ד א ב ע

איך פערשטעה נישט די גאנצע זאך... איך וויל זעלדע זאל פריהער

חתונה האָבען. זי איז די עלטערע.

נ ח מ ן ב ע ר

יא, ס'איז טאקע אמת; אפשר ביזטו געדעכט. צום אידען. איהר פער־שטעהט זיי זענען ביידע א צווילינג. אבער יענער איז פריהער געבוירען געוואָרען. די האָט זיך נאָר ארויסגעכאפּט, קיין עין הרע, די גרעסערע. אבער ער האָט מיט מיר גערעדט היינט.

לאַה דאָבע

לויפט ארויס.

נ ח מ ן ב ע ר

וואוהין לויפסטו?

ד ע ר א י ד

האָט זיך פערשעהמט. כע כע... קומט אין שטוב אריין. דאָרטען וועט־לען מיר זיך מיט זיי דורכשמועסען. אנ'איינפאל אביסעל, ער וויל נאָר אוועקפאָהרען. — ווער וועט איהם דען נעהמען אויפ'ן פוהר.

אַלע געהען אין שטוב.

ז ע ל ד ע

לויפט אריין.

לאַה דאָבע

לויפט איהר נאָך.

וואוהין אנטלויפסטו, קום אהער זאָג איך דיר.. איך שווער דיר אויף מיינע נאמנות, אז אזוי האָב איך דעם טאַטען אויך געזאָגט.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

קומט אריין.

לאַה דאָבע

אַט קומט אהער, ניסן, קומט אהער, זאָגט איהר, וואס האָב איך מיט אייך גערעדט. אויף מיינע נאמנות, איך וויים נישט פון וואס צו זאָגען.

ז ע ל ד ע

פערדעקט איהר געזיכט, זיצט אויפ'ן הארנע.

נ י ס ן א ל ט ע ר

דו, זעלדע, קענסט איהם זאגען ער זאל נישט אוועקפאהרען.

ז ע ל ד ע

פון מיינעטוועגען קען ער פאהרען.

ל א ה ד א ב ע

אט איז ניסן אלטער, זאגט פאר איהר און פאר מיר אין די אויגען, וואס האב איך מיט אייך גערעדט? איך ווייס נישט פון וואס צו זאגען. וואס מיינסטו איך בין א נאר? און, אז איך בין אפשר דיינע א שוועסטער, האט אנדערש געמעגט זיין. אבער איך בין דאך אנ־דערש. מיר וועט זיין א פרייד אז מיין שוועסטער וועט זיין גוט.

ז ע ל ד ע

וויינענט.

ס'איז נישט אמת, דו זאגסט א ליגען!

נ י ס ן א ל ט ע ר

אט הער זיך איין וואס איך וועל דיר זאגען.

ז ע ל ד ע

ס'איז נישט אמת, נישט אמת... זי האט געוואלט איך זאל בלייבען אין שטאדט.

ל א ה ד א ב ע

איך בין א נאר וואס איך רעד אפילו מיט דיר. איך הער עפעס וואס דער טאטע זאגט און כ'פערשטעה נישט, כ'ווייס נישט פון וואס צו זאגען.

ב ר ו ך מ ש ה

קומט אריין.

ווער האט ווידער בעהאלטען מיינע זאכען? ווער האט עס געטהאן?

ל א ה ד א ב ע

איך האב די זאכען בעהאלטען.

ב ר ו ך מ ש ה

פאר וואס?

ל א ה ד אַ ב ע

אזוי. איך ווייס נישט פאר וואס.

ב ר ו ך מ ש ה

און איהר וועט זיי מיר נישט אבגעבען?

ל א ה ד אַ ב ע

ניין. איהר האָט נישט וואס אוועקצופאהרען פון דאנען.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

מארגען איז ערב יום כפור, ס'איז אנ'עולה וואס מען קריגט זיך. זעלדע איז א שלעכע, דו הערסט, זעלדע, ביזט א שלעכע.

ל א ה ד אַ ב ע

איך האָב צו איהר גאר נישט. איך בין אויף איהר נישט אין כעס.

ב ר ו ך מ ש ה

הער זיך איין, ניסן אלטער, איך וויל דו זאלסט מיר אין וועג נישט קריכען.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

נישט איך האָב דיינע זאכען בעהאלטען.

ב ר ו ך מ ש ה

איך מיין נישט מיינע זאכען. מיינע זאכען וועל איך געפינען, אז כ'וועל וועלען.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

וואָס קוקסטו אזוי אויף מיר ווי אויף אַ שונא. איך בין דיר נישט קיין שונא.

ב ר ו ך מ ש ה

ניין, ביזט מיר נישט קיין שונא? נו וועלען מיר הערען... לאה דאבע, מאָרגען איז ערב יום כפור, אָט ליגען דאָ הייליגע ספרים אויף דער ערד... איך זאג אייך דעם אמת, איך וויל פון דאנען נישט אוועק־געהן.

ז ע ל ד ע

קוקט צעשומעלט.

נ י ס ן א ל ט ע ר

נו, זאג וואס דו מיינסט!

ב ר ו ך מ ש ה

כ'האב מיר נישט וואס צו שעמען — דו קריכסט מיר אין וועג אריין און כ'זאג דיר אז ס'איז אנ'עולה.

נ י ס ן א ל ט ע ר

זאג וואס דו מיינסט.

ב ר ו ך מ ש ה

איך האב לאה דאבען געוואלט און לאה דאבע האט מיך אויך גע־וואלט, ווייס איך נישט איצטער וואס דו ווילסט האבען.

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך בין אין דעם נישט שולדיג.

ב ר ו ך מ ש ה

קיינער איז אין דעם נישט שולדיג. נאר דו אליין.

נ י ס ן א ל ט ע ר

ווייזענדיג צו זעלדען.

זי איז שולדיג. איצטער שווייגט זי... איך בין דיר אין וועג אריין נישט געקראכען. בלייב זיך דא געזונדערהייט. איך וואהר אוועק היינט. כ'האב דא נישט וואס צו טהאן.

ל א ה ד א ב ע

נעה, זעלדע, בעהאלט זיינע זאכען, גיכער!

נ י ס ן א ל ט ע ר

וועל איך אהן די זאכען אנטלויפען פון דאנען, ס'איז מיר שוין מיאוס געווארען אליץ מיט אנ'אנדער. פערדרעט מיר דעם קאפ.

ב ר ו ך מ ש ה

נו, אויב אזוי וועל איך אוועקפאהרען. אויב איך קריך דיר אין וועג אריין, זאל זיין!

ל א ה ד א ב ע

איך ווייס אן זעלדען נאר נישט וואס צו זאגען.

ווישט די טרערען.

נ י ס ן אַ ל ט ע ר

איהר, לאה דאַבע, זענט געווים נישט שולדיג. איהר האָט ביי זעלדען נישט וואס צו פרעגען. יעדערער איז ביי זיך אליין א בעל־הבית.

ל א ה ד אַ ב ע

ענטפערט נישט.

ז ע ל ד ע

זי האָט ביי מיר נישט וואס צו פרעגען.

דער איד און נאָך איהם נחמן בער און דער אַלטער קומען אַן.

ד ע ר א י ד

זענען זיך גאר צולאפען די יונגווארג. אַט זענען זיי... צולויפט זיך נישט. כ'וויל שדכנות געלד פערדינען. וועלכע, זאגט איהר, איז שוין א כַלה? מארגען איז ערב יום כפור; א גוטע צייט צו טהאָן א זאך מיט א ריינעם הארצען... א וואסערע איז עס די כלה?

ב ר ו ך מ ש ה

בעווייזט אויף לאה דאַבען.

זי איז מיין כלה, שעם זיך נישט, לאה דאַבע.

נ ח מ ן ב ע ר

הייסט עס גאַר...

ד ע ר א י ד

דו פאהרסט דאך אוועק, דו שקץ איינער!

ב ר ו ך מ ש ה

איך פאַהר נישט.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

וואוהין וועט ער דען פאהרען?

נ ח מ ן ב ע ר

איך האַב, הייסט עס, געהאט א טעות. ער האָט היינט מיט מיר גערעדט. ניסן אלטער, וועמען האסטו געמיינט, די גרעסערע אָדער די עלטערע?

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך האָב געמיינט די עלטערע.

נ ח מ ן ב ע ר

הייסט עס גאר זעלדען.... הייסט עס גאָר איך האָב א טעות געהאַט. כא־כא־כא...

ד ע ר א י ד

ווייסטו אויך, אז דער איד האָט נישט קיין נדן?

נ י ס ן א ל ט ע ר

איך ווייס בעסער פון אייך.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

נאָך יום טוב וועט מען שיקען נאָך זייערע טאַטעס... אַנ׳איינפאַל....

ד ע ר א י ד

מארגען איז דאָך ערב יום כפור, איהר ווייסט עס. איהר ט׳עס גע־דענקען — יונגאטשעס?

נ י ס ן א ל ט ע ר

כ׳האָב עס שוין פאר ראש השנה געוואוסט.

ל א ה ד א ב ע

גערט צו זעלדע׳ן, נעהמט זי אַרום און קושט זי.

נ ח מ ן ב ע ר

העלפט מיר אויסקלייבען א שעהנעם אתרוג. כ׳בעדארף היינטיגעס יאהר נישט קיין שותפים.

אַלע זעצען זיך אַרום קעסטעל אתרוגים. קלייבען.

ש מ ו א ל ש מ ח ה

זינגט.

אודה לאל לבב חוקר ברן יחד כו־כבי בו־קר.

ע נ ד ע .

אַ פֿערוואָרפֿען ווינקעל

1913.

פערזאנען:

נאטע, א קברן.

קריינע, זיין ווייב.

צירעל, זייער טאכטער.

טודרוס, נאטע'ס פאטער.

חיים הערש, האט אין שכנות א ווינד־מיהל.

קריסעל, זיין ווייב.

נח } זייערע קינדער
חיה }

דאבע

כאצקעל.

ערשטער אקט

אַנהייב פריהלינג. פריהמארגען. אויף אַ בית עולם. די זון, העל און ווארעם, האָט זיך שוין ארויסגעהויבען אויפ׳ן הימעל. אַ גלייכער פּלאַץ אָהן קברים. די גראָז גרינט שוין. רעכטס, אין הינטערגרונד צוויי הייזער. טיעפער ברייט זיך אויס דער בית־עולם, די קברים טהיילווייז פון דער זון בעלויכטען. אַנ׳אַלטער הילצערנער צוים רינגעלט דעם בית עולם אַרום.

טודרוס

אַ גאַנץ אַלטער מאַן, הויך געוואקסען, אָבער דער רוקען שוין גע־בויגען. ער קומט אָן פון צווישען די קברים געהענדיג הינטערריקס. ער רעדט דאָרט צו אימיצען אין דער זייט.

געזעהן א מאָל, אַ ציעג זאָל האָלט האָבען נאָר צווישען די קברים אומצוקריכען. ביי נאכט האסטו געמעגט און איצטער טאָר מען נישט. מענשען וועלען אַנקומען; בעדארפסטו נישט זיין צווישען די קברים,

נח

בעוויזט זיך פון אַנדערען זייט צוים, שרייט אַריבער.

גוט מארגען, רב טודרוס!

טודרוס

ווער איז עס? נח? קום אריבער. וואס שטעהסטו דאָרטען?

נח

איך בין אויסגעשמירט אין מעל, די מתים קענען זיך פאר מיר דער־שרעקען.

טודרוס

כע, כע... די מתים ווי די מתים — די ציעג קענסטו טאקע דער־שרעקען.

נח

און איהר פיהרט זיך נאָך אַלץ ארום מיט דער ציעג?

ט ו ד ר ו ס

א פּיקחת; קלוג ווי א מענש. זעהסט ווי זי בעלעקט זיך. דאָרטען צווישען די קברים, זאָגט זי, איז די גראָז געשמאַקער. נו, קום אַריבער, האָסט קיין צייט נישט? שפּרינג אַריבער! אָט אַזוי...

נ ח

שפּרינגט אַריבער איבער'ן צוים.

ט ו ד ר ו ס

אַז מען איז יונג בעדאַרף מען נישט קיין טיר און נישט קיין טויער... כע־כע, ביזט פערמעליגט.

נ ח

נאָך היינטיגע נאַכט מיט אַן אויג נישט צוגעטהאָן.

ט ו ד ר ו ס

געהערט: דער ווינד געריסען א גאַנצע נאַכט. דער ווינד געוועזן פון מזרח־צפון. ס'האָט זיך געלאָזט הערען דאָס קלאַפּען פון מיהל.

נ ח

נישט קיין גלייכער ווינד געוועזן. כ'האָב נישט געקענט מיט אַן אויג צוטהאָן. כאַפּט דער ווינט פון מזרח־צפון — רייסען שדים: הויב אויף דעם שטיין, לאָז צו דעם שטיין — פערקויפט ווי א הונד צו אַלדע שוואַרץ יאָהר.

ט ו ד ר ו ס

ווער איז איצטער אין מיהל?

נ ח

דער טאַטע איז שוין אויפגעשטאַנען.

ט ו ד ר ו ס

איך וואָלט געוועזן א בעלן צוצוגעהן צום מיהל.

נ ח

איהר בעדאַרפט עפּעס האָבען?

ט ו ד ר ו ס

כ'האָב געוואָלט זעהן דעם טאַטען דיינעם... איבעררעדען מכח אַן עניין.

נ ח

אי, האָבען נעכטען די ווייבער געוויינט אויפ'ן בית עולם. מען האָט אזש ביי אונז אין מיהל געהערט.

ט ו ד ר ו ס

האָב זיי א גוט יאָהר, די ווייבער. האָבען נישט קיין דאגות, קלאָ־גען זיי. כ'וואָלט זאָגען אייגענע — קומען אַן פרעמדע ווייבער און צולאָזען זיך אויפ'ן געוויין.

נ ח

וויפיעל לויות נעכטען געווען?

ט ו ד ר ו ס

צוויי... אייגענע ווייבער קלאָגען אויס די אויגען אין דער היים; אויפ'ן בית עולם שווייגען זיי שוין; נאָר אַז עס טהוט א קלונג דער ערשטער רידעל ערד אויף די ברעטער — טהוט עס ווי מיט א מע־סער א שטאָך; טהוען נאָך אנדערע, וויינען א ביסעל...

נ ח

ווי לאַנג וואוינט איהר שוין דאָ?

ער זעצט זיך נעבען אַלטען אויף אַ באַנק, וואָס נעבען צוים.

ט ו ד ר ו ס

זיבען און דרייסיג יאהר. מיין נאָטע איז נאָך יעמאָלט געווען אזא שנעק ווי דו. אייער מיהל איז נאָך יעמאָלט דאָ נישט געשטאַנען. כע, כע, איך געדענק, אַז דיין מאַמע קרייסעל האָט דיך נאָך אויף די הענט געדזשוויגעט.

נ ח

די מיהל איז שוין אלט. מען האָט זי שוין געמעגט איבערשיטען. אַז ס'איז א שטאַרקער ווינד האָב איך מורא צו לאָזען די פליגעל אויף אלע פלאַכטעס.

ט ו ד ר ו ס

זי קרעכצט, האַ?

נ ח

א־אַ, קרעכצט זי, די מיהל! ווי א לעבעדיגער מענש!

טודרוס

א מאָל איז געווען כשוף אין די ווינד־מיהלען.

נח

דער טאַטע דערצעהלט, אז ביי זיין זיידען האָט מען מיט כשוף די שטיינער פון מיהל ארויסגעפיהרט.

טודרוס

אנ׳אַלטע מעשה. אליין מיט מיינע אויגען געזעהן. א מיהל געלעגען איבערגעקעהרט און די שטיינער, איינער נעבען אנדערען, זיך פערקייקעלט אזש הינטער׳ן בארג.

נח

אזוי! שווערע שטיינער געווען?

טודרוס

בעדארפט האָבען פיער פאָר אקסען יעדען שטיין צוריק ארויפצושלעפען.

נח

איינס נעבען אנדערען געלעגען?

טודרוס

ביידע פון מיהל זיך ארויסגעקייקעלט.

נח

דאָס איז געווען אבגעטהאָן?

טודרוס

אבגעטהאָן! ווי דען? ס׳איז געווען א דייטש׳ס ארבייט. האָט זיך ארומגעשלעפט אין דער געגענד מיט א האַק און א זעג אויפ׳ן פּלייצע — ארבייט געזוכט אין די מיהלען — מען האָט איהם נישט געוואָלט אריינלאָזען; געווען א גנב — האָט ער א שפּיצעל אבגעטהאָן.

נח

און מען האָט איהם נישט צופּלעט דעם קאָפּ?

טודרוס

ווער וועט זיך געהן מיט איהם אָנהויבען!

נ ח

גענעצענדיג.

א, א, ווען עס טרעפט אויף מיר, וואָלט איך איהם געמאַכט פאַר אוים דייטש... עס שלעפערט!

ט ו ד ר ו ס

שוין געדאַווענט?

נ ח

כ׳בין ערשט איצטער פון מיהל ארויס....

ט ו ד ר ו ס

דאַווען אַב, ביים איבער און לעג זיך צו. ס׳איז גוט, אז מען וואַקסט אונטער און מען העלפט א טאַטען. ביזט א כוואַט. כע, כע... צירל זאָל עס וויסען, אז דו ביזט דאָ.

נ ח

פערשעהמט.

וואָס בעדאַרף זי עפּעס וויסען?

ט ו ד ר ו ס

כע־כע — מיר פערשטעהען זיך אויף טשוועקעס; מיר פערשטעהען זיך אויף א בר־מינן און מיר פערשטעהען זיך, אז ביי א פערדעל בייטען זיך די צייהנער.

נ ח

זי שלאָפט נאָך?

ט ו ד ר ו ס

אָט אזוי פרעג. זי שלאָפט נאָך.

נ ח

ווי מיינט איהר, דער ווינד וועט נאָך לאַנג אָנהאַלטען?

ט ו ד ר ו ס

קען זיך שטעלען געגען נאַכט. ס׳וועט ווערען וואַרימער.

נ ח

היינטיגע נאַכט נאָך געווען גוט קאַלט.

ט ו ד ר ו ס

האסט אַ פּעלץ?

נ ח

ווי דען? ס'איז אבער היינטיגע נאכט ווארעם געווען אָהן אַ פּעלץ. ס'האט מיר נישט געלאזט אויף אַ מינוט רוהען.

ט ו ד ר ו ס

דאָס איז גוט.

עס הערט זיך אויפ'ן בית־עולם אַ פרויען־שטימע, זינגט מעלאַנכאָליש, טרויעריג.

נ ח

ווער זינגט עס?

ט ו ד ר ו ס

אבער נישט צו מאכען מיט איהר! ווידער געקומען!

נ ח

ווער איז עס?

ט ו ד ר ו ס

מסתמא דאָבע. ווידער דאַ גענעכטיגט. האָט זיך פון מיר אויסבעהאלטען.

נ ח

אויפ'ן בית עולם גענעכטיגט?

ט ו ד ר ו ס

האָט זיך איינגעגנאדזשעט צווישען די קינדערשע קברים'לעך, א געלעגער זיך געמאכט. איהר גליק וואָס נאַטע איז איצטער נישטאָ.

נ ח

וואָס ארט איהם, אז זי שלאָפט דאָ?

ט ו ד ר ו ס

פון די מתים איז גענוג אויסצושטעהן, בעדארף מען נאָך האָבען לעבעדיגע?!

נ ח

האָט דאָרט אלע פינף קינדער איהרע.

ט ו ד ר ו ס

איז משוגע געוואָרען, ווען דאָס פינפטע איז אוועקגעשטאָרבען. איצטער זאָגט זי, אז דאָ איז איהר היים.

ד אָ ב ע

אין די מיטעלע יאָהרען, אויף איהר געזיכט א פערגליוועטע בעגייסטערונג וואָס פערשווינדט ניט. זי קומען אָן.

ט ו ד ר ו ס

מיט א געמאַכטע בייזקייט.

כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, זאָלסט אהער מעהר נישט געהן. וואַרט, נאָטע וועט ארויסקומען!

ד אָ ב ע

ווער וועט אכטונג געבען אויף מיינע קינדער, אז איך וועל ניט קומען?

ט ו ד ר ו ס

האָסט גערעדט מיט זיי?

ד אָ ב ע

איך האָב גערעדט מיט זיי.

נ ח

קום צו אונז, וועט די מאַמע דיר געבען צו עסען.

ד אָ ב ע

איך האָב דען נישט קיין היים?

ט ו ד ר ו ס

פאַר וואָס געהסטו נישט אהיים?

ד אָ ב ע

דאָ איז מיין היים. עס וועט ווערען וואַרימער, וועל איך מיינע קינדערלעך אבדעקען און אויף דער גאָס ארויספיהרען.

ט ו ד ר ו ס

אויף איהר קען מען גלויבען; וועט נאָך ביי נאַכט אויפגראָבען די קברים... הער נאָר דו, טראַכסט עס נישט א מאָל צו טהאָן? מען וועט דיר דיינע ביינער צוברעכען. וואָס מען האָט דער ערד אוועק-

גענעבען, נעהמט מען נישט צוריק.

ד אַ ב ע

שווייגט ווי פערשטיינערט און די טרעהרען פאַלען פון איהרע אויגען.

נ ח

זי וויינט.

ט ו ד ר ו ס

ווער געזונד, זיי א מענש, וועסטו אנדערע קינדער האָבען.

ד אַ ב ע

שווייגענדיג געהט זי אַוועק פון וואנען זי איז געקומען.

ט ו ד ר ו ס

שרייט איהר נאָך.

היט זיך, וואָרום נאָטע וועט באלד אויפשטעהן; ער וועט דיר ווייזען וואו דער טויער איז.

נ אָ ט ע

קומט אַרויס, טראָגט אַ לאָם און אַ רידעל.

גוט מארגען. דאָבע איז שוין ווידער דאָ?

נ ח

זי איז דאָ נאָר וואָס געווען.

נ אָ ט ע

נישט צו פערטרייבען זי פון דאנען. א וואָרימער טאָג, וואָס?

נ ח

שוין א פיינער גראז פארהאן. מען קען שוין דעם פערד ארויסלאָזען.

נ אָ ט ע

און די ערד איז נאָך אַלץ געפרוירען אין דער טיעף. קענסט נאָך אָהן דעם לאָם נישט אויסקומען.

נ ח

איהר לעגט נאָך פייער די ערד צו דערוואָרימען?

נ אָ ט ע

ס'איז אין גאנצען ביי א דריי פינגער די גרעב. שוין קיין דאגה

נישט. וואָלט נאָר אימיצער העלפען. נעכטען צוויי קברים גע־גראבען און היינט ווידער צוויי שוין זיכערע און אפשר וועט נאָך א דריטער צוקומען; מען רייסט זיך די גערערים ארויס... וואס טהוט דער טאַטע?

נ ח

איז אין מיהל.

נ אַ ט ע

זאָג איהם, אז ער איז א גרויסער נאר נישט.

נ ח

פאר וואס?

נ אַ ט ע

ער ווייס שוין פאר וואס.

ט ו ד ר ו ס

זאָג איהם גאר נישט.

נ אַ ט ע

דו, טאַטע, מיש זיך נישט! וועט ער נישט פאלגען מיט גוטען, וועט ער ברענען ווי א ליכט, וועט מען אונטערצינדען.

נ ח

אז מען האָט נישט געצונדען ביז איצטער —

נ אַ ט ע

וועט מען צינדען שפּעטער.

נ ח

איהר אליין וועט עס מאכען?

נ אַ ט ע

ס'איז שוין קיינעמס דאגה נישט ווער ס'וועט צינדען. ווען איך וואָלט דערלאָזען, האָט נאָך פאר צעהן־יאָהרען געקענט זיין א בארג אש אויף דעם אָרט וואו דיין טאַטען'ס מיהל שטעהט. מעגסט עס איהם זאָגען.

נ ח

איך... ס'איז נישט מיינע דאגות.

נ אָ ט ע

קום, טאַטע, וועסטו מיר העלפֿען דאָרט א שטיין אראָבקאָטשען. ס'ליגט דאָרטען א בארג שטיינער, געפֿעלט רב חיים יונה'ן דוקא אונטער זיי זיין טאַטען בעגראָבען. און דו רייס זיך די גערערים ארוים פֿון אלדע שווארץ יאהר. קום, טאַטע!

גערהט אַוועק אויפ'ן בית־עולם.

ט ו ד ר ו ס

האָב קיין מורא נישט. מען צינדט נאָך נישט. נאָר דיין טאַטע איז א נאַר.

נ ח

ער וויל נישט, נאָך א מיהל זאָל זיין אין שכנות.

ט ו ד ר ו ס

ווען נישט איך וואָלט ער דאָ יעמאָלט, נאָך זיין חתונה, קיין מיהל נישט געהאַט. ס'איז נישט פֿאַר זיינע כחות געווען.

נ ח

דער טאַטע וויל אליין נאָך א מיהל שטעלען.

ט ו ד ר ו ס

איז עס זיינע א זאַך. עס הערט זיך נאָטע'ס רופֿען „טאַטע!" באַלד קום איך. איך גערה שוין.

צ י ר ל

קומט אַרוים.

ט ו ד ר ו ס

אַט איז צירל, זאָג איהר גאָר נישט.

צ י ר ל

וואָס וועט איהר נישט זאָגען צירלען?

ט ו ד ר ו ס

אַוועקגעהענדיג.

ס'איז נישט קיינעמ'ס דאגה.

צ י ר ל

זאָג מיר, נח, וואָס האָט ער געמיינט?

נ ח

אזוי פריה ביזטו אויפגעשטאַנען!

צ י ר ל

פון וואָס האָט איהר גערעדט?

נ ח

וויל זי אַרומנעהמען.

קום, וועל איך דיר אויסשמירען אין מעל.

צ י ר ל

אז דו וועסט מיר דערצעהלען, וועל איך זיך לאָזען.

נ ח

וועסטו?

צ י ר ל

איך וויים אליין פון וואָס איהר האָט דאָ גערעדט.

נ ח

דיין טאַטע זאָגט, אז ער וועט אונז אונטערצינדען.

צ י ר ל

ס'אַ ליגען!

נ ח

ער האָט אליין געזאָגט.

צ י ר ל

קיינער האָט עס נישט געהערט.

נ ח

איך אליין האָב געהערט. ער האָט עס מיר אליין געהייסען זאָגען דעם טאַטען.

צ י ר ל

אויך אַ ליגען.

נ ח

אַ ליגען איז אַ ליגען.

צ י ר ל

מײַן טאַטע וויל אַרויסציהען פון בית־עולם. עֶר וויל נִישט זיין

מעהר קיין קברן. איך וויל אויך, אז מיר זאלען נישט וואוינען
מעהר אויפ'ן בית עולם.

נ ח

און דו וועסט ווערען א פריצע. יעמאלט וועט דיך כאצקעל נעה־
פאר א כלה.

צ י ר ל

אויב דו ביזט געקומען אזוי בעגינען מיר עם צו זאגען, האסטו גע־
מעגט זיצען אין דער היים.

נ ח

איך בין נישט צו דיר געקומען. ס'איז א שעהנער פריהמארגען,
בין איך געקומען.

צ י ר ל

אין א ווײַלע ארום.

שלאפסט נישט ביינאכט. זעהסטו אוים ווי א טייוועל.

נ ח

האסט געמעגט קומען א ביסעל צו מיר אין מיהל אריין ביינאכט.

צ י ר ל

איך בין געווען. ביזט געשלאפען אויף א זאק מעל.

נ ח

ס'א ליגען!

צ י ר ל

איך בין אויף די טרעפלעך געווען. כ'האב אין מיהל אריינגעקוקט.

נ ח

האסט דאך מורא אליין צו געהן ביינאכט.

צ י ר ל

איך האב שוין גאר נישט קיין מורא. דו ביזט געזעסען אויף א
זאק מעל אנגעשפארט.

נ ח

איך בין געווען אין א פעלץ אדער אהן א פעלץ ?

צירל

איך געדענק נישט. דו ביזט געשלאָפען.

נח

געוועזן איז געוועזן.

צירל

איך האָב דיך געוואָלט איבערשרעקען, נאָר מען האָט מיך נישט גע־לאָזט.

נח

ווער האָט דיך נישט געלאָזט?

צירל

נאָך א מענש מיט מיר געוועזן.

נח

כאצקעל?

צירל

איך ווייס נישט.

נח

זאָגסט א ליגען.

צירל

ביזט אליין א ליגנער. איך האָב פאר דיר קיין מורא נישט. איך האָב איך דיך פיינד מיט דיין טאַטען אינאיינעם.

נח

איך בין נישט צו דיר געקומען. מיין נישט, אז איך בין דאָס אזוי בעגינען צו דיר געקומען צו לויפען.

צירל

און מיר ארט נישט, אז דו ביזט יא צו מיר געקומען. ביזט אפשר געקומען צום זיידען? אָדער — זאָגען דער ציעג „גוט מארגען?“

נח

איך בין געקומען צום זיידען. איך האָב איהם פון וויטען געזעהן ארומגעהענדיג אויפ'ן בית עולם.

צירל

איז גאר נישט.

נח

ברוגז'דיג.

איך וועל זיך געהן לעגען שלאפען, וועל איך בעסער מאכען.

צירל

קענסט מיר נישט פערוועהרען פיינט צו האבען דיין טאטען. דיין מאמען האב איך ליעב, נאר דיין טאטען קען איך נישט אנזעהן.

נח

און איך האב פיינט דיך מיט דיין טאטען אינאיינעם.

וויל אוועקגעהן.

צירל

זעה נאר, ווי ער איז ברוגז געווארען. ער וויל עס נאך זיין מיין חתן.

נח

בלייבט שטעהן, דאס געזיכט פון איהר אבגעקעהרט.

צירל

ווילסט דאך געהן אהיים שלאפען — קענסט זיך געהן.

נח

אז איך וועל נאך אמאל הערען פון דיין טאטען, אז אונזער מיהל וועט מיט'ן פייער אוועקגעהן, וועל איך איהם מיט א שטיין דעם קאפ צושפאלטען.

צירל

געה ברענג מיר ארויס פון שטוב א קריגעל, וועל איך די ציעג אויסמעלקען.

נח

איך געה נישט צו אייך אין שטוב אריין. אז כאצקעל וועט נאך א מאל קומען צו אונז אין מיהל אריין, וועל איך איהם פון אלע טרעפ אראבווארפען.

צירל

ער איז שטארקער פון דיר.

נ ח

זאָל ער נאָך וואַרטען אַ ביסעל.

צ י ר ל

ער האָט מיר נעכטען דערצעהלט, אַז אין וואַלד האָט זיך איבער־געקעהרט אַ וואַגען מיט האָלץ, האָט ער איהם אַליין אויפגעהויבען.

נ ח

זאָל ער זיך בעריהמען.

צ י ר ל

ער איז שעהנער פון דיר אויך.

נ ח

האָט אַ פּערריסענע נאָז.

צ י ר ל

מיר געפעלט ער בעסער.

נ ח

נו, האָב חתונה מיט איהם.

צ י ר ל

איך האָב דאָך דיר געבעטען דו זאָלסט מיר אַרויסברענגען אַ קריגעל פון שטוב.

נ ח

מיט באַצקלען וועסטו זיך שאַפען, נישט מיט מיר.

צ י ר ל

אַז דיין טאַטע וועט דיר אויפשטעלען אַ ווינד־מיהל, יעמאַלט וועל איך דיך נעהמען פאַר אַ חתן.

נ ח

באַצקעל מיינסטו איז עס אַזאַ גרויסער לייט?

צ י ר ל

ער איז מעהר לייט פון דיר.

נ ח

אַלץ בעריהמעריי. אָבער דו מיין נאַר נישט, אַז צו דיר קום איך עס. איך האָב דיך אַפילו גאָר קיין מאָל נישט ליעב געהאַט,

וואלגערסט זיך דאָ אום אויפ'ן בית עולם. די ציעג פּאַשעט זיך אויפ'ן בית עולם און דו טרינקסט די מילך איהרע. אין דיר וועט זיך נאָך א גלגול אריינכאפּען. אז דו ביזט גוט, אַרט עס מיר נישט. נאָר אַז דו הייבסט אָן מאַכען דיינע שטיק, האָב איך דיך פיינט.

צירל

וואָס זאָגסטו, די ציעג?

נח

איך זאָג וואָס איך ווייס. דער אַלטער האָט היינט אויך געאַפּשעט די ציעג צווישען די קברים. אַז אין דיר וועט זיך אריינכאַפּען א גלגול, וועלען אַלע מענשען פון דיר אנטלויפען. מען וועט דיך אריינזעצען אין אַ פאַס, פון אַלע זייטען וועט מען איהר פערשלאָגען און מען וועט דיך לאָזען זיך קייקלען אין דער פאַס באַרג אראָב ביז די פאַס וועט צובראַכען ווערען; דו וועסט ארויספאַלען און דער גלגול וועט אנטלויפען.

לאכט.

צירל

הער אויף; איך גיס דיר באַלד אָב מיט וואַסער. ווילסט אויף מיר אַ שרעק ארויפוואַרפען? אויב דיר געפעלט נישט, וואָס מיר וואוי־נען אויפ'ן בית עולם, טאָ זאָל אונז דיין טאַטע לאָזען קויפען דאָ א פּלאַץ און א מיהל אויפשטעלען.

נח

דער טאַטע וויל נישט אָנווערען זיין ברויט.

צירל

דו ביזט אַזוי גוט ווי דיין טאַטע.

נח

און דו ביזט אַזוי גוט ווי דיין טאַטע.

צירל

געה זיך אוועק פון דאַנען און קום נישט מעהר אהער.

נח

אַז איך בין נישט צו דיר געקומען.

צ י ר ל
געה אוועק פון דאנען!
נ ח
וויל אַוועקגעהן.
צ י ר ל
ווייכער.
קום צו מיר, נח.
נ ח
וואָס ווילסטו?
צ י ר ל
קום צו מיר נעהנטער א ביסעל. מיר דאכט זיך, אז דו האָסט מורא פאר מיר.
נ ח
אפשר האָב איך מורא.
צ י ר ל
קום צו מיר. גוט האָסטו געטהאָן, וואָס דו ביזט געקומען. זאָג, אז ס'איז א ליגען.
נ ח
וואָס?
צ י ר ל
אז אין מיר קען אריין א גלגול דערפאר וואס איך וואוין אויפ'ן בית־עולם.
נ ח
איך וויים נישט.
צ י ר ל
און אז איך וועל כאצקלען פיינט האָבען, וועסטו שוין זיין צופרי־דען?
נ ח
פון מיינעטוועגען קענסטו איהם ליעב האָבען. מיר ארט עס נישט.
דו שפיעלסט זיך מיט מיר ווי א קאץ מיט א מויז, און איך וויל

נישט דו זאלסט זיך מיט מיר שפיעלען.

צ י ר ל

אויפגעבראכט.

זאגסט א ליגען. געה זיך פון דאנען. קום נישט מעהר צו מיר. ווען דו וואלסט מיר טאקע אין אמת'ען ליעב האבען, וואלסטו מיך נישט אזוי איבערגעשראקען.

כאפט א שטעקען און טרייבט אוועק די ציעג.

נ ח

וואס איז די ציעג שולדיג?

צ י ר ל

רעד נישט מעהר צו מיר. שטעה נישט דא. געה זיך א היים.

נ ח

אז דו טרייבסט מיך, געה איך נישט.

צ י ר ל

פלוצלונג.

איך האב דיר פיינט!

פערדעקט דאס געזיכט און לויפט אריין אין שטוב.

נ ח

קוקט איהר נאך א ווײלע. ער קלעטערט אריבער דעם צוים און פערשווינדט.

צ י ר ל

קומט ארויס, ווי זי וואלט וועלען אויסמיידען נח'ן. זעהענדיג, אז ער איז ניטא, ווערט זי ערנסט, איילט צום צוים, רופט „נח! נח!" קיינער ענטפערט נישט. זי ווישט די טרעהרען.

ד א ב ע

קומט, שטעלט זיך אנטקעגען צירלען. קוקט זי אן.

מיין יענטעלע איז שוין באלד אזוי גרויס ווי דו.

צ י ר ל

בייז.

יענטעלע איז געשטארבען.

ד אָ ב ע

אונשולדיג.

געשטארבען?

צ י ר ל

דער טאַטע האָט זי אליין בעגראָבען.

ד אָ ב ע

בעגראבען?

צ י ר ל

זי וועט שוין קיין מאָל נישט זיין אזוי גרויס ווי איך.

ד אָ ב ע

קיין מאָל נישט?

צ י ר ל

וואָס איז דאָרט?

ד אָ ב ע

מיין קינד.

צ י ר ע ל

דאָס איז א ציעג. דיינע קינדער זענען דאָרט... דאָרט, וואו די קברים זענען.

ד אָ ב ע

דאָרט זענען מיינע קינדער?

צ י ר ל

יאָ. געה אויך אהין. דאָרט זענען אלע דיינע קינדער.

ד אָ ב ע

דאָרט זענעןאלע מיינע קינדער.

געהט אַוועק.

צ י ר ל

רופט.

מאמע! מאמע!

ק ר י י נ ע

קומט אַרויס פון שטוב.

וואס דארפסטו מיך האבען?

צ י ר ל

ווען וועלען מיר ארויסציהען פון בית-עולם?

ק ר י י נ ע

וואס פאלט עס דיר איין?

צ י ר ל

אזוי. פאר גאר נישט.

ק ר י י נ ע

האסט שוין געמאלקען די ציעג?

צ י ר ל

איך וויל זי מעהר נישט מעלקען.

ק ר י י נ ע

א שגעון פערדרעהט?

קלייבט שייטלעך האלץ וואס ליגען ביים צוים.

צ י ר ל

פאר וואס וויל דער טאטע אונטערצינדען חיים הערשען?

ק ר י י נ ע

זאלסט עס מיר מעהר פון דיין מויל נישט ארויסרעדען. דו!

צ י ר ל

דער טאטע האט געזאגט.

ק ר י י נ ע

נח'ן וועל איך פון שטוב ארויסטרייבען.

צ י ר ל

ער וועט אליין אהער נישט קומען.

זי וויינט.

ק ר י י נ ע

אויף א פולען פריהמארגען וועסטו מיר דא... געה ברענג דעם קריגעל ארוים.

צ י ר ל

געהט צום שטוב.

ק ר י י נ ע

קוקט איהר נאָך, וואַרפט ס'האָלץ אַראָב.

קום צוריק. קום נאָר אהער.

צ י ר ל

וואס ווילסטו פון מיר?

ק ר י י נ ע

זעה, וואס איז מיט דיר היינט?

צ י ר ל

שווייגט.

ק ר י י נ ע

טאַפּט איהר דעם קאָפּ.

ביזט נישט געזונד, חלילה?

צ י ר ל

איך ווייס נישט.

ק ר י י נ ע

בלאָזט איהר אָב דריי מאָל און שפּייט אויס.

קיין בייז זאָל נישט זיין. האסט א ביסעל היץ. קום אין שטוב אריין. מען וועט בעדארפען אנ'עין-הרע אבשפּרעכען.

זיי געהען ביידע אין שטוב אַריין. עס הערט זיך פון ווייטען דאָ־בע'ס געזאנג.

צווייטער אקט

ביי חיים הערש דעם מילנער. דער אייגענער פריהמאָרגען. אַ ווייס געקאַלכט שטיבעל. קליינע פענסטער דורך וועלכע עס זעהט זיך דאָס פעלד. צייטענווייז הערט זיך דאָס קלאַפּען אין מיהל, וואָס געפינט זיך נישט ווייט פון שטוב.

קרייסעל

ראמט אויף אין שטוב.

חיים הערש

קומט אַן מיט אַן עמער וואסער.

חיה

העלפט טראָגען דעם עמער.

לאָז, מיר, טאַטע, איך וועל אליין קענען אריינטראגען.

חיים הערש

לאָז, נאַר, ווילסט זיך די געדערים איינרייסען.

חיה

אבער, אז איך וועל קענען אליין אויפהויבען.

חיים הערש

געה שוין, זאָג איך דיר, צו קרייסלען. און דו האסט נישט מעהר וואָס צו טהאָן. שיקסט זי אליין צום ברונעם. ס'פעלט מעהר נישט זי זאָל נאָך אריינפאלען אין ברונעם אריין.

קרייסעל

איך האָב זי געשיקט? איך האָב איהר געהייסען נאָר דעם עמער ארויסטראגען און דו זאָלסט וואסער אָנשעפּען. צו חיה'ן. איך וועל דיר געבען, אז דו וועסט מיר אליין קריכען צום ברונעם!

חיים הערש

ווען איך קום נישט אָן וואָלט זי שוין אין וואסער געלעגען. האָט זיך אין גאנצען אריבערגעבויגען איבער'ן ברונעם.

חיה

ס'איז מיר דען צום ערשטען מאָל?

ק ר י י ס ע ל

אז קיינער בעט עס נישט ביי דיר. אזא טיפעניש. אז איך קוק אריין אין ברונעם פארדרעט זיך מיר אזש דער קאפ.

ח י ה

אז איך קוק אריין אין ברונעם זעה איך דארט מיין פנים. ווארף איך אריין א שטיינדעל ווערט מיין קאפ צובראכען און באלד ווערט ער ווידער גאנץ.

ח י י ם ה ע ר ש

הערסט ווי דיין טאכטער רעדט? וועסט שוין האבען פון איהר נחת.

ק ר י י ס ע ל

וואס ווילסטו פון א קינד?

ח י ה

איך בין שוין אלט צוועלף יאהר. באשר איך בין איינע האלט מען מיר ציטריג. אלע געהען שוין בארפוס און איך מוז נאך שלע־פען די שיך. איך וויל נישט. לאז מיר אויסטהאן די שיך. ס'איז שוין אזויווארעם.

זעצט זיך אויף דער ערד און וויל אויסטהאן די שיך.

ק ר י י ס ע ל

וואס נאך עפעס?

ח י י ם ה ע ר ש

קלייב נחת פון דיין טאכטער.

ק ר י י ס ע ל

מען קען טאקע מיינען, אז איך צולאז זי.

דאס קלאפען פון מיהל ווערט שטארקער.

ח י י ם ה ע ר ש

אויף א מינוט קען מען די מיהל נישט לאזען אליין.

געהט ארויס.

ק ר י י ס ע ל

צו חיה'ן.

איך וועל דיר געבען, אז דו וועסט מיר אליין געהן צום ברונעם וואַסער שעפּען. איך האָב נאָר נישט געוואָלט רעדען פאַר'ן טאַטען אין די אויגען. ער וואָלט דיך דיין לייב צופּאַסעוועט.

חיה

איך וויל נישט זיין ציטריג. איך בין שוין צוועלף יאהר אלט.

קרייסעל

איך וועל דיר באַלד געבען א „ציטריג". ווילסט זיך אנמאכען א צרה און שפּעטער זאָל עס צו מיין קאָפּ אויסגעהן?

חיה

כ'וועל זיך נישט אנמאכען קיין צרה.

קרייסעל

מיינסט, איך זעה נישט, אז דו קריכסט אונטער די פליגעל ווען די מיהל געהט? וויפיעל פעלט, פון מויל טאָר מען עס נישט ארויסלאָזען, איין טשעפּ — און ס'איז שוין נאָך דיר.

חיה

אז איך געה נישט צו די פליגעל.

קרייסעל

וואָס האָסטו צו געהן אליין אין מיהל אריין?!

חיה

קיינער וועט מיר נישט כאַפּען.

קרייסעל

וואָס פאַר א גוט יאָהר טראָגט דיר צום בית עולם? ס'איז דאָך א בית עולם, פון מויל טאָהר מען נישט ארויסרעדען.

חיה

ווער 'עט מיר כאַפּען?

קרייסעל

דאָרט ליגען דאָך טויטע.

חיה

און אז נאָטע וואוינט דאָרט?

ק ר י י ס ע ל

נאָטע? נאָטע מוז דאָרט וואוינען.

ח י ה

און צירל?

ק ר י י ס ע ל

צירל? צירל איז זיין טאָכטער. דאָרט איז איהר היים.

ח י ה

פאר וואס האָט זי קיין מורא נישט?

ק ר י י ס ע ל

קום איך וועל דיר פערפלעכטען דיר האָר. שטענדיג געהסטו ארום ווי א מכשפה.

זעצט זיך אַנידער. קעמט חיה'ן די האָר.

ח י ה

וואס איז א מכשפה, מאמע?

ק ר י י ס ע ל

א מכשפה — מען טאָר עס פון מויל נישט ארויסלאָזען.

ח י ה

פאר וואס האָבען זיי קיין מורא נישט צו וואוינען דאָרטען?

ק ר י י ס ע ל

מענשען, אז זיי שטאַרבען מוז מען זיי בעגראָבען.

ח י ה

און זיי געהען קיין מאָל נישט ארוים פון דער ערד?

ק ר י י ס ע ל

ניין.

ח י ה

טאָ פאר וואס זאָל איך פאר זיי מורא האָבען?

ק ר י י ס ע ל

הער שוין אויף.

ח י ה

און נאָטען קומען זיי קיין מאָל נישט שטיקען?

קריימעל

ווערסט אפשר שווייגען, צו נײן?

חיה

צירל וואַקסט אויפ'ן בית־עולם און גאַר נישט.

קריימעל

צירל, האָב איך דאָך דיר געזאָגט, איז זייערע אַ טאָכטער; מאַכט נישט אויס.

חיה

פאַר וואָס געהט אהין נח?

קריימעל

האָב איהם אַ גוט יאָהר. וואו איז ער איצטער, האָסט איהם נישט געזעהן?

חיה

איך האָב געזעהן ווי ער איז אוועקגעגאַנגען צום בית־עולם.

קריימעל

מעהר פעהלט נאָך נישט.

חיה

ער געהט צו צירלען.

קריימעל

שווייג, דו נאַר!

חיה

טאַקע, ער געהט צו צירלען.

קריימעל

עס פעהלט מיר נאָך מעהר נישט, דער טאַטע זאָל עס הערען.

חיה

דער טאַטע האָט איהם געזעהן.

קריימעל

דער טאַטע האָט איהם נישט געזעהן. ווארום ער וואָלט איהם שוין געגעבען, אז ער זאָל האָבען צו געדענקען.

ח י ה

פאר וואס לאָזט איהם דער טאטע נישט געהן אהין?

ק ר י י ס ע ל

ווייל זיי ווילען צונעהמען ביי אונז דעם ביסטען ברויט.

ח י ה

פאר וואס ווילען זיי צונעהמען?

ק ר י י ס ע ל

שטויסט זי אָב פון זיך.

געה, טישעפע זיך אָב פון מיר!

ח י ה

מען טאָר שוין נישט פרעגען?

נעהמט אַ שער און שערט אויס שפּיצען פון פּאפּיר.

ח י י ם ה ע ר ש

קומט אַריין.

וואו איז נח?

ק ר י י ס ע ל

ער איז דען נישטאָ אין מיהל?

ח י י ם ה ע ר ש

ער שלאָפט נישט?

ח י ה

ער איז אויפ'ן בית־עולם.

ק ר י י ס ע ל

שלאָגט זי איבער די הענד.

מען פרעגט נישט ביי דיר!

ח י י ם ה ע ר ש

אזוי גאר — דיר געפעלט עס? דיין זוהן.

ק ר י י ס ע ל

וואָס ווילסטו האָבען פון מיר?

ח י י ם ה ע ר ש

צו וועמען דען זאל איך רעדען? ! דו ווייסט, אז ער געהט אהין און

דו לאזט איהם ? און דו זאגסט עס מיר גאָר נישט ?

קרייסעל

וואס זאל איך טהאָן ?

חיים הערש

מיר זאָגט מען און איך ווען איהם זיינע באקען צופּאטשען.

קרייסעל

ביים זיך פריהער אָב די צונג, דו, אלטער נאר.

חיים הערש

איך זאָג דיר, אז ער וועט שוין אהין מעהר נישט געהן.

קרייסעל

אז דאָס קינד וויל געהן קענסטו איהם נישט פערווערען.

חיים הערש

און איך זאג דיר, אז עס וועט איהם שוין זיין דאָס לעצטע מאל !

קרייסעל

שא, שריי נאָר נישט אזוי ; דאָס קינד שרעקט זיך.

חיים הערש

איך האָרעווע, איך ציה מיר די אָדערען און דו וועסט לאזען דיין זוהן געהן צו מיינע שונאים !

קרייסעל

איך שיק איהם נישט אהין.

חיים הערש

ווייסט, אז ער וויל אונז אונטערצינדען ? ער האָט שוין מענשען גע־דונגען.

קרייסעל

דו גלויב נאָר נישט אזעלכע מעשיות.

חיים הערש

מען וועט נאָך דעם פערד פון שטאָל ארויסנעהמען.

קרייסעל

קיינער וועט נישט נעהמען.

ח י י ם ה ע ר ש

צו חיה'ן.

און דו געהסט אויך אהין, דו חצופה?!

רייסט מיט כעס די שער ארויס.

ח י ה

וויינט.

איך געה נישט אהין.

ק ר י י ס ע ל

וואס ווילסטו פון קינד? האט זיך צושריען און נישט וויסענדיג פאר וואס.

ח י י ם ה ע ר ש

איך וויים שוין פאר וואס איך שריי. עס וועט איהם, זאגט ער, זיין קאפ ליגען אין דער ערד און ער וועט מיר אויסשטעלען א וויגד־מיהל אונטער דער נאז.

ק ר י י ס ע ל

ער שטעלט נאך נישט.

ח י י ם ה ע ר ש

וויסט זעהר א סך; האט שוין א פלאץ געקויפט נעבען אונז.

ק ר י י ס ע ל

מיינע שונאים!

ח י י ם ה ע ר ש

אזוי... זיך דערשראקען. מען וועט מיט דער טארבע אוועקגעהן.

ק ר י י ס ע ל

און זי געהט עס נאך אהער. מיט הייסע וואסער וועל איך זי אב־גיסען.

ח י י ם ה ע ר ש

שוין לאנג בעדארפט עס טהאן. אבער אזוי וועט עס נישט אבגעהן. בלוט וועט זיך גיסען, אז מען וועט אנהייבען געהילץ צופיהרען.

ק ר י י ס ע ל

זאג מיר, כ'בעט דיר, פון וואנען וויסטו, אז ער האט דעם פלאץ

געקויפט?

ח י י ם ה ע ר ש

וואו איז דער זוהן. צו חיה׳ן. האסט נישט געזעהן וואו נח איז?

ח י ה

איך ווייס נישט.

ח י י ם ה ע ר ש

זאג מיר, קרייסעל, געהט ער אפשר צו זיין טאכטער? זאג מיר, וואס שווייגסטו?

ק ר י י ס ע ל

וואס ביזטו היינט אויפגעשטאנען אויף דער לינקער זייט?

ח י י ם ה ע ר ש

ענטפערסט נישט, בעדארף מען נישט. איך וועל איהם שוין מיט דער בייטש ברענגען צוטרייבען אהיים.

ער זוכט א בייטש.

ק ר י י ס ע ל

משוגע׳נער, וואוהין געהסטו? לאז איהם נישט, מיין קינד, נישט אנדערש ער איז משוגע געווארען.

ח י י ם ה ע ר ש

אבער ס׳איז דאך נישט אויסצוהאלטען. ווייב און קינדער זאלען זיין געגען אנ׳אייגענעם טאטען; קינדער זאלען וועלען, אז דער טאַטע זאל א בעטלער ווערען. זיין גליק. וואס איך מוז געהן אין מיהל אריין.

געהט ארויס.

ח י ה

קוקט אין פענסטער.

ער איז אין מיהל אוועק.

ק ר י י ס ע ל

שלאָגט זי.

ווער האט דיר געבעטען דערצעהלען. אז ער איז געגאנגען צו נאַטען? ווער האט דיר געבעטען. פרעג איך דיר...

ח י ה

וואס ווילט איהר פון מיר? איך וויל אליין אויך געהן אהין. איך בין מיט זיי נישט ברוגז. צירל האט מיך גערופען צו זיי.

ק ר י י ס ע ל

האסט געהערט וואס דער טאטע האט דערצעהלט? זיי האבען זיך אנגעזעצט אויף אונז. זיי ווילען אונז אומגליקליך מאכען. זאלסט צו זיי מעהר נישט געהן. נח וועט שוין אויך צו זיי מעהר נישט געהן, איך וועל איהם זאגען.

נ ח

קומט אריין.

ק ר י י ס ע ל

גוט מארגען, מיין קינד, וואו ביזטו געוועזן?

נ ח

איך האב געוואלט דעם שלאף אביסעל פערטרייבען.

ק ר י י ס ע ל

דערלאנגט איהם א גלאז טהע.

ביים עפעס איבער און לעג זיך צו.

נ ח

דער טאג איז נאך גרויס.

ק ר י י ס ע ל

דער טאטע איז זעהר אין כעס.

נ ח

אויף וועמען?

ק ר י י ס ע ל

ער איז אין כעס וואס נאטע וויל פון אונז דאס שטיקעל ברויט צו־נעמען.

נ ח

טא וואס בין איך שולדיג?

ק ר י י ס ע ל

איך ווייס, אז דו ביזט נישט שולדיג. חיה זאגט, אז דו ביזט היינט

געגאַנגען אהין.

נ ח

חיה זאָגט?

ח י ה

איך האָב טאַקע געזעהן.

נ ח

נו, איך בין געווען. איך געה אהין — אָבער וואָס האָט איינס צום אַנדערען?

ק ר י י ס ע ל

יא, טאַקע וואָס האָט עס איינס צום אַנדערען? צירל איז אין איהר טאַטען נישט געראָטען.

נ ח

צוטומעלט.

וואָס האָט עס מיט צירלען צו טהאָן?

ק ר י י ס ע ל

איך זאָג דאָך גאָר נישט.

ח י י ם ה ע ר ש

קומט אַריין.

אַט איז דער שעהנער זוהן, אַ גרויס נחת טהוסטו מיר אָן.

נ ח

איך בין אפשר נישט געזעסען אַ גאַנצע נאַכט אין מיהל?

ח י י ם ה ע ר ש

מוחל!

נ ח

ביזט מיר מוחל — איז נישט. ווילסט אפשר, אז איך זאָל זיך פערדינגען צו אַ פרעמדען?

ח י י ם ה ע ר ש

וואָס עפּעס, זיך פערדינגען צו א פרעמדען? וועסט אויפשטעלען דאָ א מיהל אין איינעם מיט'ן קברן; דעם טאַטען, חיים הערשען, מיט דער מאַמען, קרייסעל, וועט איהר בעגראָבען — און דערנאָך חתונה האָבען מיט זיין טאָכטער.

נ ח

בעסער רעד עס נישט.

ח י י ם ה ע ר ש

וועסט מיר אפשר הייסען שווייגען?!

נ ח

מאמע, וואס וויל ער פון מיר האבען?

ח י י ם ה ע ר ש

נו, מאמע, זאג וואס מען וויל פון איהם האבען?

ק ר י י ס ע ל

איך וויים טאקע נישט וואס דו ווילסט האבען פון קינד.

ח י י ם ה ע ר ש

דיין קינד — נישט מיינס.

ק ר י י ס ע ל

דיין קינד, מיין קינד... האט זיך נעבעך אנגעהארעוועט אזא נאכט — וואס ביזטו צו איהם צוגעשטאנען?

נ ח

איך הער וואס איהר רעדט און איך פערשטעה קיין אייןווארט נישט. איך וויים נישט פון וואס צו זאגען.

ח י י ם ה ע ר ש

וויל איהם שלאגען.

וועסט שוין באלד פערשטעהן.

ק ר י י ס ע ל

בעשיצט נח'ן.

ער איז משוגע געווארען, נישט אנדערש.

נ ח

לאז איהם, זאל ער שלאגען. בויגט איין דעם קאפ צום פאטער. נא, שלאג אויב דו ווילסט. כ'וועל דיר צוריק נישט אבגעבען.

ח י י ם ה ע ר ש

טרעט אב. וויל ארויסגעהן, נאר פלוצלונג ווענדעט ער זיך צו נח'ן.

זאָג מיר קלאָרע ווערטער. ביזט היינט געוועזן אויפ'ן בית־עולם?

נ ח

כ'בין געוועזן.

ק ר י י ס ע ל

ענטפער איהם נישט, מיין קינד.

נ ח

איך האָב נישט מורא צו זאָגען דעם אמת. איך בין דאָרט נעכטען געוועזן, איך בין היינט געוועזן און כ'וועל מאָרגען אויך אהין געהן.

ח י י ם ה ע ר ש

איך וועל דיר דיינע פיס צוברעכען.

נ ח

וועל איך אויך געהן.

ח י י ם ה ע ר ש

זיין מויד האָט דיר דעם קאָפּ פערדרעהט?

נ ח

שווייגט.

ח י י ם ה ע ר ש

ער זעצט זיך נעהנטער צו נח'ן.

נו שוין, איך בין נישט אין כעס, איך וועל מיט דיר רעדען געלאַסען.

ק ר י י ס ע ל

געה פון איהם, מיין קינד, ס'וועט שוין קיין גוטס נישט ארויסקומען. רבונו של עולם, וואס וויל מען האָבען פון מיין לעבען? א טאָג רוה זאָל עס זיין.

ח י י ם ה ע ר ש

קענסט זיצען רוהיג. איך בין נישט אין כעס. זאָג מיר מיט גוטען, מיט שכל: ווער איז דיין טאַטע? דיין מאַמע? ווער ביזטו? און זאָג מיר ווער איז נאָטע דער קברן, זיין טאָכטער און איהר מאַמע?

נ ח

וואס געהען זיי מיר אָן?

חיים הערש

זיי געהן דיר גאָר נישט אָן? שווער זיך.

נח

זיי געהן מיר גאָר נישט אָן.

חיים הערש

און זייער טאָכטער? איך פרעג דאָך עפּעס ביי דיר.

קריינדעל

שפּעט איבער.

זיין טאָכטער, זיין טאָכטער — ס׳איז נישט דיין דאגה.

חיים הערש

ווילסט איך זאָל מיר מתחתן זיין מיט׳ן קברן?

נח

שווייגט.

חיים הערש

דו ווייסט, אז ער האָט שוין דעם פּלאַץ הינטער׳ן מיהל אָבגעקויפט און וועט דאָרט גראָבען א קבר פאַר אונז אַלעמען?

נח

ער האָט נאָך נישט געקויפט.

קריינדעל

וואס אנ׳אמת איז אנ׳אמת.

חיים הערש

דו וועסט חתונה האָבען מיט זיין טאָכטער און מענשען וועלען מיט די פינגער טייטען: חיים הערש און נאָטע — מחותנים... שעהנע מחותנים.

נח

ער וועט קיין מיהל נישט בויען.

חיים הערש

ווער האָט עס דיר געזאָגט? ער דינגט שוין אין א דאָרף אנ׳אַלטע מיהל. און ער וויל זי אהער איבערפיהרען.

נ ח

ווער האָט עס דערצעהלט?

ק ר י י ס ע ל

ווישט די טרעהרען.

געוויס, מיין קינד, ווילען זיי אונז אומגליקליך מאכען.

ח י י ם ה ע ר ש

הייסט עס אזוי, מיין קינד. צונויף גערעדט זיך דעם טאַטען אומ־גליקליך צו מאכען.. ער ווייסט גאָר נישט. גלייך ווי מען וואָלט איהם גאָר נישט דערצעהלט. ווער ווייסט, אפשר האָט איהר שויןביידע שותפות געמאכט. וואָס דען געהסטו אהין? קענסט מיר אפשר זאגען ווען מען וועט אהער דאָס געהילץ איבערפיהרען?... וואָס קוקסטו מיך אָן? דו פערשטעהסט נישט וואָס מען רעדט צו דיר?

נ ח

איהר פערדרעהט מיר א קאָפּ. איך וועל איהם געהן פרעגען.

וויל געהן.

ח י י ם ה ע ר ש

אין שטוב זאָלסטו מיר זיצען! כ׳וועל שוין אליין מיין שטעדטעל בעשטעהן.

נ ח

אָבער ס׳קען דאך נישט געמאָלט זיין. ער וועט דאך נישט בויען קיין מיהל. מיר האָט ער געזאגט, אז ער וועט נאָר א שטוב בויען, ווייל ער וויל נישט האָבען זיי דירה אויפ׳ן בית עולם.

ק ר י י ס ע ל

דורך טרערען.

ס׳איז א ליגען. זיי לייקענען פאר דיר, מיין קינד.

נ ח

וויל איך זיי פרעגען.

ח י י ם ה ע ר ש

האָסט זיי נישט וואס צו פרעגען! דיין פוס זאָל אהין מעהר נישט

קומען. — הערסט וואס מען זאגט צו דיר?!

נ ח

א גאנצע נאכט געהארעוועט און איצטער נא דיר א פריהמארגען..

ח י י ם ה ע ר ש

מוחל דיינע טובות. איך קען ביי נאכט אליין זיצען אין מיהל.

ח י ה

איך טאר אויך אהין נישט געהן?

ק ר י י ס ע ל

געה, מען פרעגט נישט ביי דיר. ווילסט דער טאטע זאל נעהמען די בייטש?

ח י י ם ה ע ר ש

ווילסט דער טאטע זאל נעהמען די בייטש... הלואי וואלט איך טאג און טאג געקאטעוועט מיין בן־יחיד וואלט איך איצטער צו אזא חרפה נישט געקומען.

רייסט ארויס דעם מעסער ביי חיה'לען, זי שניצט עפעס, און שלאגט איהר אן איבער די הענט.

נ ח

קאנסט נאך איצטער אויך קאטעווען. האסט נאך נישט פערשפעטיגט... נאר מעגסט זיין זיכער אז איך וועל בעסער נישט ווערען. איך בין דיין זוהן. ווילסט איך זאל זיין בעסער פון דיר?

ח י י ם ה ע ר ש

קוקט איהם אן פערוואונדערט, נעהמט זיך פאר'ן פאס...

נ ח

וואס ווילסטו פון מיר האבען? וואס פאר א חרפות האב איך דיר אנגעטהאן? וואס כאפסטו זיך מיר שלאגען? איך בין שוין באלד צוואנציג יאהר אלט.

ק ר י י ס ע ל

ער איז דען נישט גערעכט? ביי לייטען א קינד איז א צירונג אין שטוב, און דו ווייסט נישט פון דיין קאפ צו זאגען.

נ ח

איך וויל נישט זיין קיין צירונג און איך וויל נישט זיין קיין הונד אין שטוב. איך וויל דיך נישט בעגראבען. ווען איך וואלט וויסען אז נאַטע וויל דאַ א מיהל בויען וואָלט מיין פוס אהין נישט געקו־מען. אָבער מיר אַרט עס נישט. זאָל ער נאָר אַראָבפיהרען אַהער דאָס געהילץ וועל איך עס מיט סמאָלע אבגיסען און אונטערצינ־דען.

ח י י ם ה ע ר ש

און אז ער וועט נישט בויען קיין מיהל, הייסט עס, וועט זיין טאָכ־טער זיין מיין שנור?! זאג מיר...

ק ר י י נ ע

קומט אָן גאָר אונערוואַרטעט.

גוט מארגען.

ק ר י י ס ע ל

מיט פריינדליכקייט ווי צווישען זיי וואָלט גאָר נישט געווען.

גוט מארגען, גוט יאהר. אזא גאסט, אזוי פריה.

ק ר י י נ ע

מערקט דאָך, אז אין שטוב הערשט אַנ׳אויפרעגונג.

אזא שעהנער פריהמארגען היינט. באַנ׳אייך די מיהל, קיין עין־הרע געגאנגען א גאנצע נאכט.

ק ר י י ס ע ל

צו חיים הערש׳ען.

מיר דאכט אז די שטיינער געהען לעדיג.

נ ח

וויל אַרויסגעהן.

ח י י ם ה ע ר ש

איך געה אליין!

געהט אַרויס.

ק ר י י נ ע

איך בין געקומען צו אייך, קרייסעל לעבען, דאָס קינד איז מיר

עפּעס נישט מיט אַלעמען.

קרייסעל

וואָס איז איהר פאַר אַ גוטס?

קריינע

איז אויפגעשטאַנען ווי די ליכטיגע זון און איצטער דאַכט זיך מיר אַז זי האָט הנז.

קרייסעל

בעדאַרפט אָבשפּרעכען אַנ'עין־הרע.

קריינע

שמייכעלט צו נח'ן.

כ'ווייס מיינט איהר? נח איז היינט געווען ביי אונז. האָט איהר אפשר עפּעס געזאָגט אַזעלכעס. טאַטעס זענען נישט קיין מאַמעס. די טאַטעס אַרט נישט פאַר זייערע קינדער.

קרייסעל

ווישט די אויגען.

דאָס זאָג איך דאָך שטענדיג.

קריינע

זי האָט זיך נישט געקלאָגט, חלילה פאַר דיר, נח, אַז זי איז עפּעס נישט מיט אַלעמען?

נח

איך?...

קריינע

קוקט אין פענסטער.

איך האָב מורא פאַר חיים הערש'ן. ס'קלאַפּט מיר אין האַרצען ווי מיט אַ האַמער.

קרייסעל

איהר האָט נישט וואָס מורא צו האָבען פאַר איהם, קריינעשו.

קריינע

גלויבט מיר, אַז ס'איז נישט מיין שולד, עס שרעקט מיר דאָס האַרץ פאַר מיין קינד, חלילה עפּעס אויף איהר איז שוין אַ סוף צו מיין

לעבען. קוקט אָהן ווערטער צו נח׳ן. פלוצלינג צו חיה׳ן. קום אבי־סעל צו אונז וועט צירלען זיין פרעהליכער.

קרייסעל

דער גוטער יאהר ווייסט, וואס איך זאל אייך זאגען, קריינע. מיר האָבען זיך קיין מאָל נישט געקריגט. און, מישטענסגעזאָגט, פאר וואָס זאלען מיר זיך קריגען? נאָר איך האָב עס מורא פון מיין מויל ארויסצורעדען. מיין הארץ טהוט מיר וועה. איהר האָט בעסער נישט בעדארפט קומען אהער. כ׳האָב שוין היינט געהאט א פינסטערען פריהמארגען. איך וואָלט וועלען אלץ גוט מאכען... איך ווייס נישט צו עס וועט העלפען.

קריינע

איך קען אוועקגעהן. איך וויל נישט אז מ׳זאָל קומען צו א מחלוקת. עס שרעקט מיר מיין הארץ פאר מיין קינד.

קרייסעל

וואָס איז איהר דען אזעלכעס?

קריינע

איך זעה אין איהר חלילה אזוי קיין בייז נישט. נאָר איין אויג אין קאָפּ.. איך וואָלט וועלען, קרייסעל, אז איהר זאלט צו מיר אריבערגעהן. נח׳ן האָב איך מורא צו פרעגען — אפשר ווייסט ער עפּעס.

קרייסעל

איהר האָט זיך אפשר ביידע צעווערטעלט?

נח

שווייגט.

קריינע

כאפּט זיך אריבער צו מיר, קרייסעל, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין — איך וויל איהר זאלט זיך דורכרעדען מיט מיין מאַן. מיר פאָלגט ער נישט. וויינט. אזא פינסטערען מזל האָט מען, כ׳וואָלט כאָטש וועלען, אז מיין קינד זאָל די ליכטיגע וועלט האָבען. גאָ־טעניו, פאר וואס קומט עס מיר?

ק ר י י ס ע ל

וויינענדיג.

אייער נאטע האט זיך אנגעזעצט אונז אומגליקליך צו מאכען.

ק ר י י נ ע

וואס קען איך מאכען מיט איהם? רעד איך — ענטפערט ער נישט. איך?... מיר איז גוט אזוי אויך. איך בעדארף נישט האבען קיין נייע גליקען. מעהר נישט ס'איז מיר שוין מיאוס געווארען זיצען אויפ'ן בית עולם. ס'ווילט זיך שוין אויך זיין מיט מענשען צוגלייך. און טאקי צוליעב מיין קינד.

ק ר י י ס ע ל

איך וועל אפשר בייגאכט צו אייך אריבערקומען. איצטער קען איך נישט. כ'וויל נישט חיים הערש זאל עס זעהן, ס'איז מיר שוין גענוג פינסטער געוועזן היינט. בעווייזט אויף נח'ן. ער האט שוין היינט אויך זיין חלק געהאט.

ק ר י י נ ע

אבער קיין בייז זאל נישט זיין.

נ א ט ע

מיט א רידעל אין האנד בעווייזט זיך אין דער אפענער טיר.

הייסט עס דא ביזטו נאר?

ק ר י י נ ע

פערלירט זיך.

איך געה שוין א היים.

ק ר י י ס ע ל

קומט אריין, וואס שטעהט איהר אין טיר?

נ א ט ע

כ'האב מיין אייגענע שטוב.

ק ר י י נ ע

גאט איז מיט דיר, נאטע!

נ א ט ע

גאט איז מיט מיר — און איך וויל נישט, דו זאלסט אהער געהן!

קרייסעל

איך טראָג חלילה אויף אייך קיין כעס נישט. איהר מעגט אריינקו־מען.

קריינע

איך האָב נאָר געוואָלט בעטען אז קרייסעל זאָל אבשפּרעכען אנ׳עין הרע דעם קינד.

קרייסעל

איך וועל געהן. געוויס וועל איך געהן.

נאָטע

איך בעדאַרף נישט.

קריינע

האָב גאָט אין הארצען.

נאָטע

איך בעדאַרף נישט. מיין קינד וועט אזוי אויך געזונד זיין. און דו האָסט דאָ נישט וואָס צו טהאָן.

חיים הערש

בעוויייזט זיך אין דער אָפענער טיר, קוקט פערוואונדערט צו נאָ־טען, ווי איינער זאָגט „וואָס בעדאַרפען זיי דאָ?“ קומט אריין אין שטוב.

קריינע

געהט אָרוים און ציהט פאר׳ן ארבעל נאָטען.

קומט שוין א היים.

ציהט איהם אָב פון טיר.

חיים הערש

שפּייט אוים.

פאר אלדע שווארץ יאָהר זאָלען זיי געהן! שוין בעצייטענס אהער מיט א רידעל געקומען. וואָס האָבען זיי דאָ געוואָלט? געקומען

מיט א רידעל... צו פֿריה אַביסעל...

נ אָ ט ע

ריוסט זיך אין שטוב, ווי צו אַ געשלעג. נאָר קריינע ציהט איהם אָהן ווערטער אַוועק פֿון טיר.

דריטער אקט

ביי נאָטע׳ן. גיט קיין געוויוסטע שטוב. אין הינטער־
גרונד צוויי פענסטער. רעכטס א טיר צו דער גאַס. לינקס
א טיר אין א צווייטען צימער. זומער אבענד.

נ ח

קוקט אריין דורכ׳ן אָפענעם פענסטער. רופט

צירל, צירל... האסט זיך בעהאלטען? דאָס לעצטע מאָל קום איך
אהער, גערענק, דאָס לעצטע מאָל.

צ י ר ל

בעוויזט זיך אין טיר לינקס.

בעסער געה אוועק פון דאנען. דער טאטע וועט באלד קומען.

נ ח

זיי וויסען אז דאָס לעצטע מאָל קום איך צו דיר.

צ י ר ל

איך בין נישט שולדיג.

נ ח

ווער דען איז שולדיג?

צ י ר ל

דער טאטע וועט קומען; כ׳האב מורא.

נ ח

איך האב פאר דיין טאטען קיין מורא נישט. איך וועל ווארטען
ביז כאצקעל וועט אהער קומען.

צ י ר ל

גלויב מיר אז איך האב איהם פיינט, וואָס קען איך העלפען, אז ער
קומט אהער? ער האט דעם טאטען אנגערעדט ער זאָל בויען א מיהל,
ווייל ער וויל מיר זאלען זיךביידע קריגען.

נ ח

דאריבער ווארט איך טאקע ביז ער וועט קומען.

צ י ר ל

איך בעט דיר, געה אוועק פון דאנען.

נ ח

איך וויל זעהן ווי דו וועסט רעדען מיט כאצקלען ווען ער וועט אריינ־
קומען.

צ י ר ל

איך וועל איהם זאגען, אז דו שטעהסט הינטער׳ן פענסטער.

נ ח

איך וועל איהם זיין קאפ צופלעטען.

צ י ר ל

פון מיינעטוועגען מעגסטו עס טהאן. מיר ארט עס נישט.

נ ח

איך געה אריין אין שטוב.

ער וויל אריין דורכ׳ן פענסטער.

צ י ר ל

געה נישט, געה נישט!... דער טאטע וועט דיך דער׳הרג׳ענען.

נ ח

שפרינגט אריין.

איצטער זאל דיין טאטע קומען, מיין טאטע קומען — איך וועל פון
שטוב נישט ארויסגעהן.

צ י ר ל

נח׳ל מיין הארץ, איך בעט דיר, זאלסט ארויסגעהן. איך האב דיך
ליעב ווי דאס לעבען, ווי מיין הארץ — איך בעט דיר, געה ארויס.
איך וועל אפשר שטארבען פאר שרעק... זי קוסט איהם. נח, דו
וויינסט? איך בעט דיר, וויין נישט.

עס דערהערען זיך שטימען רעדען אין דרויסען. ער שפרינגט ארויס
צוריק דורכ׳ן פענסטער.

צ י ר ל

בלייבט זיצען בלאס, דערשראקען.

כ א צ ק ע ל

קומט אַריין.

גוט אבענד.

צ י ר ל

גוט אבענד.

כ א צ ק ע ל

וואָס רעדסטו אזוי שטיל?

צ י ר ל

קערט אָב דאָס געזיכט פון איהם.

כ א צ ק ע ל

ווילסט מיט מיר נישט רעדען? איז נישט. ביזט אויף מיר אין כעס וואס איך וויל מאכען דיין טאטען פאר אוים קברן? אז דו זאלסט מעהר נישט וואוינען אויפ'ן בית עולם?

צ י ר ל

כ'בין אייך מוחל די טובה.

כ א צ ק ע ל

וועסט נאָך זעהן וואָס היינט וועט דאָ זיין.

צ י ר ל

וואָס?!

כ א צ ק ע ל

וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראקען? כ'מיין גאָר ניט. היינט ביי־נאכט און אפשר נאָך באלד וועט מען דאָס געהילץ ברענגען, די פוהרען קומען באלד אָן.

צ י ר ל

ס'אליגען!

כ א צ ק ע ל

איך האָב דאָס גאנצע געלד אויסגעלעגט. דיין טאטע פערמאגט גאָר ניט אזוי פיעל. און, אז מען וועט בעדארפען בויען וועל איך איהם ווידער העלפען.

צ י ר ל

איך וויל פון דעם נישט וויסען.

כ א צ ק ע ל

איך וועל פאר אונז אויך בויען א שטוב.

צ י ר ל

פאר ווערען?

כ א צ ק ע ל

פאר צירלען מיט כאצקלען.

צ י ר ל

איך וועל ביז יענער צייט נישט דערלעבען.

כ א צ ק ע ל

וועסט שוין יא דערלעבען.

צ י ר ל

וואס זענט איהר געקומען אהער? ! מיין טאטע איז אויפ'ן בית־עולם, געהט זיך צו איהם.

ק ר י י נ ע

קומט אריין.

כ א צ ק ע ל

גוט נאבענד, קריינע.

ק ר י י נ ע

א גאסט: א גאסט.

כ א צ ק ע ל

מען זעהט שוין אפשר די פוהרען?

ק ר י י נ ע

טאקע נאך היינט וועט דאס געהילץ אנקומען?

כ א צ ק ע ל

איך בין אפשר אין צעהן דערפער אויסגעוועזן ביז איך האב אזוי פיעל פוהרען צונויפגענומען.

ק ר י י נ ע

מען זאגט, אז חיים הערש האט געדונגען גוים זיי זאלען נישט

לאָזען דאָס געהיליץ אראָבוואַרפען.

כאצקעל

דאָס ווע‍לען מיר שוין זעהן. און וואָס וועלען מיינע גוים אויף דעם ענטפערען?

קריינע

מיט וואס וועלען מיר עס אייך קענען אבדאנקען?

כאצקעל

איך וועל מיר שוין אליין דאנקען. זעהט בעסער, אז צירל זאל מיט מיר וועלען רעדען. איך רעד צו איהר און זי ענטפערט מיר ניט.

קריינע

וואָס האָט זי דען צו אייך?

כאצקעל

אפשר לאכט זי עס נאָר.

צירל

געהט אַרוים אין צווייטען צימער גאָר ניט זאָגענדיג.

כאצקעל

עפּעס איז זי ברוגז אויף מיר. איך דערצעהל איהר, אז היינט בע־דאַרף אָנקומען דאָס גאנצע געהיליץ, זאָגט זי.. כ׳ווייס וואָס זי זאָגט — יא, וואו איז נאָטע?

קריינע

ער וועט באלד, מסתמא אריינקומען.

הינטער׳ן פענסטער הערט זיך אַ גערויש ווי אַ פוהר וואָלט אָב־געפאָהרען.

כאצקעל

איילט צום פענסטער.

אימעצער האָט מיין פערד און וואָגען צוגענומען. טפּרולל... טפּרולל!

לויפט אַרוים.

קריינע

קוקט אין פענסטער.

צ י ר ל

קומט שנעל אריין דורך דער גאס טיר.

ק ר י י נ ע

פון וואנען קומסטו? ביזט דאך גאר אין דער אנדערער שטוב גע־וועזן?

צ י ר ל

זאל ער געהן פון דאנען!

ק ר י י נ ע

אימיצער האט זיין פערד און וואגען צוגענומען.

צ י ר ל

דאס האב איך דעם פערד פון שטוב אוועקגעטריבען.

י י נ ע

ווי פאלסטו עס אויס צו טהאן מיין קינד?

צ י ר ל

זאל ער אהער נישט קומען.

ק ר י י נ ע

ער וויל דאך אונז גליקליך מאכען. דעם טאטען מאכען אויס קברן.

צ י ר ל

זאל ער צו מיר נישט לאכען. איך האב איהם פיינד. ער זאגט, אז איך בין זיין כלה און איך וויל עס נישט הערען פון איהם.

ק ר י י נ ע

אזא פיינער מענש.

צ י ר ל

איך וויל איהם נישט קענען.

ק ר י י נ ע

דער טאטע האט איהם שוין צוגעזאגט.

צ י ר ל

האט ער איהם צוגעזאגט, און איך.. וואס ווילט איהר האבען פון מיר?

ק ר י י נ ע

שריי נאר נישט אזוי.

כ א צ ק ע ל

קומט אריין.

אנ'איינפאל א ביסעל; אימעצער האָט דעם פערד אָנגעבונדען און אוועקגעטריבען פון דאנען. איך קען שווערען, אז דאָס איז געוועזען א גנב. קוקט פערדעכטיגט צו צירלען. דו האסט עס געטהאָן?

צ י ר ל

יא, איך האָב עס געטהאָן.

כ א צ ק ע ל

אבי איך האָב זיך דערשראָקען.

ק ר י י נ ע

הערט זי נישט וואס זי רעדט.

צ י ר ל

גיפטיג.

איך, איך האָב אבגעבונדען; איך וויל נישט, אז אייער פוהר זאל שטעהן הינטער אונזער פענסטער.

כ א צ ק ע ל

ווילסט זיך מיט מיר קריגען? גוט, איך וועל צו דיר ניט רעדען.

ק ר י י נ ע

צו צירלען.

וואס איז טאקע היינט מיט דיר?

צ י ר ל

געהט אַרויס אין צווייטען צימער.

כ א צ ק ע ל

דורכ'ן פענסטער האָט זי געמוזט פריהער ארויס אויף דער גאס. אפשר געהט זי עס ווידער טהאָן?

ק ר י י נ ע

צו צירלען.

וואס איז טאקע היינט מיט דיר?

צ י ר ל

געהט אַרויס אין צווייטען צימער.

כ א צ ק ע ל

דער גוטער יאהר ווייסט וואס מיט איהר איז געווארען די לעצטע צייט. איך האב פון איהר קיין מאל אזעלכע ווערטער נישט גע־הערט.

כ א צ ק ע ל

איך וויים ווער ס'איז אין דעם שולדיג.

ק ר י י נ ע

וואס טשעפּעט ער זיך, וויים איך נישט?

כ א צ ק ע ל

איך וועל זיך אָברעכענען מיט איהם.

צ י ר ל

קומט אַריין.

מיט וועמען וועט איהר זיך אברעכענען?

ק ר י י נ ע

מיין קינד, דער טאַטע זאל חלילה נישט דערהערען וואס דאַ קומט פּאַר. ער וועט אזעלכע ווערטער דערהערען...

צ י ר ל

איך האב פאר קיינעם קיין מורא נישט. איך וויים פאר וואס ער איז אזא גוטער געווארען צו אונז. אבער עס וועט קיין מאל נישט זיין. איך בין נישט קיין קליין קינד.

כ א צ ק ע ל

מען קען טאַקע מיינען, אז איך בין איינגעליעבט אין אייער טאָכ־טער. — וואָס זאגט איהר, קריינע?

נ אָ ט ע

קומט אַריין פערהאָרעוועט.

גוט נאָבענד. אזוי איז מען דעם גאנצען טאָג פעריאגט. דער שווארץ יאהר ווייסט פאר וואס און פאר ווען.

כ א צ ק ע ל

באלד קומען אָן די פוהרען.

נ אָ ט ע

אלץ מיט אמאָל?

כ א צ ק ע ל

אפילו די שטיינער וועלען אויך היינט אנקומען; צו צוויי פּאָר אָקסען שלעפּען יעדען שטיין.

נ א ט ע

א בעלנות געווען. צופרידען, צו קריינען. דערלאנג עפּעס צום טיש, זאָל מען נעהמען אין מויל אריין. און דו, צירל, וואָס זיצטו עפּעס א ברוגז'ע?

ק ר י י נ ע

דערלאנגט צום טיש משקה און פערבייסען.

דער קאָפּ טהוט איהר וועה.

נ א ט ע

האָסט נאָך כאַצקעל מיינע משקה נישט געטרונקען. לחיים! גאָט זאָל געבען, אז אין קורצען זאָל איך פּטור ווערען פון מיין פּרנסה דאָ אויפ'ן בית עולם.

ק ר י י נ ע

ס'איז שוין טאָקע צייט.

כ א צ ק ע ל

לחיים, רב נאָטע, זאָל גאָט געבען, אז אין דער מיהל זאָלען זיך רענדלאך מאַהלען. די מיהל איז א מציאה. — אוי — ס'איז שטארק.

נ א ט ע

פערבייס, פערבייס; ס'איז אייגענער לעקאָך.

ק ר י י נ ע

איהר מעגט עס פערזוכען.

נ אָ ט ע

קום אהער, צירל, נעהם עפּעס פון טיש.

צ י ר ל

איך וויל נישט.

כ א צ ק ע ל

זי איז אויף מיר ברוגז.

נ אָ ט ע

וועט שלום ווערן. ברענג נאָך אריין קריינע טרוקענע קעז.

ק ר י י נ ע

גיה, צירעלע, וועסט ברענגען פון אלמער.

צ י ר ל

איך וויל נישט גיהן.

נ אָ ט ע

וואָס איז דאָס?

ק ר י י נ ע

דו נארישע מויד, ווער האָט דיר איינגערעדט, אז מען טאָר נישט טרינקען די מילך פון אונזער ציעג?

נ אָ ט ע

וואָס געשעהן, א נייס?

ק ר י י נ ע

וויל נישט טרינקען די מילך פון דעם ציעג, ווייל זי פאַשעט זיך אויפ'ן בית עולם.

נ אָ ט ע

לאַכט.

כ'האָב פיינד אזעלכע איינרעדענישען. איך וואוין שוין דאָ א שעהן ביסעל מיט יאהרען און ס'האָט נאָך נישט געטראָפען, אז אימיצער זאָל צוריק פון דער ערד ארויסקריכען. כאַ־כאַ, וואָס די ערד נעהמט צו איז פערפאַלען. אזוי גאָר, מיין טאָכטער, אויסגעוואַק־סען אויפ'ן בית עולם און האָסט מורא פאַר מתים.

ק ר י י נ ע

מען טאָר פון מויל נישט ארויסרעדען. איך וויים, מיינסטו?

נ אָ ט ע

שוויינ, דו נאַר... לחיים! דעם ערשטען ברויט וועל איך אין מיין מיהל מאַהלען פאַר זיך, ווי דו זעהסט מיך לעבען. זאָל נאָר גאָט

געבען קיין ווינד זאָל נישט פעלען.

ט ו ד ר ו ס

קומט אריין מיט אַ רידעל.

אַ גוטער אבענד.

ק ר י י נ ע

שטענדיג שלעפּט איהר די רידליעס אין שטוב אריין.

ט ו ד ר ו ס

מען קען זיי נאָך צו׳גנב׳ענען.

כ א צ ק ע ל

קומט, טודרוס, לאָמיר אויסטרינקען לחיים.

ט ו ד ר ו ס

וואָס קען עס שאדען? אַ שענע נאכט היינט... טאַמער, נאָטע, וואָלסטו איבערשמועס׳ן זיי זאָלען געבען צושטייער דעם צוים צו פערריכטען. ס׳איז קיין פּלאַן נישט אזוי, אלע טאג דעם פּארקאַן רק לאַטען. אַ שטאָדט זאָל זיין אזוי קארג... לחיים, זאָל גאָט גע־בען... מען האָט בעדאַרפט מיט זיין איבעררעדען.

נ אָ ט ע

האָב זיי... לחיים!... נישט לאַנג וועט נאָך אויסקומען צו עסק׳ן זיך מיט מתים.

ק ר י י נ ע

ווער ווייסט אויב ס׳וועט זיין בעסער?

נ אָ ט ע

ס׳וועט שוין זיין בעסער — לחיים.

ח י י ם ה ע ר ש, ק ר י י ס ע ל קומען אַריין.

ק ר י י נ ע

געסט, געסט.

ט ו ד ר ו ס

איידער מען הייבט זיך אָן צו קריגען, גיב מיר, חיים הערש, אַ שמעק טאבאק.

בעקומט עס.

ק ר י י ס ע ל

מיר זענען זיך נישט געקומען קריגען, פערקעהרט, מיר זענען געקו־מען אויסמיידען א קריג.

נ א ט ע

נו, וואס ווערסטו זאגען גוטס, חיים הערש? ווערסט אפשר נעהמען א טרונק בראנפען?

ח י י ם ה ע ר ש

איך בין דיר געקומען זאגען, אז עס וועט ווייט פערגעהן.

נ א ט ע

נו, ווערען מיר זיך גרייטען; ביזט עס מיר געקומען זאגען?

ח י י ם ה ע ר ש

יא, איך בין עס דיר געקומען זאגען.

נ א ט ע

האסט עס נישט בעדארפט. ווארום איך האב מיר מיין שכל. און אז איך וויל ווערען אויס קברן קען עס מיר אפילו גאט אליין נישט פערווערען.

ק ר י י ס ע ל

אדרבה, זאל איך גאט העלפען.

ח י י ם ה ע ר ש

דאס איז דיר דיינע א זאך. און, אז דו ווילסט מיר אונטערגרא־בען מיין חיונה, נאך דעם ווי איך האב עס מיט אלע כחות אויפ־געאבערט, זאג איך, אז איך וועל נישט לאזען.

נ א ט ע

נישט לאזען, איז נישט לאזען.

כ א צ ק ע ל

מען קען קיינעם נישט פערווערען.

ח י י ם ה ע ר ש

ביי אזא שענק פרעגט מען נישט!

ט ו ד ר ו ס

איך האב אויך דאס אייגענע געזאגט; מען בעדארף נישט לאזען

א זיכערע פּרנסה און מאכען שותפות מיט'ן ווינד.

קריינע

ווארום ער איז נישט גערעכט?

נאָטע

גרויסע קעפּ מענשען; פארשטעהט א סך מיט נאָך.

קרייסעל

גענוג געזונד האָט עס מיר געקאָסט ביז איך האָב ביי איהם גע־פועל'ט ער זאָל געהן מיט מיר אהער.

נאָטע

וואָס ווילט איהר פון מיר?!

חיים הערש

גאָר נישט!

נאָטע

גאָר נישט איז — גאָר נישט.

קריינע

אדרבה זעצט אייך, זאָל מען זיך דורכרעדען.

נאָטע

נישטאָ פון וואס צו רעדען; איך וועל ביי איהם קיין ווינד נישט צונעהמען.

חיים הערש

אבער מיין חיונה וועסטו צונעהמען!

כאצקעל

קיין פשרות, רב נאָטע, איך האָב אין דעם א פערמעגען אריינגע־לעגט.

נח

בעווייזט זיך אין דער אָפענער טיר.

ביז ער וועט פון דאָרט נישט ארויסגעהן וועט מען צו קיין טאָלק נישט קומען.

כאצקעל

מיך מיינסטו?

נ ח

געה פאר אלדע שווארץ יאהר!

נ אַ ט ע

געה, דו, פאר אלדע שווארץ יאהר.

ח י י ם ה ע ר ש

וואס האָט מען מיר אהער געבראכט? שלאָגען זיך קען איך אויף דער גאס.

ק ר י י נ ע

חיים הערש, זייט נישט קיין קינד. און דו, נח, איך וואלט עס גאר קיין מאָל נישט געגלויבט אויף דיר.

ח י י ם ה ע ר ש

ער איז גערעכט.

נ ח

ביז ער וועט פון שטוב נישט ארויסגעהן וועל איך נישט אריינגעהן.

נ אַ ט ע

פון זיין פלאץ.

געה פאר אלדע שווארץ יאהר: אימיצער האָט געשיקט נאָך דיר?

ק ר י י נ ע

צו נאָטען.

נישט אנדערש דו האסט זיך אָנגע׳שכור׳ט. וואס ווילסטו פון מיין לעבען? רעדט זיך דורך ווי מענשען, וואס האָט זיך אזעלכעס אָנגעצונדען אין אייערע מחות, וואס נאָר קריגען זיך?

ט ו ד ר ו ס

כע, כע — נו, מאך קיין אָנשטעל נישט, חיים הערש, זעץ זיך, גיב אהער קריינע א בענקעל זאָל ער זיך זעצען. אָט אזוי... און דו, שנעק, שטעה נישט אין טיר און בונטעווע נישט. קום אריין זאָל מען זיך דורכרעדען.

נ אַ ט ע

איך האָב נישט וואס צו רעדען, טאַטע.

חיים הערש

איך האָב אויך נישט וואס צו רעדען.

נח

קום טאַטע אַ היים; מיר וועלען זיך שוין אַליין עצה געבען.

טודרוס

שווייג, דו שנעק. אַ עלטערער מענש הייסט דיר שווייגען! און דו, חיים הערש, מאַך זיך נישט נאַריש. ער האָט פריהער אָנ'איבּ-ריג ביסעל בראַנפען גענומען, אבער דו ביזט דאָך ניכטערען.

נאָטע

איך בעט דיר טאַטע מיש זיך נישט אין פרעמדע געשעפטען.

טודרוס

אויב ס'איז פרעמדע עסקים, וועל איך שווייגען.

קרייסעל

ס'איז אַלץ איינס רב טודרוס: איך בעט אייך פאָלגט איהם נישט.

נח

ציגט צו כאַצקלען.

ביז ער וועט נישט ארויסגעהן וועט קיין טאָלק נישט זיין.

קרייסעל

ער זיצט דיר אויפ'ן קאָפּ?

נח

יא, ער זיצט מיר אויפ'ן קאָפּ.

קרייסעל

קענסטו געהן אַ היים אויב דו ווילסט.

קריינע

זי זעצט מיט געוואַלד אַנידער חיים הערש'ען.

נו, וואס שווייגט איהר?

נאָטע

כ'האָב נישט וואס צו רעדען.

קריינע

אויס טרערען.

פאר וואס זענען מיר שונאים געווארען? צוואנציג יאהר אבגעלעבט אין פריעדען און מיט אמאל זענען מיר שונאים געווארען.

נ א ט ע

מסתמא האט עס בעדארפט אזוי זיין.

ט ו ד ר ו ס

רעדט זיך דורך ווי מענשען.

ק ר י י נ ע

קום, נח, אריין. שטעה נישט אין טיר.

נ ח

איך קען דא אויך בעשטעהן.

נ א ט ע

אז מען בעדארף ווערען שונאים — ווערט מען. אזוי בעדארף עס זיין. איהר זענט אנגעקומען אהער און איך בין דא אויפ'ן בית־עולם געבוירען געווארען.

ח י י ם ה ע ר ש

דו האסט א גרינגערע פרנסה פון מיר.

נ א ט ע

איך קען זיך בייטען מיט דיר אויב דו ווילסט.

ח י י ם ה ע ר ש

מוחל... איך ציה די ערדען ביז איך פערדין דאס שטיקעל ברויט. איך בעדארף צו קיינעם נישט אנקומען. מיין שטיקעל ברויט קאסט מיר גענוג פראצע און איך וועל נישט לאזען אז אימיצער זאל עס מיר פון מויל ארויסרייסען. קלאפט מיט'ן פויסט אן טיש. איך וועל נישט לאזען מען זאל מיר מיין ביסען ברויט פון מויל ארויסריי־סען!

ק ר י י ס ע ל

היץ זיך נישט אזוי: מען קען דאך רעדען ווי מענשען.

נ א ט ע

און איך זאג, אז כ'וועל ביי קיינעם קיין ברויט נישט פערנעהמען. מיר איז נמאס געווארען צו זיצען אויפ'ן בית־עולם און אויסקוקען

שטאַטישע מתים. איך האָב א דערוואקסען קינד, איך וויל פון דאנען ארויסציהען און קיינער קען מיר נישט פערווערען.

חיים הערש

טאַ קויף דיר אנ'אנדער פּלאַץ. דאָ האָב איך שוין מיין שפּע איינ־געצויגען און דו וועסט עס מיר אונטערשלאָגען.

קריינדל

ווארום ער איז דען נישט גערעכט?

טודרוס

ווען דיין טאַטע וואָלט איצטער געלעבט וואָלט עפּעס אנדערש דער־וויזען געווארען.

נח

וואס דערצעהלט איהר מעשיות פון אמאָל? ווען כאַצקעל וואָלט זיך נישט אריינגעמישט וואָלט זיי קיין מאָל נישט איינגעפאַלען מילנער צו ווערען.

כאַצקעל

נאַרישקייטען. עס וועט שוין גאָר נישט העלפען. איך האָב אין דעם א פרעמדען פערמעגען אריינגעלעגט. און איהר, נאָטע, זייט קיין קינד נישט; לאָזט זיך גאָר נישט איינרעדען.

חיים הערש

שטעהט אויף.

איך האָב דאָ נישט וואס צו זיצען.

קריינע

איהר בעדאַרפט זיך ניט אזוי רעכענען. גאָט האָט פאַר אלעמען גענוג.

קריינדל

צרות האָט ער גענוג פאַר אלעמען. ווען איהר, קריינעשו, וואָלט וויסען וואס פאַר א צרות מיר נעהמען זיך אויף אונזערע קעפּ. עס וועט נאָר דערפון אנ'אייביגע שנאה ארויסקומען. ס'וועט שוין קיין יום־כפור אויך אפילו נישט העלפען, איך בעט אייך נאָך אמאָל זייט זיך מישב.

נ אַ ט ע
איך האָב זיך שוין מישב געווען.
ח י י ם ה ע ר ש
נישטאָ וואָס צו מאַכען.
נ ח
ציהט דעם פאַטער אַ היים.
קום, טאַטע, א היים. קום דו מאַמע אויך א היים. אז זיי וועלען בעדאַרפען וועלען זיי שוין צו אונז טרעפען.
נ אַ ט ע
וועסט שוין וואַרטען ביז איך וועל קומען צו דיר.
ח י י ם ה ע ר ש
וויל אַרויסגעהן.
ק ר י י נ ע
שטעלט זיך אין טיר.
זאָל איך שלעבען האָבען אויב איך וועל אייך ארויסלאַזען.
ט ו ד ר ו ס
אפשר זאָל מען עס בויען בשותפות?
נ אַ ט ע
פאַר מיינע הענד בעדאַרף איך קיין שותפים נישט.
ח י י ם ה ע ר ש
זאָלען זיי בויען!
ער שפאַרט זיך אַרויס אויף דער גאַס. נאָך איהם נח.
ק ר י י ס ע ל
וואָס איז פאַר אַנ'אַנשיקעניש אויף אונזערע קעפּ? וועט עס גאַר דער וואָס איז הימעל מיינע יסורים נישט אַנזעהן?
געהט אַרויס.
ק ר י י נ ע
שרייט איהר נאָך.
געהט נאָך נישט אוועק, קרייסעל!

נ אָ ט ע

זאָלען זיי געהן פאר אלדע שווארץ יאהר.

ק ר י י נ ע

ביים זיך אָב די צונג!

כ א צ ק ע ל

זאָלען זיי נישט שרעקען די גענז. אויך מיר א מענש. ער וועט נישט לאזען. מען וועט שוין א סך פרעגען ביי איהם. כ'וועל געהן זעהן צי די פוהרען געהען נישט...

ק ר י י נ ע

היט זיך דאָרט, אימיצער זאָל אייך, חלילה, נישט שלאָגען.

כ א צ ק ע ל

איך האָב שוין קיין מורא נישט. זאָלען זיי...

געהט אַרויס.

ק ר י י נ ע

בעטראכט זיך, נאָטע, וואס מען געהט איצטער טהאָן. וואָס פעלט אונז דען דאָ?

נ אָ ט ע

איך וויל מעהר נישט זיין קיין קברן?

ק ר י י נ ע

צונעהמען ביי אַ מענשען די פּרנסה...

נ אָ ט ע

איך נעהם ביי קיינעם נישט.

ק ר י י נ ע

איך האָב דעם גאנצען כאצקלען נישט ליעב.

נ אָ ט ע

דאָס האָט נישט צו דיר און נישט צו איהם. איך וועל איהם בעצאָהלען דאָס וואס ער האָט אויסגעלעגט און ער וועט מיר דאָ קיין גרויסע דעה נישט זאגען.

ק ר י י נ ע

ער מיינט צום בעצאָהלען נאָך עפּעס צו האָבען.

נ אַ ט ע

טאַ וואס זאָרגסטו? האָסט אַ בעסערען שידוך פאַר דיין טאָכ־טער?

ק ר י י נ ע

איך וויל אבער נישט, אז ס׳זאל זיך צופלאַקערען אַ פייער. ס׳איז גלייכער פריהער איידער שפּעטער...

אַ געררויש אין דרויסען פון אָנקומענדע פוהרען.

אַ ש ט י מ ע

הינטער׳ן פענסטער רופט.

כאַצקעל! כאַצקעל!

נ אַ ט ע

די פוהרען זענען שוין אָנגעקומען.

ק ר י י נ ע

כ׳האָב מורא אז צרות נעהמען מיר זיך אויפ׳ן קאָפּ.

נ אַ ט ע

זיי נישט קיין אידענע.

צ י ר ל

גנב׳עט זיך אַרויס פון שטוב.

כ אַ צ ק ע ל

אין טיר.

קומט ארויס, נאַטע; קומט איהר אויך, רב טודרוס. די פוהרען זענען אנגעקומען. וואו וועט מען עס ווארפען?

נ אַ ט ע

אויף מיין פּלאַץ. אפילו די וועלט מעג זיך איבערקעהרען. איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט.

ק ר י י נ ע

טאַמער חלילה וועלען זיי זיך אָנהייבען.

כ אַ צ ק ע ל

איך האָב אָבגערעדט מיט די פּויערים. מען וועט אראָבווארפען און גאָר נישט. און אויב עס וועט קומען צו אַ געשלעג... איך האָב

זיי צוגעזאגט בראנפען. ס׳וועט שוין רעכט זיין.

ק ר י י נ ע

איהר האָט אנגעקוקט חיים הערשען? ווי א גזלן אזוי האָט ער אויסגעזעהן... פלוצלינג. וואו איז דאָס קינד? צירל, וואו ביזטו?

נ אָ ט ע

איז דאָך נאָר וואס געוועזן אין שטוב.

ט ו ד ר ו ס

געהט אַרויס.

א ש ט י מ ע

דרויסען.

כאצקעל! כאצקעל!

נ אָ ט ע

מען געהט, מען געהט! ווארט כאצקעל איך געה אליין וועל איך ווייזען וואו דאָס געהילץ אראָבצוואָרפען.

ק ר י י נ ע

זאָלט איהר מיר לעבען, וואו איז צירל?

נ אָ ט ע

וואָס האסטו זיך דערשראָקען? איז מסתמא ארויסגעגאנגען.

כ א צ ק ע ל

איך געה אליין...

געהט אַרויס.

ק ר י י נ ע

וויינט.

מוחל, מוחל... בעסער וואָלסטו זיך גאָר ניט אנגעהויבען. ברענגען אנ׳אומגליק אויף אונזער שטוב... די קינדער האָבען זיך ליעב.

נ אָ ט ע

וואָס האסטו געזאגט?!

ק ר י י נ ע

דאָס וואָס דו הערסט.

נ א ט ע

אזאַ גאַרנישט וועט מיר שוין אויך זאָגען אַ דעה? איך וועל עס אַרויסשלאָגען פון איהר קאָפּ.

ק ר י י נ ע

זי איז שוין קיין קליין קינד נישט.

נ אַ ט ע

זוכט אין צווייטען צימער.

וואו איז זי? איך וועל איהר די ביינער צוברעכען.. איהר גליק וואָס זי האָט זיך ערגעץ אויסבעהאַלטען.

דרויסען אַ געשריי.

ק ר י י נ ע

גאָט מיין גאָט, וואָס איז דאָרט? אַ געשלעג האָט זיך שוין אָנגע־הויבען.

נ אַ ט ע

לויפט אַרויס.

ק ר י י נ ע

קוקט אין פענסטער.

וואָס איז דאָ אַזעלכעס?... צירעלע, מיין לעבען, וואו ביזטו?

ט ו ד ר ו ס

קומט אַריין.

אַזאַ יונגאַטש קען... אַט דער נח.

ק ר י י נ ע

וואָס איז געשעהן? האָט איהר דאָס קינד נישט געזעהן דרויסען?

ט ו ד ר ו ס

דער גוטער יאָהר ווייסט איהר דאָרט. אַזאַ יונגאַטש. האָט איהם געגעבען מיט אַ דראָנג איבער'ן פּלייצע.

ק ר י י נ ע

וועמען? וואָס רעדט איהר?!

ט ו ד ר ו ס

נח האָט כאַצקלען דערלאַנגט.

צ י ר ל

רייסט זיך אַריין אין שטוב אַ צושראָקענע.

מאמע!...

ק ר י י נ ע

וואו ביזטו געוועז, קינד מיינס? זעה ווי דו ביזט צושראקען...

צ י ר ל

איך האָב זיך דערשראקען...

נ אָ ט ע

לויפט אַריין.

אַט איז זי... איך וועל דיר געבען, דו וועסט מיר אליין אומקריכען...

וויל זי שלאָגען.

ק ר י י נ ע

בעשיצט זי.

אוועק, משוגע'נער. ס'וועט דיר מעהר נישט פעלען טאָמער טהוסטו זי א ריהר.

דרויסען אַ געשריי.

נ אָ ט ע

כאַפּט אַ רידעל און וויל אַרויסגעהן.

ק ר י י נ ע

לאָז דעם רידעל אין שטוב. מיין קינד. לאָז איהם נישט געהן מיט'ן רידעל.

נ אָ ט ע

רייסט זיך אַרויס אויף דער גאַס.

ק ר י י נ ע

צו טודרוס'ן, וואָס קוקט אָנגעשטרענגט אין פענסטער.

געהט איהר שווער אויף ארויס. לאָזט ניט, אז ס'זאָל קומען צו א געשלעג. בלייב דאָ, מיין קינד, איך וועל אליין געהן. וועה איז מיר, ווינד איז מיר! וואס האָט מען געוואָלט האָבען פון מיין לעבען?...

די קולות אין דרויסען ווערען שטאַרקער.

כ א צ ק ע ל

לויפט אריין.

גיט מיר א האק! איך וועל איהם זיין קאפ צושפאלטען.

זוכט.

ק ר י י נ ע

וואס טהוט איהר? קומט בעסער לאמיר זיי פונאנדער נעהמען.
וואס ווילט איהר טהאן מיט א האק?

כ א צ ק ע ל

נישט געפינענדיג, לויפט ארויס.

ק ר י י נ ע

קוקט אין פענסטער.

וועה איז מיר, ווינד איז מיר... די גוים שלאגען זיך. עס פליהען שטיינער ווי קארטאפעל. אוי וועה איז מיר, די גוים הרג'נען זיך...

ק ר י י ס ע ל

לויפט אריין.

וואס זיצט איהר קריינע אין שטוב? לאמיר לויפען זיי צונעהמען. מען וועט זיך נאך חלילה צום טויט פער'הרג'נען. אפשר פופציג גוים האבען זיך צובונטעוועט. ער האט זיי אנגע'שיכורט, אז מיר ארט נישט. זאל מען בויען, זאל מען...

נ ח

הינטער'ן פענסטער.

מאמע, קום ארויס פון דארטען!

ק ר י י נ ע

קום אריין נח'ל; קום אריין אין שטוב.

ק ר י י ס ע ל

קום אריין, מיין קינד.

צ י ר ל

נח, קום אריין אין שטוב!

ק ר י י נ ע

רוף דעם טאטען אהער.

קרײסעל

ער איז אנטלאָפען געווארען... קומט קריינעשו, מיין גאלד, לאָמיר זיי מיט געוואלד ארייננעהמען. קומט, זאָלט איהר מיר געזונד זיין.

קריינע

איך געה, איך געה.

קרײסעל

קום דו, צירל, אויך מיט אונז. וועסט וויינען פאר דיין טאַטען, וועסט קלאָגען. ער וועט פאלגען, ווארום איך וועל עס נישט אויס־האלטען.

דרײסען אַ ליארם.

קריינע

קומט גיכער, לאָמיר זיי נישט דערלאזען... צירל וועט זיין אין שטוב.

לויפען ביידע אַרויס.

צירל

בלייבט אַליין. לויפט אַ צושראָקענע צו די פענסטער.

דאָבע

קומט אַריין. בלייבט נעבען טיר.

מען שרייט אויף דער גאַס. מען וועקט מיינע קינדער אויף. דרוי־סען שרייט מען נאָך שטאַרקער. מיינע קינדער! מיינע קינדער... מען וועט זיי נאָך מיט שטיינער דער'הרג'נען...

צירל

געה ארויס פון דאנען, איך האָב מורא פאר דיר.

דאָבע

מען וועקט מיינע קינדער אויף. זיין וועלען מיר נישט לאָזען א גאַנצע נאכט שלאָפען.

צירל

געה ארויס פון דאנען.

ד א ב ע

הערט זיך צו.

מיינע קינדער וויינען. אלע האבען זיך שוין אויפגעכאפּט.

צ י ר ל

שרייט.

מאמע! מאמע! קום אריין אין שטוב!

ד א ב ע

אַ... מיינע קינדער... דרויסען אַ געשריי, זי לויפט אַרויס.

ק ר י י נ ע

שלעפּט מיט געוואלד נאָטען פאר אַ פּאָלע. וויינט.

שוין. מאך א סוף פון מיין לעבען, וואס ווילסטו נאָך, נעהם און גראב אויס א קבר און וואַרף אריין דיין ווייב מיט דיין קינד און א סוף מיט אנ'עק זאָל עס נעהמען.

נ א ט ע

איך וועל טהאָן וואס כ'וועל וועלען.

ק ר י י נ ע

דו וועסט טהאָן וואס דו וועסט וועלען, אבער איצטער זיץ אין שטוב!

נ א ט ע

וויל אַרויסגעהן.

ק ר י י נ ע

איך וועל מיר א מעשה אָנטהאָן. לאָז איהם נישט געהן, מיין קינד.

ט ו ד ר ו ס

קומט אַריין.

אנ'איינפאל אביסעל. צובונטעווען גוים זיי זאלען זיך שלאָגען. בע־בע, וועמעס ארבייט איז עס געווען? אויב באצקעל האָט עס געטהאָן — האב איך פיינד אזעלכע מלאכות.

ק ר י י נ ע

בעסער, שווער, לאָזט איהם נישט ארויסגעהן אויף דער גאַס.

נ אַ ט ע

האָב קיין מורא נישט. איך בעדאַרף די קריגערייען נישט האָבען. אויף מיין פּלאַץ קען איך טהאָן וואס איך וויל... צו צירלען. און דו וועסט זיך חבר'ן מיט זיין זוהן — איך וועל פון דיר דיין פּעל אראָבשינדען. דו האָסט געהייסען דערלאַנגען כאַצקלען מיט א דראַנג ? !

צ י ר ל

איך חבר זיך נישט.

ט ו ד ר ו ס

וואס אנ'אמת איז אנ'אמת, דער בחור געפעלט מיר.

נ אַ ט ע

ווערט ער די כפּרה מיט זיין טאַטען.

ט ו ד ר ו ס

ס'איז אנ'עולה, נאַטע.

נ אַ ט ע

ס'איז מיינע דאגות. דו חצופה, דו וועסט נאָך העזה האָבען קריכען דעם טאַטען אין וועג אריין ? וואס האָסטו אזעלכעס געזאָגט כאַצקלען ?

צ י ר ל

וואס כ'האָב איהם געזאָגט ?

נ אַ ט ע

יאָ, וואָס האָסטו אזעלכעס געזאָגט... וואס וויינסטו ? וואס קלאָגסטו ? ס'איז נאָך פון דער ערד נישט אויסגעוואקסען און...

ט ו ד ר ו ס

לאָז זי אב. זי פערשטעהט גאר נישט, זי ווייסט גאָרנישט. איך האָב איהם אויך נישט פיינד. אַ בריה אַ בחור.

נ אַ ט ע

ועמען מיינסטו ?

ט ו ד ר ו ס

איך מיין ועמען איך מיין. מאַך קיין אנשטעל נישט.

ק ר י י נ ע

באצקעל נעהמט נאך דערווײלע נישט דיין טאכטער.

נ א ט ע

איז נישט. וועל איך מיר טאקע אוועקזעצען קלאגען.

צ י ר ל

ער איז א גרויסער בעריהמער; א ליגנער.

נ א ט ע

מען פרעגט נישט ביי דיר.

צ י ר ל

ער האט זיך פאר מיר בעריהמט, אז ער וועט דיך פאר א גביר מאכען.

נ א ט ע

איך קען אליין מיין שטעדטיל בעשטעהן!

ק ר י י נ ע

אפשר קען מען זיך נאך איצטער דערפון אבוואַרפען? זאל ער בויען אליין. זאל ער טהאן וואס ער וויל?

נ א ט ע

דאס וועלען מיר שוין זעהן. זאל חיים הערש נישט מיינען, אז די גאנצע וועלט איז זיינע. ער זאגט, אז ער וועט נישט לאזען. איך וואוין דא לענגער פון איהם. איך האב דא מיינע אדערען אויס־געצויגען און ער וועט מיר גאר דא קומען דעות זאגען.

דרויסען געשרייען.

ב א צ ק ע ל

לויפט אריין א צושראקענער, פערמאכט די טיר הינטער זיך. עס הערט זיך א קלאפ אין טיר ווי מען וואלט מיט א שטיין דערלאנגט.

ק ר י י נ ע

וואס איז ווידער?

נ א ט ע

ווער איז עס?!

כ א צ ק ע ל

איך וועל איהם היינט אין דער ערד אריינשלאָגען.

ט ו ד ר ו ס

ווער איז עס, נח?

כ א צ ק ע ל

ווען איך לויף נישט אריין אין שטוב וואָלט ער מיר דעם קאָפּ צושפּאָלטען.

נ אָ ט ע

זיי אין שטוב... ביי מיר איז שוין פריהער רעכט געווען צו נאָכ־געבען; נאָר איצטער... אפילו מיין קאָפּ זאָל אין דער ערד ליגען, איך וועל שוין נישט נאָכגעבען...

כ א צ ק ע ל

ווי די גאנצע וועלט וואָלט פאר זיי נאָר געווען.

נ אָ ט ע

מיר וועלען שוין זעהן...

א שטיין טרעפט אין פענסטער. די שויבען ווערען צושמעטערט. אַלע טרעטען אָב אין אַ זייט.

ק ר י י נ ע

אין גאָטעס ווילען, ווער טהוט עס?!

נ אָ ט ע

ווער איז דער ווארפער, איך וועל איהם א לעבעדיגען בעגראבען.

ט ו ד ר ו ס

געהט אב פון פענסטער. עס קען נאָך א שטיין פאלען.

נ אָ ט ע

בעקוקט דעם שטיין.

אַ שטיין אביסעל... איצט זעהט אויס, וועט קיין שלום שוין נישט זיין.

דורכ'ן פענסטער פליהט אַריין אַ צווייטער שטיין. דער עולם דערשראָקען בלייבט שטעהן פאָרזיכטיג אין אַ זייט קוקענדיג צום פענסטער און ווארטענדיג אויף אַ דריטען שטיין.

פיערטער אקט

בײַ חיים הערש׳ן. הערבסט. בײַנאַכט.

קרייסעל

זיצט בײַם אויווען, פליקט פעדערען.

חיה

העלפט איהר כלומר׳שט צו.

קרייסעל

איך בעט דיר, העלף מיר נישט, ווארום דו פיהרסט נאָר איבער די פעדערען.

חיה

איך פיהר נישט איבער.

קרייסעל

רעד צו איהר און רעד צו דער וואנד — אלץ איינס.

חיה

פאר וואָס פליק איך שלעכט?

קרייסעל

דו ברעכסט אָב שלעכט די שטעקלאַך און עס בלייבט איבער אין די פעדערען און דערנאָך שטעכט עס אין קאָפּ. געה ארויס און זאָג דעם טאַטען ער זאָל ארייַנקומען עסען וועטשערע, ווארום, זאָג איהם, עס וועט ווערען קאַלט.

חיה

נאָך צעהן פעדערען וועל איך אבפליקען... נו שוין נאָך פינף און דערנאָך וועל איך געהן.

קרייסעל

מעהר רעד איך נישט צו דיר.

חיה

נו שוין, נאָך צוויי, נאָך איינעם... אָט געה איך שוין...

זי עפענט די טיר אַרויסצוגעהן, נאָר בעמערקענדיג אומעצען הינ־טער׳ן טיר דערשרעקט זי זיך און אַ געשריי געבענדיג לויפט זי צו דער

מוטער.

קריינדעל

וואס איז געשעהן?

חיה

אימעצער שטעהט הינטער'ן טיר.

קריינדעל

ווען האסטו געזעהן?

חיה

אפשר די משוגע'נע דאבע. כ'האב זיך אזוי דערשראקען.

קריינדעל

געהט צום טיר.

ווער איז דארט?

חיה

הינטערן טיר קוק, מאמע.

קריינדעל

צירל איז עס גאר... גאט איז מיט דיר, צירל, וואס שטעהסטו הינטערן טיר? קום אין שטוב אריין.

חיה

לויפט אויך צום טיר.

טאקע צירל.

קריינדעל

זי פיהרט אריין ביים האנד צירל'ן א בלאסע און צושראקענע.

וואס איז מיר דיר, מיין קינד? ווי קומסט אהער איצטער?

צירל

איך האב מורא דער טאטע זאל מיר נישט דערזעהן. ער קאן זיך דערוויסען אז איך בין דא.

קריינדעל

האב קיין מורא נישט. איך וועל נישט לאזען מען זאל דיר בייז טהאן. אבער וואס איז געשעהן?

צירל

אוים טרערען.

פארוואס זענען מיר אזעלכע שונאים געווארען?

קרייסעל

וואָס קען מען העלפען, מיין קינד? מסתמא וויל אזוי גאָט. איך האָב אייך קיין שלעכטס נישט געוואונשען. אָבער, זאָג מיר פאָרט וואס איז אזעלכעס געשעהן וואס דו ביזט פון דער היים אוועק?

צירל

דער טאַטע האָט מיך געשלאגען בין איך פון דער היים אנטלאפען.

קרייסעל

וועה איז מיר, וואס האָט ער צו אזא טייער קינד?

צירל

איצטער זיצט ביי אונז כאצקעל, בין איך פון שטוב אנטלאָפען געוואָרען.

קרייסעל

האָסט עס נישט בעדארפט טהאָן, נשמה מיינע. ס'איז דאָך אזוי נאָהנט, דער טאַטע קען זיך נאָך דערוויסען, אז דו ביזט. עס פעהלט מיר חלילה נאָך. —

חיה

אריינרופען דעם טאַטען עסען וועטשערע?

קרייסעל

ווארט א מינוט. איך האָב מורא, אז דער טאַטע...

צירל

איך וועל פון דאנען מיט גוטען נישט אוועקגעהן.

קרייסעל

האָסטו נח'ן געזעהן?

צירל

ניין. נח איז מיר א שונא געווארען.

קרייסעל

רעד נישט אזעלכע ווערטער — וואָס קען ער חלילה האָבען צו דיר?

צירל

ער ווייזט זיך אפילו נישט. איך וויים פאר וואס. אלע זענען מיר שונאים געווארען, און איך האב זיך נישט וואו אויסצובעהאל־טען.

קרייסעל

ביזטו אהער געקומען. אך, דו נאריש קינד. זעהסטו, אזוי וויל גאט. וואלט איך דען, קינדערלאך, געהאט עפעס, חלילה, געגען אייך? האבען זיך די טאטעס איינגע'עקשנ'ט איינער דעם אנדערען אומגליקליך צו מאכען. איך וויין, איך קלאג — עס העלפט נישט. וואס קען איך דען מעהר טהאן?

צירל

די מאמע האט מיט'ן טאטען גערעדט, געוויינט. ער האט נישט געוואלט פאלגען.

קרייסעל

וואס קומט דערפון ארוים? איצטער האבען מיר ביידע קיין פרנסה נישט.

צירל

כאצקעל מאנט ביים טאטען געלד און דער טאטע האט איהם נישט צו געבען.

קרייסעל

פרעג צוואוואס האט מען עס בעדארפט?

צירל

טוליעט זיך צו קרייסלען.

וואס וועט איצטער זיין? וואס וועט איצטער זיין?

קרייסעל

וועסט מוזען פאלגען דעם טאטען. איך האב צו דיר חלילה גאר נישט.

צירל

וואס בעהאלט זיך נח אוים, איך זאל איהם קיין מאל נישט זעהן?

ק ר י י ס ע ל

נח פּאַלגט אויך זיין טאַטען.

צ י ר ל

איך וועל איהם אליין בעטען.

ק ר י י ס ע ל

ווען מיינסטו?

צ י ר ל

איך וועל בעטען אייער מאַן ער זאָל ווערען שלום מיט אונז. איך קען מיין טאַטען נישט בעטען. ער כאַפּט זיך באַלד שלאָגען, איך שעהם זיך צו דערצעהלען וואָס ער מאַכט פון מיר.

ק ר י י ס ע ל

נישט געדאַכט זאָל עס ווערען...

ח י ה

אַ, ווען מען שלאָגט מיך וואָלט איך —

ק ר י י ס ע ל

שוייג, מען פרעגט נישט ביי דיר וואָס דו וואָלסט געטהאָן. געה רוף אריין דעם טאַטען. זאָג איהם אז אימעצער איז דאָ אין שטוב. אפשר קען נח אויך אריינקומען.

ח י ה

געהט אַרויס.

צ י ר ל

פאַלט צו צו קריינסלען.

האָט רחמנות אויף מיר. ראַטעוועט מיר פון מיין היים. נעהמט מיר אריין אין אייער שטוב. איך וועל אָהן נח'ן נישט איבערלע־בען.

ק ר י י ס ע ל

האָסט נח'ן אויך אזעלכעס געזאָגט.

צ י ר ל

ניין. איהם קען איך עס נישט זאָגען. דערפאַר וואָס ער איז זעהר גרויס ביי זיך און איך בין עס אויך. ער האַלט מיט'ן טאַטען זיי־

נעם און איך... איך בעט אייך... איך וועל ארויסגעהן איידער אייער מאן קומט אריין.

קרייסעל

איך האב פאר דיין טאטען נאך מעהר מורא. ער וועט זיך דער־וויסען אז דו ביזט דא וועט ער נאך די שויבען אויסשלאגען. פאלג מיר מיין קינד און געה אהיים.

צירל

ברעכט די הענד.

ווי זאל איך געהן? וואוהין זאל איך געהן? איך וועל אין דער וועלט אריין אנטלויפען. איך וועל לויפען צוריק אויפ׳ן בית־עולם און א לעבעדיגע זיך אין קבר ווארפען.

קרייסעל

איך האב, חלילה, צו דיר גאר נישט. נו, זיי נישט אזוי צושראקען זי קושט איהר און בערוהיגט איהר. זיי נישט אזוי געפאלען ביי זיך, עס קאן נאך אלץ געמאלט זיין.

קריינע

קומט אריין נישט טויט, נישט לעבעדיג.

דא איז זי גאר, ווען איז דער מאמען.

קרייסעל

איהר זענט נישט אין קיין פרעמדע שטוב און איך ווינש אייך קיין בייז נישט. קינדער ווילען נישט וויסען פון דעם, וואס טאטע מאמע זענען אויף שטעך־מעסער.

קריינע

א היים זאלסטו מיר געהן!

קרייסעל

טרייבט זי נישט מיט געוואלד. אז זי איז אהער געקומען מסתמא ווייסט זי אז דא איז מען איהר קיין שונאים נישט. גאטעניו, וואס איך ווינש איהר זאל עס אויסגעהן צו מיין קאפ.

קריינע

וואס ווילט איהר פון מיר האבען?

ק ר י י ס ע ל

איך וויל פון אייך גאָרנישט, קריינעשו. זאָל מיר גאָט שטראָפען אויב איך מיין חלילה אין הארצען עפעס אנדערש.

ק ר י י נ ע

צו צירלען.

מיין קרוין, מיין לעבען: קום אהיים, ווארום דער טאַטע וועט די שטוב איבערקערען.

צ י ר ל

אין דער היים איז מיר שלעכט — אנקלויף איך.

ק ר י י נ ע

וואָס רעדסטו, מיין קינד? וואָס איז דיר שלעכט אין דער היים? איך מאַך דאָך קיין אויג נישט צו ביי נאכט און אלץ צוליעב דיר. וואָס איז דען מיין לעבען וועט חלילה אָהן דיר?

צ י ר ל

באַצקעל וועט מיין חתן נישט זיין!

ק ר י י נ ע

געהערט רייד אַ ביסעל? דאַריבער אנקלויפסטו פון דער היים. און אויב אנקלויפען ביזטו אהער געקומען... גאָטעניו פאָטער, וואָס שטראָפסטו מיר אזוי שווער?

צ י ר ל

אויב דו ווילסט נישט, איך זאָל דאָ זיין, וועל איך אויף דער גאַס ארויס, אבער א היים וועל איך נישט געהן ווי לאַנג ער וועט זיצען אין שטוב ביי אונז.

ק ר י י נ ע

ער איז שוין לאַנג אוועקגעגאַנגען.

צ י ר ל

איך וויים, אז ער איז נישט אוועקגעגאנגען. וואָס ווילסטו האָבען פון מיר, מאַמע? איך האָב א הארץ און ס'הארץ לאָזט מיר נישט... — איך קען נישט מאַמע, שלאָגט מיר, שניידט מיר אויף שטיקער — איך וויל נישט.

ק ר י י נ ע
נישט אנדערש דו ביזט פון זינען אראב. פון וועמען האסטו אזעל־
כע ווערטער געהערט?
צ י ר ל
איך האב עס פון קיינעם נישט געהערט. איך אליין זאג, אז איך
וועל א היים נישט געהן, ביז דער טאטע וועט מיר צוזאגען, אז ער
וועט מיך נישט טרייבען צו איהם.
ח י י ם ה ע ר ש
קומט אריין, הינטער איהם געהט חיה.
ק ר י י נ ע
וויינט.
גאטעניו פאטער, וואס האסטו צו מיין לעבען?...
ח י י ם ה ע ר ש
קוקט פערדעכטיג צו דעם אלעמען. ער זעצט זיך אנידער. שווייגט.
ק ר י י ס ע ל
נו, וואס שווייגסטו, חיים הערש?
ח י י ם ה ע ר ש
כ'האב גאר נישט וואס צו זאגען. איך קוק, וואס עפעס פלוצלונג
צו מיר זיך אראבגעלאזען — א צרה געטראפען אין מיהל, זאל איך
אפשר געהן פאריכטען? די מיהל שטעהט זעה איך.
ק ר י י נ ע
איהר טארט עס נישט רעדען, חיים הערש!
ח י י ם ה ע ר ש
וועסט מיר, קרייסעל, געבען עסען. איך בעדארף געהן אין מיהל
אריין. דער אינגעל וועט זיך נישט קענען אליין אנ'עצה געבען.
ק ר י י ס ע ל
זעה, זיי זענען געקומען אהער — אפשר האבען זיי עפעס צו רע־
דען.
ח י י ם ה ע ר ש
איצטער רעדען? וואס וועט איצטער פון רעדען ארויסקומען? דאס

וואָס עס האָט בעדאַרפט — איז געשעהן. אייך, ווייבער, האָט זיך אפשר פערבענקט איינער צום אנדערען, איך בענק נישט נאָך נאָטען. דער אלטער קומט נאָך א שמעק טאַבאַק בעטען — און אפשר אויסצוקוקען וואָס ביי מיר אין מיהל הערט זיך — ווער ווייסט!

קריינע

גאָט איז מיט אייך, חיים הערש...

חיים הערש

אויב איהר זענט געקומען אויספאָרשען וואָס ביי מיר הערט זיך, קען איך אייך זאָגען, אז איך האָב פאר אייך קיין מורא נישט! גאָט צו דאנקען, ער פערלאָזט מיר נישט.ארבייט האָב איך גענוג, געזונד בין איך אויך... צו קרייסלען. דו גיסט מיר עסען? איך האָב קיין צייט נישט צו וואַרטען.

קריינע

אמת'ע רשעים.

קרייסעל

בעדאַרפסט אזעלכעס נישט רעדען, חיים הערש, די קינדער אין די אויגען.

חיים הערש

וואָס האָט עס מיט די קינדער צו טהאָן? זאָלען די קינדער אויך וויסען, אז נאָטע מיט חיים הערשען זענען זיך שונאים איינער דעם אנדערען. זאָלען די קינדער וויסען, אז נאָטע האָט זיך אויף מיר אנגעזעצט דעם ביסען ברויט פון מויל ארויסצורייסען. נאָטע וועט פאַר געלד זיין איינציגע טאָכטער אויך פערקויפען. איך פערשטעה אלץ. צו צירלען. דיין טאַטע וויל דיר צום יונגאטש פערקויפען און דו ווילסט נישט — דאָס איז די מעשה. איך ווייס עס... איך האָב פאר אייך קיין מורא נישט. איהר וועט מיר מיין ברויט נישט צונעהמען!

קריינע

קוקט איהם אָן. פּלוצלונג.

טפוי, זאָלט איהר ווערען.

געהט ארויס פון שטוב.

צירל

וועלכע איז די גאנצע צייט געשטאנען מיט'ן פנים צום פענסטער וויל אויך ארויסגעהן.

חיים הערש

געה נאך נישט אוועק. ווארט, איך וויל דיר זאגען וואס דו זאלסט איבערגעבען דעם טאטען

קרייסעל

איך בעט דיר, חיים הערש, זאלסט שווייגען. זי נעהמט ארום ציר־לען, קושט זי און פיהרט זי ארויס פון שטוב. זיי נישט צושראקען מיין קינד. קיין בייז זאל נישט זיין, געה אהיים און שרעק זיך נישט. הער נישט וואס מיין מאן רעדט.

חיים הערש

זאלסט שוין יא הערען וואס איך רעד. דו געה אהיים און זאג דיין טאטען ער זאל געהן צוריק אויפ'ן בית עולם קברים גראבען. און די מיהל זאל ער מיר איבערגעבען, וועל איך איהם בעצאהלען פאר איהר. איך בין נאך גענוג רייך.

לאכט.

קרייסעל

חיים הערש, איך וועל מיר א מעשה אנטהאן.

חיים הערש

שרייט אין מיר ארויס איבער קרייסעל'ס קאפ.

נישט נאר איין אומגליק וועט זיך אויף דיין טאטען ארויפכאפען, דאס איז נאר אנ'אנהויב!...

קרייסעל

שטום, שטום שוין אמאל. —

חיים הערש

זאל זי געהן פאר אלדע שווארץ יאהר. וואס איז זי געקומען אהער?

ק ר י י ס ע ל

דערלאַנגט איהם אַ שיסעל וועטשערע.

עס, עס, און דרעה מיר נישט מיין קאָפּ.

ח י י ם ה ע ר ש

רוקט אָב פון זיך די שיסעל.

כ'בין דיר מוחל... וואס האָבען זיי דאַ געוואלט?

ק ר י י ס ע ל

גאָר נישט.

ח י י ם ה ע ר ש

זיי האָבען דאָך עפּעס יאָ געוואלט. ביי איהר זענען געווען די אויגען פערוויינט דאכט זיך מיר.

ק ר י י ס ע ל

ביזט נאָך ערגער פון נאָטען. אזעלכע רייד ווי דו האסט גערעדט קען נאָר א מענש מיט א גזלנ'שע הארץ.

ח י י ם ה ע ר ש

אפשר זאָל איך זיי שיקען מיין זוהן? די מיהל שטעהט דאָרט, עפּעס איז דאָרט קאַליע געוואָרען.

ק ר י י ס ע ל

רעד נישט צו מיר.

ח י ה

אין פענסטער קוקענדיג.

צירל איז צו אונזער מיהל געגאַנגען.

ח י י ם ה ע ר ש

שפּרינגט אויף.

איך וועל זי פון אלע טרעפּ אראָבוואַרפען.

ק ר י י ס ע ל

זאָלסט נישט געהן זאָג איך דיר. איך וועל זיך א מעשה אנטהאָן.

שטעלט זיך אין טיר.

ח י י ם ה ע ר ש

לאָז מיר, זאָג איך דיר.

ק ר י י ס ע ל

נעהם א מעסער און צושנייד מיר מיין הארץ. איך וועל דיך אוועק־ווארפען און לויפען אהין וואו די אויגען וועלען מיר טראגען.

ח י י ם ה ע ר ש

וויל אויפמאכען די טיר וועלכע קרייסעל בעשיצט מיט אלע כחות.

דו ווערסט מיר לאזען צו גיין?

ק ר י י ס ע ל

הרג'ע מיך, איך וועל דיך נישט לאזען.

ח י י ם ה ע ר ש

נישט אנדערש ביזט משוגע געווארען. זעה נאר ווי דו זעהסט אויס...

ק ר י י ס ע ל

אדער מיין לעבען אדער דיין לעבען, איך וועל דיר נישט לאזען געהן... איך וועל עס אפשר נישט אויסהאלטען.

וויינט.

ח י י ם ה ע ר ש

געהט אוועק פון טיר.

איך קען שוין זעהר שעהן אויסזעהן. אלע האבען געמאכט א יד־אחת געגען מיר.

ק ר י י ס ע ל

די קינדער האבען זיך ליעב. זיי קענען איינער אהן דעם אנדערען נישט לעבען.

ח י י ם ה ע ר ש

איך וועל איהם ארויסטרייבען ווי דעם משוגע'נעם הונד.

ק ר י י ס ע ל

זי האט דא געוויינט ווי א קינד וואס דער טאטע וויל זי אוועק־געבען צו כאצקלען.

ח י י ם ה ע ר ש

ביזטו די שרכנ'טע פאר דיין קינד? עס וועט נישט זיין!

ק ר י י ס ע ל

עס וועט יא זיין.

ח י י ם ה ע ר ש

עס וועט נישט זיין! סיידען מיין קאפּ וועט ליגען אין דער ערד.

ק ר י י ס ע ל

מען וועט ביי דיר נישט פרעגען.

ח י י ם ה ע ר ש

מען וועט שוין ביי מיר יא פרעגען... איך זאָג, עס וועט נישט זיין סיידען מיין קאפּ וועט ליגען אין דער ערד. געה, חיה, זאָג נח'ן ער זאָל די מינוט פערשטעלען די מיהל און קומען אין שטוב אריין.

ק ר י י ס ע ל

געה נישט, מיין קינד.

ח י י ם ה ע ר ש

וויל נעהמען דעם פּאס...

זאָלסט מיר שוין געהן.

ח י ה

לויפט אַרויס.

ק ר י י ס ע ל

וואס ווילסטו האָבען פון מיין לעבען? וואס האָסטו זיך אנגעזועצט אויף מיין לעבען?

ח י י ם ה ע ר ש

זאָל ער אהער קומען. איך וועל איהם די ביינער צוברעכען, אזוי וועט עס נישט פערבלייבען. אָדער מיין לעבען אָדער זיין לעבען קלאפּט אין טיש. אָדער מיין לעבען אָדער זיין לעבען.

ק ר י י ס ע ל

משוגענער.

ח י י ם ה ע ר ש

מען קען שוין משוגע ווערען פון אַזעלכע ווייב און קינדער.

ק ר י י ס ע ל

געה עסען.

ח י י ם ה ע ר ש

איך בין שוין זאַט.

קרייסעל

איך פרעג דיר, וואס איז דאס קינד שולדיג, אז איהר טאטע איז א רשע? זי האט דא געוויינט, אז ס'האט מיר מיין הארץ געשני־טען.

חיים הערש

עס וועט גאר נישט העלפען. באלד קומט צו אלץ א סוף. קוקט אין פענסטער. אט אזוי. ער האט פערשטעלט די מיהל.

קרייסעל

מיר וועלען שוין זעהן. מיינסט אז דו פערצאפּסט מיר דאס בלוט וועט עס דיר געשענקט ווערען?

הינטער דער טיר הערט זיך נח'ס רעדען.

חיים הערש

מיט וועמען רעדט ער עס?

נח

בעוויזט זיך אין טיר. פיהרט פאר'ן האנד צירלען.

קום אריין, האב קיין מורא נישט.

חיים הערש

וועמען פיהרסטו דארט?

קרייסעל

קום אריין צירל, האב קיין מורא נישט. איך וועל נישט לאזען מען זאל דיר חלילה בייז טהאן.

קומען אריין. צירל בלייבט נעבען טיר.

חיים הערש

קום צו מיר מיין זוהן.

נח

וואס ווילסטו?

חיים הערש

האסט די מיהל פערשטעלט? זיי קענען דארט מיינען, אז ביי מיר אין מיהל איז שוין נישטא וואס צו טהאן, אז כ'האב שוין חלילה נישט וואס צו מאהלען. צו צירלען. קענסט זאגען דיין טאטען, אז

ווען ביי איהם וועט שוין פייפען דער דלות וועל איך נאָך האָבען פון וואָס שבת צו מאַכען.

נ ח

פאר וואָס האָסטו געהייסען די מיהל פערשטעלען?

חיים הערש

ווייל איך וויל דיך מעהר נישט האָבען פאר קיין מילנער און איך וויל דיך נישט האָבען פאר קיין קינד!

נ ח

איז נישט.

חיים הערש

דיין פוס זאָל דאָ מעהר נישט זיין!

נ ח

אפשר וועסטו זיך אָהן מיר מאַכען בעסער.

חיים הערש

צו צירלען ווייזענדיג.

ווער איז זי דיינע?

נ ח

זי איז מיינע גאָר נישט.

חיים הערש

איז זי דיינע גאָר נישט, טאָ פאר וואָס געהט זי אהער?

נ ח

שווייגט.

חיים הערש

וואָס שווייגסטו? איך פרעג דאָך עפּעס ביי דיר?

נ ח

גאַנץ אונערוואַרטעט.

איך וויל נישט דו זאָלסט זי פערשעהמען ווען זי קומט אהער.

חיים הערש

אַזוי גאָר... נו גוט. איך וויל זי נישט פערשעמען... קום צו מיר צירל. האָב פאר מיר קיין מורא נישט.

קרייסעל

אסור וועט דיר זיין אויב דו וועסט איהר אזעלכעס זאגען...

חיים הערש

מעגסט צו מיר צוגעהן.

צירל

געהט צו.

חיים הערש

אט זעהסטו, מיין קינד איז מיר א שונא. איך פרעג איהם און ער ענטפערט נישט.

צירל

וואס האט איהר צו מיר, אויב מיין טאטע האט אייך שלעכטס געטהאן?

חיים הערש

רעדסט ווי אנ'אלטער, טאקע וואס האב איך צו דיר...

צירל

גלויבט מיר, אז איך האב נישט איין מאל געוויינט און געקלאגט. אז דער טאטע זאל עס נישט טהאן.

חיים הערש

און ער האט דיר נישט געפאלגט. — זאג מיר, ווער שיקט דיך אבער צו פערדרעהען מיין קינד דעם קאפ?

קרייסעל

חיים הערש, איך וועל דיך אוועקווארפען.

צירל

איך בין אין דעם נישט שולדיג. איך פאלג אויך נישט צוליעב דעם מיין טאטען און מיין מאמען — וואס קען איך העלפען?...

חיים הערש

געהט ביידע פאר אלדע שווארץ יאהר!

נח

איך זאג דיר, טאטע, נאך אמאל, אז איך קען אליין מיין שטעדטיל בעשטעהן.

חיים הערש

אויב דאָס איז דיין כלה, געה זיך מיט איהר. געה צו נאַטען. דיין פּוס זאָל דאַ מעהר נישט זיין. איהר האָט דאָך שוין ביידע געוויס אבגערעדט אפילו ווען חתונה זאָל זיין...

קרייסעל

בעדענק דיר חיים הערש וואס דו רעדסט. האָב גאָט אין הארצען. געה מיין קינד, נח'ל, געה לאָז די מיהל און שטעה נישט דאַ.

חיים הערש

צושרייט זיך.

מען בעדאַרף נישט! איך קען אליין, איך אליין, אליין!...

דאָבע

קומט אַריין. בלייבט שטעהן נעבען טיר.

קרייסעל

נא דיר נאָך אַנ'אנשיקעניש. וואס בעדאַרפסטו איצטער דאַ? ווילסט עסען?

דאָבע

מיינע קינדער ווע̇לען וויינען... שרייט נישט...

חיים הערש

טפוי, צו אלדע שווארץ יאָהר זאָל געהן...

דאָבע

איך קען די קברים נישט עפענען.

חיים הערש

ווערט געזעצט.

אפשר זאָל מען איהר געבען עסען... געטראָפען ווען צו קומען.

דאָבע

איך קען די קברים נישט עפענען; זיי ווע̇לען פון הונגער אויסגעהן.

קרייסעל

קוועטשט מיט די פּלייצעס.

וואָס איז דאָס פאַר א קללה? א צוגאָב צו מיינע צרות...

ח י י ם ה ע ר ש

א פייער זאָל עס אָנצינדען, ווי מען קען זיך נישט אויסבעהאַלטען... פרעג איהר קרייסעל וואס זי וויל דאַ?

ט ו ד ר ו ס

קומט אָן. אין מעהל פערפּולעט.

ד א ב ע

דערזעהט טודרוסען מאַכט זי זיך שטיל אַרויס פון שטוב.

ח י י ם ה ע ר ש

איך וועל שוין דאַ גאר היינט קיין רוה נישט האָבען.

ט ו ד ר ו ס

א גוטער אבענד!... ווער איז ארויסגעלאפען, דאבע?

ח י י ם ה ע ר ש

שטעלט זיך. מיט אַ בייזען בליק ווענדענדיג זיך צו טודרוס'ן.

ט ו ד ר ו ס

איך האָב געזאגט גוט נאָבענד...

ק ר י י ס ע ל

א גוט יאהר.

ט ו ד ר ו ס

איידער מען הייבט זיך אָן צו קריגען גיב מיר, חיים הערש, א שמעק טאבאק.

ח י י ם ה ע ר ש

דערלאנגט איהם די פּושקע טאַבאַק.

נו וואס וועט איהר זאגען?

ט ו ד ר ו ס

כ'האָב צייט.

קלאפּט אָפּ די מעהל פון היטעל.

ק ר י י ס ע ל

א גוט יאהר אויף אייך וואס איהר זענט געקומען אהער.

ט ו ד ר ו ס

איך בין געקומען נאָך א שמעק טאבאק. מיינער איז מיר אויסגע־געגאנגען... און צירל... גוט מוטיג. געה אהיים דו חצופה... דער טא־

טע האָט דיך אויסגעצוואָגען?

ק ר י י ס ע ל

א שעהנעם זוהן האָט איהר אויסגעהאָדעוועט.

ט ו ד ר ו ס

נישט געשריען, נישט געבייזערט זיך. איך בין געקומען, איך וויל שלום זאָל זיין, אז מען וועט עס נישט איינלעשען בעצייטענס ווער וויסט צוואוואס עס וועט נאָך קומען. וואָס געווען איז געווען מען בעדאַרף מאכען שלום.

ח י י ם ה ע ר ש

דאָס וועט נישט זיין.

ט ו ד ר ו ס

עס וועט שוין יאָ זיין. נישטאָ זיך איבער וואס צו קריגען. צו צירלען. געה אהיים. האָסט דאָ נישט וואס צו זיצען.

צ י ר ל

איך וועל א היים נישט געהן.

ט ו ד ר ו ס

און דו, נח?... שעהנער מענש, האָסט זיך נישט געקענט אביסעל ארומפולען... זעץ זיך, חיים הערש, מיר וועלען זיך דורכ'שמועס'ן.

ח י י ם ה ע ר ש

כ'האָב נישט וואס צו רעדען.

ט ו ד ר ו ס

איך בין דיר אין וועג אריין נישט געקראכען און צו מיר האָסטו גאָרנישט. איך געה סיי ווי באלד צוריק אויפ'ן בית־עולם.

ח י י ם ה ע ר ש

בלויז גערעדט.

ט ו ד ר ו ס

אָט זעץ דיר אנידער, וועל איך זיך אויך אנידער זעצען. גיב מיר נאָך א שמעק טאבאק וועט מיר ווערען קלאָרער דער קאָפּ.

ק ר י י ס ע ל

געה חיה'לע ברענג די פלעשעל טאבאק פאר רב טודרוס'ן.

ט ו ד ר ו ס

פערשטעהסטו מיר, וויפיעל לעבט א מענש? כ׳וועל זיך נישט צו־שיטען. איז דאריבער וויל איך אז שלום זאל זיין. איך האב גע־רעדט מיט מיין זוהן — וויל ער אויך נישט! איז ער אויך אזא עקשן ווי דו — דאריבער זאג איך, אז דאס גלייכסטע איז צו מאכען א שלום און אנ׳עק זאל עס נעהמען.

ח י ה

ברענגט איהם פון צווייטען צימער א פלעשעל מיט טאבאק.

ט ו ד ר ו ס

ע, חיה׳לע, דו ביזט א גוט מיידעל וואס דו האסט מיר דאס פלעשעל געבראכט. כ׳וועל מיר שוין אנשיטען דאס פושקעלע... זאג איך אז שלום מוז ווערען...

ח י י ם ה ע ר ש

איך זאג אז עס וועט צו גארנישט פיהרען.

ט ו ד ר ו ס

געדענקסט ווען דו ביזט נאך געוועזן א אינגעל?

ח י י ם ה ע ר ש

נו איז וואס?

ט ו ד ר ו ס

איך מיין, אז דו געדענקסט, וויל איך זאגען.. אז דיין טאטע מיט נאטעס טאטע, איך מיין שמחה דוד, זאל זיין אין גן־עדן, האט מיט טודרוס׳ן אביסעל אנדערש געלעבט. און ווען נישט איך, ווער ווייסט וואו דו וואלסט איצטער אנגעשפארט. איך האב דיין טא־טען דאס ערשטע אויסגעהאלפען אז ער זאל זיך קענען א שטיבעל אויפשטעלען. איך האב איהם ס׳פערד געליהען ער זאל קענען דאס געהילץ אריבערפיהרען. און די שטרוי אויף זיין דאך האב איך אליין געדעקט. איך אליין מיט מיינע הענד. איך וויל עס דיר זאגען, אז דיין טאטע ליגט אין דער ערד. איך אליין האב איהם מקבר געוועזן... איז דאריבער וויל איך, אז דו זאלסט מיט מיין זוהן זיך נישט קריגען.

קרייסעל

אויס טרערען.

גאָט איז מיט אייך. ער האָט אונז אומגליקליך געמאכט. צו האָט איהם חלילה געפעלט פרנסה, וואס האָט ער זיך אויף אונז אָנגעזעצט?

חיים הערש

שלעפט אָב אָן ווערטער חיה'לען, וואָס האָט זיך געבען צירלען געזעצט.

בין איך שוין גערעכט, אז ס'וועט נישט העלפען?

טודרוס

זאָג איך דאריבער, אז מען בעדארף אויסגעפינען אַ פשרה און קריגען זיך איז נישטאָ וואס... געה, נח, כאפ זיך אריבער און ברענג אהער נאָטע.

נח

ער וועט נישט געהן.

טודרוס

געה דו, צירל, זאָג דעם טאטען, אז איך בין דאָ.

חיים הערש

איך בעדארף איהם דאָ נישט האָבען.

טודרוס

מען פרעגט נישט ביי דיר! איך וויל עס... יונגאטש איינער, ווי לאנג ביזט נאָך געוועזן אַ פיזשיק? אנטקעגען וועמען האָסטו עס אַ העזה צו רעדען אזוי?... איך האָב דיין טאטען און דיין מאמען צו קבר ישראל געבראכט. צו וועמען רעדסטו אזוי... דו!

חיים הערש

יא, ס'איז אלץ אמת וואס איהר זאָגט, ס'איז אלץ אמת. פרעג איך אייך אדרבה, זאָגט מיר, וואו זענט איהר געוועזן ווען ער האָט אָנגעהויבען בויען די מיהל?

טודרוס

מסתמא איז עס צום גוטען געוועזן... און איך וויל, אז אַ שלום זאָל

ווערען... געזעהן א מאָל ס'זאָל נישט זיין וועמען אריבערצושיקען ברענגען נאָטען אהער. געה דו חיה'לע, כאַפּ זיך אריבער זאָג מיין שנור, אז איך רוף זי אהער.

קרייסעל

זי איז דאָ נאָר וואס געוועזען.

טודרוס

ווער, קריינע? כ'מע... און איך האָב עס גאר נישט געוואוסט.

קרייסעל

זי איז דאָ געוועזען. האָט אזא פינסטערען מזל ווי איך.

טודרוס

הער זיך איין, נח. זיי א מענש, געה כאַפּ זיך אריבער און ברענג אהער נאָטען. דו קענסט דאָך אזוי גוט ווארפען שטיינער אין די שויבען, יונגאַטש איינער... געה שוין געה רוף איהם.

קרייסעל

גאָט איז מיט אייך, ער קען דאָך איהם אויף די אויגען נישט לאָזען.

טודרוס

קיין בייז זאָל נישט זיין. פאר נח'ן איז נישטאָ וואס מורא צו האָבען.

חיים הערש

איך וועל געהן לאָזען די מיהל.

טודרוס

לאָז געמאָך. זיי נישט קיין עקשן. ווען דו וואלסט זיך נישט איינגעשפּארט וואלט עס שוין אנדערש געוועזען. מיט נאָטען קען מען נאָך אויסקומען. נאָטע האָט נאָך א טאַטען, האָט נאָך דרך־ארץ; און די שקאָץ איינער — האָסט קיין טאַטען נישט, האָסטו נישט פאר וועמען מורא צו האָבען.

חיים הערש

אומזיסט אייערע רייד, עס וועט גאר נישט ארויסקומען. געה, נח, לאָז די מיהל.

קרייסעל

געה, מיין קינד, אפשר וועסטו קענען ברענגען נאָטען אהער; איך האָב שוין קיין כח נישט אויסצוהאַלטען.

טודרוס

געהט קינדער. געהט אַלע דריי. ברענגט אהער נאָטען מיט מיין שנור. און טאָמער איז נאָך דאָרט פארהאַנען דער... זאָגט איהם, אז ער קען בלייבען זיצען דאָרטען... אט אַזוי קינדער געהט...

צירל, נח און חיה געהען אַרויס.

חיים הערש

נו, אנגעזעצט זיך אויף מיר, טפוי זאָל עס ווערען —

טודרוס

טפוי זאָלסטו ווערען, שנעק דו איינער!.. אז איך זאָג, שלום, וועט דאָך שוין מסתמא זיין ווי איך זאָג... פערשטעהסטו, אז ביי דיין טאַטען איז שוין פארטיג געוועזן די שטוב איז נאָך קיין אָנהייב פון קיין שטאָל אפילו נישט געוועזן. אונטער אַ שטיקעל דאַשיק איז דער פערד געשטאַנען און אונטער דעם אייגענעם צוברָאָכענעם דאַ־שיק איז די בהמה אויך געשטאַנען. ס'האָט שוין אָנגעהויבען געהן צו ווינטער און ס'איז נישט געוועזן וואו די „שטיקלאַך" אהין צו טהאָן. מיינסטו גוט איז עס געוועזן? די בהמה זיך געקעלבט ביי מיר אין שטאָל. דאָס קעלביל צו זיך אין שטוב אריין גענומען. די מאַמע פלעגט קומען צו מיר אין שטאָל אריין די בהמה מעלקען... און אז ס'האָט אויסגעפעלט האָלץ, אויף שבת דעם אויווען צו הייצען...

חיים הערש

ווילט איהר איך זאָל עס אייך איצטער ארויסצאָהלען?.. זאָגט, וויפיעל עס קומט אייך —

טודרוס

איך בין רייכער פון דיר, דו גאַרנישט, איינער! ווארום איך וועל שוין באַלד זיין מיט אַלץ בעזאָרגט.. איך וויל עס דיר נאָר דער־צעהלען כדי דו זאָלסט וויסען, אז יעמאָלט האָט מען זיך נישט גע־

קריגט נישט געשטויגען און נישט געפלויגען.

ח י י ם ה ע ר ש

א שעהנער נישט געשטויגען און נישט געפלויגען.

ק ר י י ס ע ל

ווי קענט איהר עס גאר פון אייער מויל ארויסזאגען?

ט ו ד ר ו ס

איך האב געזאגט, אז מען בעדארף נישט, האט מען מיר נישט גע־פאלגט. כ'האב געזאגט, אז קברנות איז א זיכערע פרנסה. נישט אויסקוקען ביז דער ווינד וועט מוחל זיין צו בלאזען. שטארט וויל איהם נאך איצטער אויך נישט אבלאזען. זינד ער איז אוועק שפרינ־גען דארט די מתים צווישען די קברים ארום... האנדלען מיט'ן ווינד... און דער עיקר איז...

ער קוקט אין פענסטער.

ח י י ם ה ע ר ש

קוועטשט מיט די פלייצעס צום אלטען קוקענדיג, ווי איינער זאגט: „וואס וויל ער דא האבען פון מיר?"

ק ר י י ס ע ל

זיי געהן שוין?

ט ו ד ר ו ס

דער גוטער יאהר ווייסט איהם: איך זעה נישט.

ח י י ם ה ע ר ש

וואס וויל נאך דאס מיידעל האבען פון מיין קאפ?

ט ו ד ר ו ס

דאס מיידעל איז טייערער פון דיר מיט דיין מיהל אין איינעם. דאס איז מיין גאנצע הרחבה אין לעבען. נאר צוליעב'ן מיידעל בין איך אהער געקומען און כ'וואלט וועלען א שלום מאכען. ער האט זי היינט געשלאגען דער יונגאטש. ווי הייבט מען עס אויף א האנד אויף אזא ליכטיג קינד?

ק ר י י ס ע ל

ער האט דעם זוהן היינט אויך געוואלט שלאגען.

ט ו ד ר ו ס

וואו האָבען זיי זיך עס אויסגעלערנט? צו האָב איך אמאָל כאָטש אויף נאָטען אַ פינגער ארויפגעלעגט? צו האָט דיך דען אמאָל דיין טאטע געשלאגען? פונקט ווי אין אַ וואלד איז עס אויסגעוואקסען...

ח י ה

קומט אַריין.

זיי ווילען נישט געהן.

ט ו ד ר ו ס

וויל נישט געהן? וואו זענען די קינדער?

ק ר י י ס ע ל

וואו איז נח?

ח י ה

ער געהט אהיים. צירל איז אין שטוב נישט אריינגעגאנגען.

ט ו ד ר ו ס

טאָ ווער דען האָט מיט נאָטען גערעדט?

ח י ה

נח איז אריינגעגאנגען.

ק ר י י ס ע ל

נח איז אין שטוב געווען?

ח י ה

איך האָב געזעהן דורכ'ן פענסטער.

ט ו ד ר ו ס

פאר וואס ביזטו אליין אהין נישט אריינגעגאנגען?

ח י י ם ה ע ר ש

נישטאָ וואס צו מאכען. ס'איז צו מערקען אַז איהם אליין פערדריסט וואָס ס'האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזען.

ט ו ד ר ו ס

דאָס איז אין דער האלבער וועלט נישט געהערט געווארען, קינדער זאָלען אַ טאטען צו די עלטערע יאהרען אזוי פערשווארצען זיינע טעג...

ק ר י י ס ע ל

זאל איך אפשר געהן? וואס זאגסטו, חיים הערש?

ח י י ם ה ע ר ש

שווייגט.

ט ו ד ר ו ס

דאס גליכסטע וואלט געווען, אז דו, קרייסעל, זאלסט אריבער־געהן.

צ י ר ל

לויפט אריין אין שטוב און ווארפט זיך צום אלטען.

זיידע, זיידע לאזט נישט: ער יאגט מיר נאך... ער האט זיך דער־וואוסט, אז איך בין דא געווען...

ק ר י י ס ע ל

וואו איז ער?

ט ו ד ר ו ס

וואו איז ער? איך וועל צו איהם אלע בייזע חלומות אויסלאזען.

נ ח

קומט אריין בלאס און אויפגערעגט.

ק ר י י ס ע ל

דו ביזט דארט געווען? נו...

נ ח

ער האט זיך גאר געכאפט שלאגען, ער מיינט אז...

נ א ט ע

קלאפט אין פענסטער, שרייט.

זאלסט מיר פון דארט ארויסגעהן! א היים זאלסטו מיר געהן!

ט ו ד ר ו ס

קום אריין, נאטע. קום אריין, יונגאטש דו.

ק ר י י ס ע ל

אין גאטעס ווילען. וואס האט איהר צום קינד? קומט אריין.

ט ו ד ר ו ס

געה דו ארויס, קרייסעל, און ברענג איהם אריין. פערשטעהסט, אז

איך וועל ארויסגעהן איז די זאך פערפאלען.

חיים הערש

לויפט אין צווייטען צימער.

טודרוס

וואס אנטלויפסטו, חיים הערש? דא בלייב. היינט וועט עס נעה־מען אנ'עק.

קרייסעל

זי געהט ארויס. ס'הערט זיך הויך רעדען דרויסען.

צירל

טוליעט זיך צום אלטען.

טודרוס

וואס ציטערסטו אזוי, דו ציעג איינע? דיין טאטע איז נאך נישט אזוי שלעכט ווי דו מיינסט. אז עס מאכט זיך א פגע־רע קערט ער אוים די טעפלאך.

צירל

זיי געהען אלע אהער.

טודרוס

קום ארויס, חיים הערש; וואס האסטו זיך בעהאלטען?

קרייסעל און קריינע ברענגען אריין מיט גע־וואלד נאטען.

נאטע

נו שוין, אט בין איך שוין דא... נו נעהמט בעגראבט מיך.

קריינע

צו צירלען.

מיין קינד, ווי ווילסטו עס אזוי א מאמען פערקירצען די יאהרען?

נאטע

פערמעסט זיך צו צירלען מיט א פינגער.

איך וועל דיר נאך ווייזען וואס א טאטע איז...

טודרוס

מען ווייסט שוין וואס פאר א טאטע דו ביזט, און וואס פאר א

טאטע חיים הערש איז. אזא... נאר כ׳וועל אייך נישט שעלטען.

נ אָ ט ע

וואס ווילסטו פון מיר, טאטע?

ט ו ד ר ו ס

איך וויל מאכען א שלום.

נ אָ ט ע

האָט מען מיך אהער געבראכט? קראנק איז ער צו קומען צו מיר?

ח י י ם ה ע ר ש

אין טיר פון צווייטען צימער.

איך האָב נאָך דיר נישט געשיקט און כ׳בעדארף קיין שלום נישט.

ק ר י י נ ע

מיר ווינשען אייך קיין בייז נישט, חיים הערש.

ח י י ם ה ע ר ש

קריגעריש.

איך וויל פון דעם נישט וויסען.

ט ו ד ר ו ס

אויב מען וועט ארייגלאזען אין דער לאנגער באנק וועט פון ז׳עם קיין גוטס נישט ארויסקומען.

ק ר י י ס ע ל

מען וועט נאָך חלילה אויפ׳ן פייער ארויפקומען.

נ אָ ט ע

ברענען איז ברענען.

ח י י ם ה ע ר ש

אויב ברענען, איז ברענען.

ק ר י י ס ע ל

מיינע שונאים זאלען ברענען.

ק ר י י נ ע

איך בין אייך קיין שונא נישט.

ט ו ד ר ו ס

שטעהט נישט ווי די הענער אנגעבלאזען. זאָל מען זיצען און רע־

דען ווי מענשען. וואס ס'איז געווען — איז געווען, טאָמער וועט איי־
נער דעם אנדערען בעדארפען ארויסצאָהלען — וועט מען ארויס־
צאָהלען. און א שלום זאָל ווערען.

נ אָ ט ע

וואס ווילסטו טאַטע? לאָמיר הערען.

ט ו ד ר ו ס

זעץ זיך, ועסטו הערען.

ח י י ם ה ע ר ש

געה, נח, לאָז די מיהל; איך קום באלד ארויס.

ט ו ד ר ו ס

מיט כעס.

דו יונגאטש איינער, איך וויל דיר די ביינער צוברעכען, וואָס ווילט
איהר פון אנ'אלטען טאַטען — בעגראבען פאר דער צייט? איך
וועל מיר נישט לאָזען!

ק ר י י ס ע ל

געזונד זאָלט איהר נאָר זיין, רב טודרוס.

ק ר י י נ ע

ווארום ער איז דען נישט גערעכט?

ט ו ד ר ו ס

געזעהן אמאָל, מען קען זיך מיט'ן ווינד נישט צוטיילען... די וועלט
איז קליין.

ח י י ם ה ע ר ש

גענוג גערעדט, וואס ווילט איהר?

ט ו ד ר ו ס

דערלאנג קרייסעל צום טיש בראנפען, אויב דו האסט.

ק ר י י ס ע ל

ס'איז פארהאנען; ווייסט ווי דען?

ט ו ד ר ו ס

לויף צירל אהיים און ברענג די פלאש בראנפען.

נ אַ ט ע

שטעהט אויף.

פון דיינע פּלענער, טאַטע, וועט גאר נישט ארויסקומען.

צ י ר ל

זי ציהט אין דער שטיל ארוים חיה'ן פון שטוב. פערשווינדען.

ט ו ד ר ו ס

דו, נח, געה ארויס פון שטוב אויף א ווייל; מען בעדאַרף דיך איצטער נישט האָבען. צו נאָטען. זיץ איין אויף אַנ'ארט, זיץ...

נ ח

געהט ארויס.

ט ו ד ר ו ס

צו נאָטען און חיים הערשען, וואָס זיצען ביים טיש מיט די פּליצעס איינער צום אַנדערען אָנגעבלאָזען.

איצט, מיין זוהן, הער וואס איך זאג דיר. און דו, חיים הערש, הער וואָס מען רעדט צו דיר. אייער מחלוקת איז צו וויט פערגאַנגען. עס געפעלט מיר נישט. איך בין אויך אַנ'עקשן, אבער עקשנות בעדאַרף דאָך האָבען א גרעניץ. קינדער בעדארפען נישט ליידען פון טאַטע מאַמעס עקשנות. איהר הערט וואס מען רעדט צו אייך? יענ'ער דאָרט, כאַצקעל, האָב איהם א גוט יאהר — ער האָט דיך אין אַ בלאָטע פערפיהרט, מיינענדיג צירלען צו בעקומען... זי האָט אָבער ליעב נח'ן. ס'איז איהר זאך. קענסטו נישט העלפען. יענער איז רייך? האָב איהם א גוט יאהר. ווער ווייסט נאָך בעסער פון א קברן וואו אָרים און רייך ליגען? כע-כע!

נ אַ ט ע

ס'וועט דערפון גאר נישט זיין, טאַטע.

ח י י ם ה ע ר ש

דערפון וועט גאָר נישט ארויסקומען. זאָל געהן ווי עס געהט.

ק ר י י נ ע

און אייער קינד?

ח י י ם ה ע ר ש

פאר מיין קינד זאל איך נישט ארען.

ק ר י י ס ע ל

אוים טרערען.

וואָס אַרט זיי טאַקע פאר די קינדער? די קינדער געהען אוים ווי ליכט.

ט ו ד ר ו ס

איך זאג דיר נאָך אמאָל, נאַטע, און דו, חיים הערש, איהר זאלט אוועקוואַרפען אייער עקשנות.

ח י י ם ה ע ר ש

איך האָב נישט קיין עסקים מיט קברנים.

ט ו ד ר ו ס

שעמען זאָלסטו זיך אין דיין ווייטען האלז אריין.

נ אַ ט ע

וואָס ווילסטו פון מיר, טאַטע? די גאַל וועט אין מיר פּלאַצען.

ק ר י י נ ע

בעדענק דיר, נאַטע.

ק ר י י ס ע ל

חיים הערש, איך האָב שוין קיין כח נישט. דער סוף וועט זיין, אַז אימעצער פון אונז וועט נאָך חלילה מיט'ן פייער אוועקגעהן. יענער יונגאַטש וועט נאָך מענשען דינגען, אז מען זאל אונז אונ־טערצינדען.

צ י ר ל

קומט מיט אַ פלאַש בראָנפען. דערלאַנגט דעם אַלטען אין דער שטיל. חיה געהט איהר נאָך.

ט ו ד ר ו ס

שטעלט די פלעשעל אויפ'ן טיש. דער עולם קוקט אויף איהר און שווייגט.

ק ר י י נ ע

דערלאַנגט גלעזלעך צום טיש.

ט ו ד ר ו ס

וואו איז נח?

ק ר י י ס ע ל

רופט.

נח'ל, וואו ביזטו?

נ ח

קומט אריין.

וואס בעדארף מען מיך?

ק ר י י ס ע ל

זיי אין שטוב.

ט ו ד ר ו ס

איצטער קינדער פאלגט אנ'אלטען טאטען. הערט זיך איין מיט קאפ. אויב איך וועל זאגען א קרומע זאך וועט איהר מיר נישט פאלגען, האט איהם פראוו... מיט ציטריגע הענד גיסט ער אן די גלעזלאך. נעהם, נאטע, ס'איז דיין בראנפען. נעהם מאך א ברכה... לחיים, זאל גאט געבען, אז עס זאל שוין געהן כשורה. נו, חיים הערש, לחיים, טרינק אויס, ס'איז נישטא קיין צייט. מען בעדארף די מיהלען לאזען. די מיהלען שטעהען. דער עולם טרינקט ניט. די גלעזלאך שטעהן אנגעגאסען אויפ'ן טיש. נו, וועל איך אליין טרינקען. אין דער מיהל וואס מען האט אויסגעבויט, איך מיין אין דער נייער מיהל וועט מען אריינזעצען נח'ן מיט צירלען. אזוי וועט עס בלייבען.

דער עולם שווייגט. קוקען זיך דורך שווייגענדיג.

נ א ט ע

דאס וועט נישט זיין.

ח י י ם ה ע ר ש

א נעכטיגער טאג!

ק ר י י נ ע

חיים הערש, איך האב צו אייער קינד, חלילה, גאר נישט. אזא יאהר אויף מיר וואס פאר א קינד איהר האט.

קרייסעל

ס'האַרץ איז מיר פריהער צעריסען געוואָרען קוקענדיג אויף איהר
ווי זי האָט נעבעך געוויינט מיט ביטערע טרערען.

טודרוס

איהר האָט זיך האַלט, קינדער, זאָגט עס אייערע טאַטעס, זאָלען
זיי וויסען. — איך זאָג, אז מען זאָל די קינדער אריינזעצען אין
דער מיהל און מיר וועלען צוריק געהן אויפ'ן בית־עולם. שטאָדט
וויל אונז און איהם וועט מען דאָס געלד אבגעבען.

נ ח

איך אליין וועל איהם דאָס געלד צוריק אומקעהרען.

טודרוס

אַט האָסטו דו שוין.

קרייסעל

וואָס שווייגט איהר נאָטע?

קריינע

זאָל חיים הערש זאָגען אַ וואָרט.

טודרוס

עלטערען מיט קינדער וועלען זיך צוליעב פרנסה נישט שלאָגען.
איהר וועט זיי העלפען און מיר וועלען זיי העלפען. און שלום זאָל
זיין. זאָגט קינדער אז איהר האָט זיך האַלט.

דער עולם זיצט מיט אַראבגעלאָזטע קעפּ. שווייגט.

נאָטע

שטעהט אויף, נעהמט פון טיש צוויי גלעזלאך בראָנפען. ער דער־
לאַנגט איינס צו חיים הערשען.

נו, חיים הערש. זיי קיין עקשן נישט. וואָס געוועזען איז געוועזן.
מסתמא איז דאָך עס פון גאָט.

חיים הערש

נעהמט די גלאָז, בלייבט נאָך אַלץ אַזוי זיצען.

טודרוס

נו, וואָס, נאָך אלץ אָנגעבלאָזען?

נ אַ ט ע

גווינקט צו צירלען. ער קוקט זי אָן.

נו, האָב איך עס א טאָכטער...

ח י י ם ה ע ר ש

נישט בעסער פון מיין זוהן.

ט ו ד ר ו ס

לחיים, לחיים!

אַלע אינאיינעם: „לחיים, לחיים!“

ק ר י י נ ע און ק ר י י ס ע ל קושען זיך. שרייען:

מזל טוב! מזל טוב!

ח י ה

פערשטעהט שלעכט וואָס דאָ קומט פאָר. נאָר זעהענדיג אַז די גרויסע זענען שלום געוואָרען טאַנצט זי פאר שמחה. און שרייט:

מזל טוב! מזל טוב!

ע נ ד ע.